PJ
5120
C5
v.1

פריהערדיגער שטרעבונג, פערקעהרט, דאָס איז איהר העכסטער און רעאַלסטער אויסדריק: פריהער האָט ער געשטרעבט צו פערזענליכער זעלבסטשטענדיגקייט, איצט שטרעבט ער אויך דערצו; נאָר פריהער פלעגט ער, כדי צו זיין זעלבסטשטענדיג, כדי אַרויסצעווייזען זיין שטאָלץ, בייטען איין בעל-הבית אויף דעם אַנדערען, איצט וויל ער גאָר קיין בעל-הבית אויף זיך נישט האָבען... אַי-וואָס ער וויל אַליין ווערען אַ בעל-הבית? — דערין איז ער נישט שולדיג: ער קען עס נישט אויסמיידען; אגב דינגט זיך מיט די אַרבייטער די ווייב זיינע, ער איז אין שטוב נישטאָ...

מענשען, וואָס זענען טעאָרעטיש פעראינטערעסירט אין דעם, קאָנען זעהען אין דראַבקינ׳ען אַ בעוויז, אַז די „פּראָלעטאַרישע פּסי-כאָלאָגיע" פיהרט דעם יודישען אַרבייטער נישט צום פּראָלעטאַרישען, נאָר צום „קליין-בירגערליכען אידעאַל", צום אידעאַל פון „פערזענלי-כער זעלבסטשטענדיגקייט". אין דער אמת׳ן אָבער איז דראַבקינ׳ס שטרעבען צו פערזענליכער פרייהייט מעהר נישט ווי אַ סימן, אַז פּינס-קי מאָלט די יודישע אַרבייטער אין דער ענטוויקלונגס-סטאַדיע, ווען די אַרבייטער זענען שוין אַ „קלאַס געגען אַנדערע קלאַסען", אָבער נאָך נישט קיין „קלאַס אין זיך"; אין דער דאָזיגער סטאַדיע איז די בעוועגונג צווישען די אַרבייטער, ווי בעוואוסט, נישט קיין סאָציאַל-בעוואוסטזיניגע, נאָר אַ סטיכיש-אַנאַרכיסטישע, נישט געזעלשאַפטליך-בעפרייענדע, נאָר אַ פערזענליך-בעפרייענדע.

דעם קינסטלער איז דאָס פערזענליכע נעהענטער, ווי דאָס גע-זעלשאַפטליכע (דאָס געזעלשאַפטליכע איז ראַציאָנאַליסטיש, אָפט מעכאַ-ניש): „אונזער ערשטען מאַי" האָט געשריבען פּינסקי דער מ אָ ר אַ-ל י ס ט; פּינסקי דער ק י נ ס ט ל ע ר האָט געשילדערט אינ׳ם אַרבייטער דאָס פערזענליכע, דאָס אונמיטעלבאַרע און אונאָרגאַניזירטע, — דאָס ריין-מענשליכע...

(דער קלאַס) זאָל זיך מאַטעריעל בעפרייען. און אָט די בעפרייאונג פון דעם יחיד און דעם קאַמפּף פון דעם יחיד האָט בעמערקט פינסקי אין דעם יודישען אַרבייטערלעבען: דער בעל-הבית בעליידיגט די טאָכטער דעם אַרבייטער׳ס (דעם אַרבייטס-מענשענ׳ס, וואָלט ריכטיגער געווען צו זאָגען), ער ריהרט אָן דאָס הייליגסטע, — דאַן, נישט ווען ער עקספּלאָאַטירט איהם, פּראָטעסטירט ער, דאַן וואַכט-אויף דער מענש אין איהם („אַראָב דער יאָך״); דער בעל-הבית וויל פערשטערען דעם יום-טוב דעם אַרבייטער, ער פערשוועכט דאָס יום-טוב׳דיגע, דאָס גייסטיגע אין איהם („אויסגעפיהרט״, „אברמ׳ל דער טויבער״), דאַן זאָגט ער אָדער די מעהר שטאָלצע און וועניגער פערשקלאַפטע פרוי זיינע זאָגט: ניין! אַלץ יאָ — דאָס נישט!

און נישט קיין צופאַל איז דאָס, וואָס זעהר זעלטען זעהען מיר די אַרבייטער פינסקי׳ס ביים וואַרשטאַט, אין דער פאַבריק, און זעהר אָפט זעהען מיר זיי אין דער היים, נעבען ווייב און קינדער, ביי אַ יום-טוב׳דיג געגרייטען טיש, — נישט קיין צופאַל איז דאָס, ווייל פינסקי מאָלט אונז די יודישע אַרבייטער, נישט אַלס עקאָנאָמיש אָדער פּאָליטיש שטרייטענדיגען קלאַס, נאָר אַלס גייסטיג זיך בעפרייענדע פּערזענליכקייטען. „חיים משרת״ איז נישט נאָר אַלס אַרבייטער, אַלס משרת פערשקלאַפט און דערשלאָגען: דער שקלאַף שטעקט אין דער נאַטור ביי איהם, ער איז בטבע אַ פחדן (פינסקי מאָלט ערגיץ נישט דעם אַרבייטער, אַלס פאַך-מענשען און אויך נישט אַלס גרופּען-טיפּ; די גרופּען-פּסיכאָלאָגיע איז ביי איהם שטענדיג בעהעפט און צונויפגעגאָסען מיט דער אינדיווידועלער פּסיכאָלאָגיע), און דראַבקין איז נישט קיין סאָציאַליסט, נישט קיין „בעוואוסטזיניגער פּראָלעטאַריער״, ער איז פשוט אַ „פרייער פויגעל״, אַ לעבעדיגער יונג, אַן „עזות-פנים״, וואָס בעשטעהט אין קיינעם נישט, ווי די בעל-הבתים זיינע זאָגען; ווען דער בעל-הבית בעגעהט זיך שלעכט מיט אַן אַרבייטער, רופט ער נישט די חברים, זיי זאָלען זיין איייניג, סאָלידאַריש און צוזאַמען פּראָטעסטירען. ניין! ער שפּרינגט אַליין אַרויס: „איך קאָן נישט שווייגען״, זאָגט ער; ער פּערזענליך קאָן נישט שווייגען, זיין פּערזענליכען יושר-געפיהל, זיין פּערזענליכען שטאָלץ האָט מען פערטשעפּעט. און קיין פּסיכאָלאָגישע, און קיין מאָראַלישע פערענדערונג קומט נישט פאָר אין איהם שפּעטער, ווען ער שטרעבט צו ווערען אַ בעל-הבית פאַר זיך, וואָרום דאָס איז נישט קיין ווידערשפּרוך צו זיין

אין דעם מענשען, נאָר דאָס מענשליכע אין דעם אַרבייטער; און פּראָ-
טעסטירען פּראָטעסטירט אויך דאָס מענשליכע, נישט דאָס אַרבייטערישע.

דער אַרבייטער-פּראָטעסט איז אַ מאַסען-פּראָטעסט; ביי פּינסקי'ן
איז נאָר אין איין ערצעהלונג („ערב יום כפור") פאַרהאַן אַ רמז אויף
אַ מאַסען-פּראָטעסט, אויף אַ שטרייק. אין אַלע איבעריגע ערצעהלונגען
זעהען מיר יחידים, נישט קיין מאַסע, נישט קיין קלאַס; נישט קיין
פּראָלעטאַריאַט, נאָר פּראָלעטאַריער. און די פּראָלעטאַריער ליידען זעהר
אָפט נישט אונמיטעלבאַר פון בעל-הבית: איינע ליידען נאָר דער-
פון, וואָס זיי האָבען קיין בעל-הבית נישט, זיי געהען אום אָהן אַר-
בייט („אַ מעשה מיט אַ הונגעריגען", „די מלחמה מיט גאָט", „טראַם,
טראָם"); אַנדערע מוזען, אַ חוץ דער אַרבייט זייערער, נעהמען זיך
פאַר נאָך אַ בעשעפטיגונג, אַ זייטיגע — אַזאַ, וואָס איז אַ בעליידיגונג
פאַר זיי („אַ פערפאַלענער", „אין צוואַנגען"), נאָר אַפילו דאָרט, וואו די
אַרבייטער שטויסען זיך צונויף מיט די בעלי הבתים, שטעקט
דער צוזאַמענשטויס ס'רוב נישט אונמיטעלבאַר אין די אַרבייטס-בעציהונ-
גען, נישט אין דער עקאָנאָמישער עקספּלאָאַטאַציע, נישט אין קאַמפף
פאַר דעם „מעהר-ווערט", נאָר אין קאַמפף פאַר דעם מענשליכען ווערט.
דער בעל-הבית, וואָס פּינסקי שילדערט, איז אַ איבערגאַנגס-טיפּ: ער
שטעהט צווישען דעם גביר און דעם קאַפּיטאַליסט; ער האָט
שוין אין זיך נישט די איידעלקייט, דעם גייסטיגען אַריסטאָקראַטיזם
פון דעם פאַרצייטיגען פּאַטריאַרכאַלישען גביר, דעם גרויסען מופלג
אָדער דעם פייערדיגען חסיד, דעם גביר, וואָס קאָן אַמאָל האָבען דרך
ארץ פאַר דעם, וואָס דיענט ביי איהם, מעהר נישט דערפאַר, ווייל
ער איז אַ גרויסער למדן, אַ גרויסער עהרליכער יוד אָדער גלאַט אַ
בן-טובים; ער איז נאָך אויך נישט דערוואַקסען ביז'ן היינטיגען אייראָ-
פּעאיזירטען קאַפּיטאַליסט, וואָס פערהאַלט זיך צום אַרבייטער, ווי צו אַ
געגנער, ווי צו אַ צווייטען צד; ער, דער בעל-הבית, וואָס מיר בע-
געגנען ביי פּינסקי'ן, קוקט אויפ'ן אַרבייטער, ווי אויף אַ נידעריגער
בריאה, ווי אויף אַ קבצן, וואָס דאַרף וויסען, ווער עלטער איז, און
נישט זיין קיין עזות-פּנים... דערפאַר איז די ערשטע זאַך געוואָרען
דער אַרבייטער אַן „עזות-פּנים"; דאָס איז געווען די ערשטע מרידה,
דער ערשטער פונק פון זעלבסבעוואוסטזיין: אָהן מענשליכען בעוואוסט-
זיין איז נישטאָ קיין סאָציאַל-בעוואוסטזיין; נאָר אַ שטאָלצער מענש
קען זיין אַ חבר; דער יחיד מוז זיך בעפרייען גייסטיג, כדי דער כלל

# III.

אין דער נייער יודישער ליטעראַטור איז די ליעבע ביי קיינעם נישט אַזוי הייס, אַזוי שטורמיש, ווי ביי פּינסקי׳ן. דער עיקר — די פרויען-ליעבע. אויף איהר, אויף דער פרוי, ליגט נישט די לאַסט פון יודישקייט, זי איז נישט געגאַנגען אין חדר, זי האָט נישט געקנייטשט דעם שטערן, נישט געקרימט דעם רוקען אין קלויז, אין בית-מדרש אויף דער גמרא, אויפ׳ן טרף-פסול; זי איז נעהנטער צום לעבען, צו דער נאַטור, צו זיך זעלבסט. מאיר׳ל (פון „ערד-גייסט״) קומט אין גאָרטען, וואו זי וואַרט אויף איהם מיט אַ תיקון-שבועות אונטער׳ן אָרעם; מיט איין האַנד נעהמט ער זי אַרום, אין דער אַנדערער ליגט ביי איהם דער „תיקון״, שעמט ער זיך פאַר׳ן תיקון. זי אָבער שעמט זיך נישט, איהר ליעבע איז אַנ׳אָפענע, אָהן גרעניצען. זיין ליעבע איז אויך שטאַרק אפשר, נאָר מיר זעהען זי נישט: דער פרוי׳ס ליעבע פערשטעלט זי; ער לאָזט זיך ליעבען — און זי ליעבט: „איך וואָלט געוואוסט, וואו ער וואוינט, וואָלט איך געגאַנגען צו איהם״ („אין אַנהויב״); זי געהט צו איהם; זיין געפיהל ציינדט זיך אָן אין איהרען, און עס צוגעהט אין איהרען, ווי אַ פונק אין אַ פלאַם. זיין געפיהל איז ציטערדיג, טרוימעריש, שטיל, אַמאָל גאָר שוואַך, סענטימענטאַל; ביין „קלויזניק״ — קאָמיש; ביי דער פרוי איז עס דראַמאַטיש.

אגב, די פרוי ביי פּינסקי׳ן איז שטענדיג כמעט אַן אַקטיווע, אַ שטורמישע נאַטור — נישט נאָר אין דער ליעבע. נאָך דעם טרעגער פון „אַראָב דער יאָך״ זענען די ערשטע, וואָס פּראָטעסטירען געגען דער הערשאַפט פון די בעלי-הבתים — פרויען (חיים משרת׳ס טאָכטער און חנה אין דער ערצעהלונג „אויסגעפיהרט״). די פרוי מאַכט פון דעם אַרבייטער — אַנ׳אַרבייטער, זי מאַכט פון איהם אויך אַ בעל-הבית (דראַבקין׳ס ווייב). זי שטעהט אין צענטר פון די אַרבייטער-ערצעהלונגען נישט אַלס אַרבייטערין, נאָר אַלס פאַמיליען-מיטגליעד, אַלס מענש, — אַלס מענש, וואָס זיצט אין דער היים און איז דערפאַר נישט אַזוי דערשראָקען און נישט אַזוי אונטערגעוואָרפען אונטער דעם בעל-הבית, ווי דער מאַן, דער אַרבייטער, דער משרת; זי פיהלט טיעפער די בעליידיגונג, זי האָט מעהר מוט צו פּראָטעסטירען געגען איהר: דען בעליידיגט ווערט ביי פּינסקי׳ן נישט דאָס אַרבייטערישע

עפּיס בייזעס, העסליכעס, מאַכט פּינסקי אַ גראָבען פּאַס אונטער דאָס בעזע און העסליכע און איהר וועס עס שוין בעמערקען, אייערע אויגען מעגען זיין בלינדליך און אייער געוויסען — טויבליך... אינ׳ם אַרבייטער׳ס פּראָטעסט איז, פערקעהרט, פאַרהאַן עפּיס שענעס און מענשליכעס, שטעלט פּינסקי אויפ׳ן שין ווידער דאָס פּינטעלע. אָבער, ווי געזאָגט, נישט קיין טענדענץ איז עס, נאָר די געוועהנהייט פון דעם הייסען טעמפּעראַמענט און פון דעם, וואָס האָט אין זיך אַ מאָראַלישען פּאַטאָס, צו שטעלען די טראָפּ אויפ׳ן סוף פּסוק, און אָבטיילען שאַרף דעם יאָ פון דעם ניין, — דאָס איז די טבע פון דער גאַנצער און וועניג געשליפענער נשמה צו רעדען „קלאָרע דבורים”...

פּינסקי׳ן איז פרעמד די קונסט, די פיינע און שווערע קונסט פון האַלבע ווערטער און האַלבע טענער. ער ווייס נישט „דעמערונג”, נאָר טאָג און נאַכט. נישטאָ ביי איהם צווישען-מדרגות, נאָר הויך און נידער, נאָר געדיכטע פאַרבען: שוואַרץ און ווייס; נאָר גראַדע ליניעס: מזרח און מערב...

כדי דאָס שוואַרצע זאָל שוואַרצער זיין, לעגט ער ווייס דערביי; כדי דער מזרח זאָל קענטיגער זיין, ווייזט ער אויך דעם מערב...

אפשר שטאַמט עס פון׳ם דראַמאַטיקער, וואָס זיצט אין איהם. דאָרט, וואו עס זענען נישטאָ קיין קאָנפליקטען, ווייזט ער אונז קאָנטראַסטען... אין דער „ערוואַכונג” מאָלט ער נישט דעם עצם מאָמענט פון „פריהלינגס-ערוואַכונג” — דאָס איז אַ איבערגאַנגס-מאָמענט — ער מאָלט אונז דעם קאָנטראַסט צווישען דעם יונגעל פריהער, איידער אין איהם האָט אויפגעוואַכט דער „פריהלינג”, און דעם יונגעל דערנאָך; אין דעם „ערד-גייסט” זעהען מיר דעם קאָנטראַסט צווישען דעם גייסט פון „ליעבע און לוסט אין לעבען”, וואָס שוועבט אין דער פריהלינגס-נאַכט, און די שטעדטעלדיגע יודען, וואָס זענען אַריינגעטון אין תּיקון-שבועות, און... אין איינער פון די שענסטע פּינסקי׳ס ערצעהלונגען — אין „ליעבע”, מאַכט זיך דאָס ווייבעל קאַלט צום מאַן, און דאָס מאַכט איהר ליעבע צו איהם נאָך הייסער, נאָך שטומער און נאָך קענטיגער...

יאָ, אויך אין די ערצעהלונגען פּינסקי׳ס שפּירט זיך דער דראַמאַטיקער...

איהר געשריען פאַר ווילדקייט. זי האָט נישט געהערט די ערד אונטער זיך" א. אַ. וו. און אַז איהר לייענט, ווי כּיענע, די אַלטע יודינע, די תּהלים-זאָגערקע, טראָגט זיך אום פון גאַס צו גאַס און פון שטוב צו שטוב זוכען איהר טאָכטער, וואָס איז אום שבת תּשובה אַוועק צום „שטיק-משומד" — זעהט איהר בחוש, ווי עס טראָגט זיך אום אויף צוויי פיס און מיט אַ טוך אויפ'ן קאָפּ אַ שטורם, און איהר ווייסט נישט, וואו עס שטורעמט, צי אין דער וועלט אַרום, צי אין כּיענען אינווייניג, צי גאָר אינ'ם שרייבער, וואָס האָט אויס-געגאָסען, אויסגעשטורעמט דעם גאַנצען פּאַטאָס פון זיין פּען...

אַ שטורמישער פּאַטאָס און עפּיס אַ פאַנאַטישע איינגעשפּאַרטקייט איז פאַרהאַן ביי פינסקי'ן נישט נאָר אין דעם פּראָטעסט פון דאָס „יונ-גע" געגען דאָס „אַלטע", נאָר אויך אין דעם כּעס, וואָס די „אַלטע" זענען אין כּעס אויף די „יונגע". מיט וואָס פאַר אַ ברען און מיט וואָס פאַר אַ ליידענשאַפטליכער פעראַכטונג רעדט וועגען די „יונגע" ר' זעליג („אַלטינקע"), אָדער דער יוד, וואָס דערצעהלט דעם אַדוואָקאַט, ווי אַזוי ער האָט אויסגעפּאַטשט זיין פּלימעניצע!... די רייד, וואָס זיי רעדען זענען אַ ביסעל „האַמעטנע" און טאַקע גאָר מגושמ'דיג, נאָר געה פאָדער איידעלקייט און „געשמאַק" פון אַ ווילדע און אַ צורודער-טע קראַפט!

פינסקי האָט אַזוי ליעב אָט די ווילדע, מגושמ'דיגע און צו-רורערטע קראַפט!

דערפאַר שטעלט ער איהר שטריכלונגען, מאַכט אַ צוזאַמענשטויס, כּדי די קראַפט זאָל נאָך קרעפטיגער ווערען, נאָך ווילדער און מגושמ'-דיגער. כּמעט אין אַלע ערצעהלונגען זענען פאַרהאַן צוזאַמענשטויסונ-גען, קאָנפליקטען, מלחמות: צווישען אַלטע און יונגע, עלטערן און קינדער, אַרבייטער און בעל-בתּים... פינסקי'ן דעם אידעען-מענש ווילט זיך שילדערן דעם צוזאַמענשטויס צווישען אַרבייטער און בעל-בתּים, ווייל ער האָט ליעב דעם ערשטען און האַסט דעם אַנדערן; דער קינסטלער אָבער פינסקי, דער פערפאַסער פון „יענקיל דעם שמיעד", האָט ליעב דעם עצם צוזאַמענשטויס, ער האָט ליעב צו שילדערן קראַפט, אַלץ איינס ווער עס ווייזט זי אַרויס, דער בעל-הבית צי דער אַרבייטער, אַבי זי זאָל קענטיג זיין, מע זאָל זי קאָנען אָנטאַפּען מיט די הענד, מ'זאָל זי זעהען פאַר זיבען מייל... אין דעם בעל-הבית'ס קראַפט, אין דעם בעל-הבית'עווען איז פאַרהאַן

דען נישט געוועהנט אָבצוגעבען פאַר געזונטע, פאַר ליידענשאַפטליכע יודען אַ בעזונדער אָרט, עפּיס אַ מחוץ-למחנה, „אַ קוילער-געסעל״? איז עס דען נישט אַנ׳אָנגענומענע זאַך ביי אונז, אַז איף יענער זייט קוי-לער-געסיל זענען פאַרהאַן נאָר „צעוויקטע יודען״, יודען מיט מיחוש׳ן; פאַר וואָס עפּיס ביי פּינסקי׳ן זענען אַלע יודען און אַלע יודענעס, אַפילו די בית-המדרש-געסיל׳דיגע, אַזוי קרעפטיג און אַזוי פערבלוטיגט און, אַז זיי טוט עפּיס וועה, זיפצען זיי נישט, נאָר זיי שרייען, און אַז זיי זענען ברוגז, קלאָגען זיי נישט, נאָר זיי דונערן און די אוי-גען בליצען, און אַז זיי פרעהען זיך, איז די פרייד ווי אַ שטורם ביי זיי אין האַרצען? דאָס נעהמט זיך פון פּינסקי׳ן טעמפעראַמענט.

ביי אַש׳ן זענען פאַרהאַן מענשען, „יונגען״ מיט הייס בלוט; ער אליין אָבער איז קיהל, ווי אַ ווינטעל פאַרנאַכט, זומער. פּינס-קי׳ס העלדען בעקומען פון פּינסקי׳ן אַליין זייער היציגקייט. אַ טיעפע ליידענשאַפטליכקייט שטעקט אויך אין וויסענבערג׳ן, אויף איהר לוי-ערט אָבער שטענדיג כמעט אַ וואָלקען, אַמאָל אַ דורכזיכטיגער און אַמאָל אַ שווערער, שטענדיג אָבער אַ שוויגענדיגער, און, אַז די ליידענ-שאַפטליכקייט קוקט אַרויס דורך איהם, איז זי אַנ׳איינגעהאַלטענע, מיט אַ שלאָס אויף די ליפּען... ביי פּינסקי׳ן איז דער שלאָס פון מויל אַראָב-געריסען, שוים איז ביי איהם אויף די ליפּען, ער שרייבט מיט פּאַ-טאָס... אַש איז אַ מילדער, צאַרט שפּיעלעווידיגער שטראַהל און זיס פערבלאָנקעטער שמייכעל פון פריהלינג; וויסענבערג איז די שטרענג-קייט און די אָנגעלאָדענקייט און דער כמורנער שמייכעל פון הערבסט; אין פּינסקי׳ן לעבט די היציגקייט, די נאָך נישט מיעד געוואָרענע הי-ציגקייט פון אַ זומער-טאָג: זיין ריטמוס איז דער ריטמוס פון אַ ברייט און ווייט צושאָטענעם דונער, — אַ טרוקענער און אַ קנאַקעדיגער...

דעם זעלביגען ריטמוס הערען מיר נישט בלויז אין די פּראָטעס-טען און די צוזאַמענשטויסונגען פון די אַרבייטער-ערצעהלונגען, נאָר אויך אין אַזוינע ערצעהלונגען, ווי „ערוואַכונג״, „אַלטינקע״, „ביים אַדוואָקאַט״, „אַ פרעהליכער גביר״. נאָר מעהר ווי אַלע איז כאַראַקטע-ריסטיש פאַר פּינסקי׳ן „אין שטורם״.

„...אַ שלאַקסרעגען האָט געגאָסען פון די שוואַרצע וואָלקען, גע-מישט מיט האָגעל. דער ווינט האָט איהם אונטערגעכאַפּט, געדרעהט, גע-וואָרפען אַרויף און אַראָב. עס האָט געקאָכט, ווי אין אַ קעסיל... אָבער דאָס האָט גאָר אין דער אַלטער כיינען געקאָכט, עס האָט אין

קליגער אפילו פון די יונגע. איז דען די אַלטע, לאה׳ס מוטער (אין דער ערצעהלונג „צוויי וועלטען”) נישט סימפּאַטישער און נישט קליגער פאַר איהר איידעם, דעם יונגען, וואָס האָט זיך אַיינ-געשפּאַרט און וויל איהר נישט טון די געפעליגקייט געהן טובל זיין די כלים אין טייך. וואָס איז? — ס׳איז נישט אין הסכם מיט זיינע „פּרינ-ציפּען”... און האָבען דען די דאַוונער און לערנער אין שוהל נישט געפּיהלט דאָס אומגליק פונ׳ם מיידעל, וואָס איז געשטאַנען ביי׳ם ארון קודש („דאָס מיידעל ביי׳ם ארון קודש”) און געבעטען אויף איהר גע-ליעבטען, ער זאָל נישט שטאַרבען, חלילה? וואָלט זיך דען אָבגעטון די שכינה פון זיי און פון דער גאַנצער שוהל, ווען נישט לייבע דער בטלן, דער „קהל׳שער טאַטע”, וואָס האָט זיך אַריינגעמישט אין דער געשיכטע?

ביי׳ן אידעען-שרייבער זענען פאַרהאַן שטענדיג זאַכען, וואָס ער שרייבט צוליעב דער „אידעע”, צוליעב דער „איבערצייגונג”; ביי איהם זענען פאַרהאַן אָבער אויך זאַכען, וואָס ער שרייבט „אַזוי זיך”, נישט וויסענדיג אַליין, פאַרוואָס און צוליעב וואָס, און די נשמה פונ׳ם שרייבער ליעגט נישט אין די „איבערצייגונגען”, נאָר דערין, אין וואָס ער איז דוקא נישט „איבערצייגט”, דערין, וואָס קומט צו איהם פון ערגיץ-וואו, און קיינער, ער אַליין אַפילו, ווייס נישט, — פון וואַ-נען... און ווען עס וואָלט מעגליך געווען אָבצוטיילען אין פינסקי׳ן דעם קינסטלער פון דעם אידעען-מענשען, און ווען די פיגורען זיינע וואָלטען זיך לאָזען שטרענג פאַנאַנדערטיילען אויף „אַלטע” און „יונ-גע”, וואָלט גרינג געווען צו דערקענען, אַז אויף די אַלטע האָט גע-אַרבייט מעהר דער קינסטלער, דאָס אונבעוואוסטע, אויף די „יונגע” — מעהר דער אידעען-מענש, די „איבערצייגונג”. די יונגע, ווי ווייט זיי טרעטען אַרויס, ווי יונגע, ווי פאָרשטעהער פון נייעם דור, זענען שטענדיג כמעט בלאַס, בלוט-אָרעם, זיי רעדען מעהר, וויפיעל זיי לעבען, און אויך דער שרייבער רעדט וועגען זיי מעהר, וויפיעל ער לעבט זיי דורך. די אַלטע, פערקעהרט, זענען קרעפטיג, אין זיי לעבט אַ הייסע, אַ שטורמישע ליידענשאַפט. לייענט „די אַלטינקע”, „ביים אַדוואָקאַט”, „אין שטורם”, „באַשע-לאה”... פיהלט איהר נישט, ווי אַ שטורם-ווינט יאָגט זיך דאָ אַרום? הערט איהר נישט, ווי עס דונערט? אָבער ווער דונערט עס, ווי קומט אַהער אַ שטורם-ווינט? זענען מיר

פאַר צווישען ר׳ שלמה׳ן און דעם לעהרער, צווישען ר׳ שלמה׳ן און דיין „אַלטער״ שבת בייטאָג, ווען זי שטעהט אויף און זעהט, אַז זיי האָבען זיך פעררעדט און נאָך קיין טיי נישט געטרונקען, די רייד, וואָס מען רעדט וועגען ר׳ שלמה׳ן אין שטעדטיל — דאָס אַלץ איז אַזוי שען און אַזוי פול מיט הומאָר, אַז עס ווערט אייך קלאָר, אַז פאַר פינסקי׳ן איז כאַראַקטעריסטיש נישט דאָס, וואָס ביי איהם איז אַ טענ־דענץ פאַרהאַן, נאָר דאָס, וואָס ער איז גובר די טענדענץ, דאָס, וואָס שטעהענדיג כמעט שטענדיג אויף׳ן גרעניץ פון דער טענדענץ, טרעט ער דאָך די גרעניץ נישט איבער... אַ קונץ איז צו זינגען, „ווי דער פויגעל זינגט״, אָהן זאָרגען און פניות; נישט וועניגער קונץ אָבער איז צו זינגען, ווי אַ מענש זינגט, מיט מענשליכֿע זאָרגען און מענשליכֿע ציעלען — און דאָך בלייבען וואָהרהאַפטיג און אָביעקטיוו...

---

## II.

„ר׳ שלמה״ איז פון דער אָבטיילונג „אַלטינקע״ (די צוויי בענד ערצעהלונגען פינסקי׳ס האָבען דריי אָבטיילונגען: „ליעבע״, „אַלטינקע״, „אַרבייט-לעבען״). פון די „אַלטינקע״, פון דעם אַלטען דור, האָט פינסקי, ווען ער האָט די ערצעהלונגען געשריבען, נישט איבעריגס געהאַלטען. ער איז דאַן נישט געווען קיין ראָמאַנטיקער, פאַרקעהרט, אין איהם האָט געשטעקט נאָך אַ שטיק אפיקורס. דאָס איז געווען די אפיקורסות, וואָס איז געקומען אינאיינעם מיט דער השכלה און וואָס דער סאָציאַליזמוס האָט אין איהר אַריינגעבראַכט שפּעטער אַ סאָציאַל׳ען אינהאַלט. ר׳ משה צבי איז „דער איינציגער און לעצטער יוד״, וואָס פינסקי אידעאַליזירט; ר׳ משה צבי איז אָבער אַ אויסגעטראַכֿטע פיגור. איז אין דעם אַלטען דור, צווישען די ר ע אַ ל ע יודען, הייסט עס, נישטאָ אפילו קיין איינציגער, וואָס פינסקי זאָל האַלטען פון איהם; פונדעסטוועגען זענען די „אַלטינקע״ געשילדערט ביי איהם פריש, לע־בעדיג און אָהן אַ ברעקעל טענדענץ; נאָך מעהר: פינסקי אַליין ווייס אפשר נישט, וואו די אַלטע טרעפען זיך ביי איהם צוזאַמען מיט די יונגע. אויב דאָס זענען נישט קיין בעל-בתים מיט אַרבייטער, דוכט זיך שטענדיג כמעט, אַז די אַלטע זענען שענער, מענשליכֿער, געזינטער,

פער״, דער סוף פון „שיני״, „די יונגע״, „אונזער ערשטער מאַי״, א. ד. ג.

דאָרט אָבער, וואו דער קינסטלער פינסקי איז פאַרהאַן ביים שרייבען — און אין׳ם גרעסטען טייל פון די ערצעהלונגען איז ער פאַר-האַן — דאָרט שטערט איהם נישט דער מאָראַליסט, ער געטרויט איהם, ער פערלאָזט זיך אויף איהם, און טאָמער האַלט ער זיך אַמאָל נישט איין און וואַרפט אַריין אַ ווערטעל, איינעם גיט ער אַ גלעט פאַר׳ן בעקיל: אַ שענער בחור! אויפ׳ן צווייטען האָט ער רחמנות, אויפ׳ן דריטען איז ער בייז, — איז וועמען אַרט עס? אַבי דער קינסטלער טוט דאָס זייניגע.

„רבי שלמה״... דאָס איז איינע פון די ערשטע זאַכען פינסקי׳ס (אונטערגעשריבען 1893), און דווקא נישט פון די בעסטע. נאָר איך נעהם מיט אַ כיון אָט די זאַך, כדי צו ווייזען, אַז דעם קינסטלער, כל זמן ער איז קינסטלער, קאָן גאָר נישט שאַדען דאָס, וואָס ער איז צו דער פערזאָן, וועלכער ער שילדערט, נישט גלייכגילטיג, דאָס, וואָס ער מאָלט זי אי דערפאַר, ווייל ער האָט גלאַט הנאה פון מאָלען, אי טאַקע, ווייל ער איז עפּעס אויסען דערמיט... מיט „ר׳ שלמה׳ן״ איז פינסקי אויס׳ן געווען צו ווייזען „די קראַפט פון בילדונג און וויסענ-שאַפט״; ער איז אויך אויסען געווען אפשר, מיר זאָלען זעהען, אַז אויב אין אַלטען דור איז פאַרהאַן עפּעס שענעס, אידעאַליסטישעס, מענש-ליכעס, געפינט עס מיטגעפיהל נאָר ביי די „יונגע״, ביי די אַרביי-טער; און נאָך אַ סך, אַ סך זאַכען קען מען אָבלערנען פון דער ערצעהלונג „ר׳ שלמה״. עס איז נישט נויטיג אויסצוערכענען אַלץ, דער עיקר איז, וואָס „ר׳ שלמה״ איז געשריבען געוואָרען מיט אַ פניה, מיט אַ כונה (אויב איך האָב קיין טעות נישט, האָט עס געדאַרפט דיענען בפירוש פאַר אַ אויפרוף פון אַ בילדונגס-פערלאַג), און דאָ איז אַזוי גרינג געוועזען צו ווערען טענדענציעז, — דאָך איז נאָר דער לעצטער מאָמענט, ר׳ שלמה׳ס מאָנאָלאָג פאַר׳ן טויט, אַ ביסעלע צו זיס-אידעאַליסטיש; אין דער גאַנצער ערצעהלונג אָבער איז נישטאָ כמעט איין וואָרט, וואָס זאָל נישט זיין וואָהרהאַפטיג. אַן׳אַלטער זיבעציג-יעהריגער יוד איז זיך מישב אין מיטען דערינען און הויבט אָן לערנען מיט אַ לעהרער „שבע חכמות״... אַ אונגלויביגע זאַך, נישט אמת? פינסקי אָבער דערצעהלט עס אַזוי, אַז איהר גלויבט. קיין ווירקליכקייט איז עס נישט, ס׳איז אָבער אַ מעגליכקייט אַ קינסטלערישע, און דער שמועס, וואָס קומט

בײ איהם, ווי בײ יעדען שרײבער, בעסערע און ערגערע זאַכען; און פאַרהאַן — ווידער אַמאָל, ווי בײ יעדען שרײבער — אויך גאָר שלעכטע זאַכען. „די מלחמה מיט גאָט״, צום בײשפּיעל. אַ ענערגישע שפּראַך, אויסרופס-צײכענס, פּאַטעטישע געשרײען, איוב-קללות, פּראָטעסטען — און ע ס נ ע ה מ ט נ י ש ט. בײ אונז ווערט זיך נישט אויף קײן פּראָטעסט געגען גאָט, און מיר האָבען אַפילו קײן רחמנות נישט אויפ׳ן אונגליקליכען, וואָס האַלט „די מלחמה מיט גאָט״. וואָרום עס מעג זיך זײן דער גרעסטער רחמנות אויף דיר; פונדעסטוועגען דאַרף מען זײן אַן אײדעלמאַן, און נישט זאָגען: „גאָט האָט אונטערגעשטעלט אַ פוס״, און מען דאַרף אַפילו אין אַ האַלוצינאַציע נישט פאָרשטעלען זיך גאָט, ווי אַ „גרויסען ברײטען ריעז״, וואָס ליעגט אויפ׳ן פעלד, א. אַז. וו. אין ג ו ט ע ן מוט איז עס געשמאַקלאָז, נאָר אַז מען איז געשמאַקלאָז, רעדענדיג וועגען גאָט, — ע ר ג ע ר ט עס, און אַז מען איז געערגערט, קאָן מען קײן רחמנות נישט האָבען, און אַז מען האָט קײן רחמנות נישט אויפ׳ן געשטראָפטען, איז מען נישט אין כעס אויפ׳ן שטראָפער און מען ווערט נישט נתפעל אַפילו אַ קאַפּ ני״ט פון דעם ג ע ש ט ר אָ פ ט ע נ ס כעס: ער, דער געשטראָפטער פון גאָט, וואָס האַלט מיט גאָט מלחמה, וויל, אַז „יעדעס וואָרט זאָל זײן אַ פײל, יעדעס וואָרט זאָל זײן אַ דונער, יעדעס וואָרט אַ בליץ״, און אונז דוכט זיך דער היפך: אַז יעדע „פײל״ זײנע איז... אַ וואָרט, און די „דונערן״ זענען ווערטער און די „בליצען״ — ווערטער, „און די גאַנצע מלחמה מיט גאָט״ איז אַ ווערטער-מלחמה. צו ווײל פּינסקי האָט דאָ גענומען לכתחילה אַ פאַלשען, אַ פּאַטעטישען טאָן (און אפשר איז עס שוין תמיד אַזוי, ווען מען וויל אויפהויבען אַ משא, וואָס איז צו שווער: מען גורט אָן די לענדען און מען פערקאַשערט די אַרבעל...) צו די טעמע איז פאַר פּינסקי׳ן אַבסטראַקט (רעאַליסטען ווערען שטענדיג געשטרויכעלט אין אַבסטראַקטע טעמעס, — און פּינסקי איז אַ רעאַליסט שברעאַליסט), און אפשר האָט זיך גלאַט אַזוי די זאַך נישט אײנגעגעבען: אַ בעל-מלאכה גיט זיך דאָך אויך נישט אַלץ אײן; אַ פשיטא שוין אַ קינסטלער...

נאָר פאַרהאַן בײ פּינסקי׳ן דאָך אַנדערע שוואַכע זאַכען, און זײ זענען שוואַך שוין טאַקע מעהר נישט דערפאַר, ווײל פּינסקי דער קינסטלער האָט זיך לכתחילה דאָ אָבגעגעבען אין די הענד פון פּינסקי דעם אידעען-מענש און געזאָגט: טו, וואָס דו ווילסט, איך בין דאָ נישטאָ... אַזוי זענען בעשאַפען געוואָרען אַזוינע צײטונגס-שטיקער, ווי „קעמפ-

איך אַרויסרופען עפּעס אַ יאָ צי אַ ניין, עפּעס אַ הסכם צו אַ פּראָ-
טעסט-געשריי, — דאָס האַלט איך פֿאַר'ן אַרבעל דער „צווייטער איך"
דעם אידעען-קינסטלער'ס, דער מאָראַליסט. ער, דער מאָראַליסט, האָט
עס מורא — אַזאַ טבע איז שוין ביי'ן מאָראַליסט, אַז ער האָט מורא
שטענדיג — טאָמער כאַפּט איהר זיך נישט, וואָס מען מיינט דאָ; וויל
ער עס צוקייען און אין מויל אייך אַריינלעגען...

„דער רובעל!... דער רובעל!..." (די לעצטע שורה אין דער
ערצעהלונג „אין צוואַנגען") — דאָס איז, ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער,
אַרויפגעשוואומען די „אידעע". „דער רובעל", די נויט, האָט עס מאַ-
שע'ן, אַ מאַמען פון דריי עופ'עלעך, אַוועקגעשיקט פון שטוב, און
זיי, די קינדערלעך, זענען געבליבען אַליין, און אַז די מאַמע איז
געקומען האָט זי דערווישט זיי צו'מזיק'טע, צובײלטע; „דער רובעל",
די צוריסענע שטיוועל דעם מאַנ'ס, האָבען זי געטריבען אַראָבצעוואַר-
פען די בושה פון זיך און אַרומטראָגען זיך מיט קאָשיקעס, ווי די
גצוועזענע דיענסט-מויד, באַשע-לאה; „דער רובעל" האָט עס גערעדט
פון בצלאל'ס מויל, ווען ער האָט געפּאָדערט פון זיין ווייב, פון זיין
מאַשע'ן, זי זאָל ווערען אַ טרעגערקע... „דער רובעל" — דאָס איז די
מאָראַל פון דער געשיכטע. זי האָט נישט פינסקי דער קינסטלער
געשריבען: ער האָט דעם דיאַלאָג צווישען בצלאל'ן און זיין ווייב
געשריבען; די דראַמאַטישע סצענע, וואָס שפּיעלט זיך אָב צווישען די
קינדער, ווען זיי בלייבען אַליין, האָט ער געשילדערט, נאָר ווען ער,
דער קינסטלער, האָט אויף אַ ווײלע זיך אָבגעקעהרט (און אפשר האָט ער
מיט אַ כיון זיך אָבגעקעהרט), האָט זיך פינסקי דער צווייטער, פינסקי
דער אידעען-מענש, צוגעכאַפּט צו דער פען, צוגעשריבען די לעצטע
שורה און עטליכע שורות אַריינגעשריבען אין מיטען...

אַזוינע „צוגעשריבענע" און „אַריינגעשריבענע" שורות זענען פֿאַר-
האַן אויך אין אַנדערע, און אַפילו אין די בעסערע, פינסקי'ס ערצעה-
לונגען („אין צוואַנגען" האָב איך גענומען נאָר ווי אַ ביישפּיעל) און אָט
פון די שורות, וואָס דער קינסטלער האָט זיי אָבגעגעבען, ווי אַ מין
מעשר, צום מאָראַליסט, — האָבען זיך איינציגע געלאָזט פערפיהרען און
האָבען אַריינגעשטעלט פינסקי'ן אינ'ם צעטעל פון די טענדענציעזע
שרייבער. דאָס איז אָבער אַ טעות. פינסקי איז אין זיינע ערצעהלונגען
נישט טענדענציעז, פאַרקעהרט: ער איז געטריי (אַמאָל צופיעל געטריי)
צו דעם, וואָס מען רופט אָן ווירקליכקייט, מעהר נישט ס'איז פאַראַן

אַז עס גילט אָב, ווערט עס צוקאָכט און עס צובעהט; מען פיהלט דעם טעם דערפון, אין די אויגען אָבער וואַרפט זיך עס נישט מעהר; אַ הוספה, וואָס ס'טרעפט טאַקע, אַז זי שלעפּט זיך נאָך פון הינטען, ווי אַן עק, אָבער עס טרעפט אויך, אַז זי געהט פאָראויס, ווי אַ פייער-זייל, וואָס בעלייכט דעם וועג...

דער אידעען-דיכטער, — און דערמיט טיילט ער זיך אָב פון אַנדערע מינים דיכטער, — ווען ער פיהרט אייך אַריין אין לאַבירינט פון לעבען, פיהרט אייך אום אין אַלע ווינקעלעך, און איהר געהט מיט איהם טרעפּ-אויף, טרעפּ-אָב, אין דער הויך און אין דער נידער, — געהט ער די גאַנצע צייט נישט נעבען אָדער הינטער אייך, אַ רוהיגער, אַ שמייכלענדיגער, און מיינט מעהר נישט אויסצעווייזען אַלץ, איהר זאָלט זעהן, וואָס ער האָט אויסגעמאָלט. ניין! פאַר אייך געהט ער, מיט איילינגע טריט און בלישצענדיגע אויגען. ער פערגינט זיך נישט דעם נחת אומצופיהרען אייך גלאַט אין דער וועלט אַריין, ער וויל אייך ברייננגען צו פיהרען אין ערגעץ, ער האָט אַ ציעל...

צום דאָזיגען מין אידעען-שרייבער געהערט פינסקי דער דערצעהלער.

ווען איהר לייענט די נאָוועלען פון אַש אָדער פון אַנדערע, וואָס זינגען, „ווי דער פויגעל זינגט", אָהן כונות און גריבלערייַ, — דוכט זיך אייך אויס, אַז מען האָט אייך אַריינגעלאָזט אין אַ פּאַלאַץ מיט אָהן אַ שיעור חדרים, און איהר געהט אַרום, וואַנדעלט אַרום אין זיי, ווי אַ פויגעל אין דער לופט, איהר קוקט אַרום אַלץ, אייער אויג טוט זיך אָן וואוילטאָג, און איהר ווייסט נישט, וואו איין און וואו אויס. איהר בלאָנדזשעט און זוכט קיין וועג נישט, איהר ווילט פון דאַנען נישט אַוועק, אייך איז גוט דאָ... דער אידעען-שרייבער אָבער לאָזט אייך נישט בלאָנדזשען: וואָס איז עס פאַר אַנ'אַרומבלאָנקען זיך שלינג-און-שלאַנג, אָהן אַ וועג און אָהן אַ ציעל? ער האַלט אייך פאַר'ן אַרבעל מיט איין האַנד, פון דער אַנדערער שטעקט ער דעם טייטפינגער אויס און טייט: אַהין, אַהין! דאָרט אין סוף איז דער עיקר, דער תמצית; די „אידעע" וועט אויסשווימען דאָרט ווי בוימאייל אויפ'ן וואַסער... דאָס האַלט אייך אָבער פאַר'ן אַרבעל און טייט מיט'ן פינגער נישט דער קינסטלער: ער איז פאַרטון אין זיך און האָט אפשר אינגאַנצען גאָר פערגעסען, אַז איהר שטעהט דערביי און ער וויל ביי

# דָוִד פִּינְסְקִי.

## (דער דערצעהלער).

### I.

טענדענץ-שרייבער און אידעען-שרייבער — זיי טרעפען זיך אַמאָל אויף איין וועג, מ׳דאַרף זיי דאָך נישט צונויפמישען איינע מיט די אַנדערע.

ביי׳ן טענדענציעזען שרייבער איז רעכט צו פאַלשעווען, צו פערדרעהען די ווירקליכקייט, אַבי די טענדענץ זאָל אַרויסטאַרטשען; דער אידעען-שרייבער פעלשט נישט קיין פעלשונג אין דער ווירקליכקייט, ער דערצעהלט וועגען איהר און מאָלט זי, אַזוי ווי זי „איז״. וואָסזשע דען? — ער איז נישט גלייכגילטיג צו איהר. מיט ווערטער צו אַנדערש-ווי, — אָבער ער טייטשט אויס בפירוש: דאָס געפעלט מיר און דאָס — נישט, דער איז מיר אַ פריינד, יענער — אַ שונא...

דער טענדענץ-שרייבער איז לכתחילה קיין קינסטלער נישט, מעהר נישט, ער וויל אויסברענגען זיין מאָראַל, פערצוקערט ער די פיל און וויקעלט זי איין אין אַ שאָקאָלאַד-בילדעל; דעם אידעען-שרייבער טרייבט צו דער אַרבייט דאָס קונסט-געפיהל, די דורשט צו שאַפען, מעהר נישט, עס איז פאַרהאַן ביי איהם נאָך אַ צווייטער אָנטרייבער: דער מאָראַלַיסט; נעבען, הינטער דעם קינסטלער, זיצט אַ מאָראַליסט אין איהם. אָבער די מאָראַל, וואָס ביי׳ן טענדענציעזען שרייבער איז זי דער עיקר, און זי טאַרטשעט אַרויס ווי שטרוי פון אַ לעכערדיגען זאַק און לעכערט דעם זאַק, וואו ער איז גאַנץ, אַזוי, אַז מיר זעהען שטרוי און מעהר גאָרנישט, — די זעלביגע מאָראַל איז ביי דעם אידעען-שרייבער מעהר נישט ווי אַ הוספה, אַ געווירץ צום קינסטלערישען געריכט, אַ געווירץ, וואָס אַמאָל בלייבט עס שווימען פון אויבען, אָבער אַמאָל,

טעזיס: אין בוך ווערט דערצעהלט וועגען דער גאַנצקייט און דער שטראַהלענדיגער קראַפט פון אַמאָל און דאָס ווערט נאָך קענטיגער, ווען מען זעהט אין דער ערצעהלונג „נחת פון קינדער" די גאַנצע צו־בראָכענקייט, צוריסענקייט און שוואַכקייט פון היינט, פון היינטיגען יודען און דער היינטיגער יודישער פאַמיליע.

„דריי חופות" מאַכען קיין אַנדריק ניט אויף מיר. משמעות, מען קאָן נישט שרייבען קיין לעגענדע אין דער געשטאַלט פון אַראָ־מאַן, זאָל זיין אַפילו פון אַ העכסט־אינטערעסאַנטען. דער ספור המעשה פון די „דריי חופות" איז אַזוי פערוויקעלט און פערפלאָנטערט, אַז מען מוז אָנשטרענגען שרעקליך דעם זכרון, כדי נישט צו פערלירען דעם פאָדעם פון דער מעשה. מען קאָן אָבער נישט לייענען קיין לעגענדע און מען קאָן ניט גלויבען אין איהר, אויב זי פאָדערט פון אונז אָנ־שטרענגונג. אַ לעגענדע ווערט דערצעהלט לייכט, פריי, שפּילענדיג, און אין איהר איז פאַרהאַן פאַנטאַזיע, נישט קיין פאַנטאַסטיק; די „דריי חופות" איז פאַנטאַסטיק. אויך זענען זיי אָנגעלאָדען צופיעל מיט געדאַנקען. דערצו האָט דאָ פרץ געוואָלט פעריודישען אַזוינע בילדער און געשטאַלטען, וואָס זענען אין תוך נישט יודיש, דערפאַר מאַכט די זאַך אַנ'איינדריק פון עפּיס פרעמדעס און געמאַכטעס, און אַפילו די סטיליזאַציע, וועלכע גיט זיך שטענדיג פרץ'ן אַזוי אַיין, איז דאָ קינסטליך, ניט קינסטלעריש; נאָר איינציגע בילדער, איינציגע קאַפּיט־לעך זענען דאָ פאַרהאַן טיעף יודישע, טיעף פּרצ'ישע און דערפאַר אויך שענע און רייכע אין גייסט...

מעשים זיינע. דער פּרוש איז געזעסען און געלערנט, ער האָט אָבער געלערנט פאַר׳ן טייוועל; דער פייער, וואָס האָט געברענט אין איהם איז געווען אַ טמא׳דיגער, אַ שוואַרצער פייער. יוחנן וואַסער-טרעגער האָט עס געפיהלט...

און דער אַלטער (ר׳ לייב שרה׳ס, ווי מען האָט פערשטאַנען דערנאָך) איז געקומען אויף דער חתונה, וואו עס האָט געשפּילט אברמ׳לע באַס („שמע ישראל״) — „אין אַ צוריסענעם ספּאָדעק, מיט צושויבערטע, גראָהע באָרד און פאות, אַ בעטלער ווי אַלע בעטלער, נאָר מיט אויגען, וואָס קוקען מיט דער גדולה פון אַ מלכות״...

אָט דאָס איז די יודישע שענקייט:

אויגען, וואָס קוקען מיט דער גדולה פון אַ מלכות, אונטער אַ צוריסענעם, אַ בעטלערישען ספּאָדעק... נאָך דאָ גאָר ניט לאַנג איז די דאָזיגע שענקייט, די וואונדערליכע צונויפפּאָרונג פונ׳ם בעטלער מיט׳ן בן-מלך געווען אַ גאַנצע און אַ שטאַרקע. איצט ווערט זי אַלץ שוואַכער: אין לעבען בלייבט דער בעטלער, און די אויגען, וואָס קוקען מיט דער גדולה פון אַ מלכות — דאָס ווערט אַ לעגענדע... אפשר, אַז מען וועט אָפּט אונז דערצעהלען אַזוינע „געשיכטען״, ווי פּרץ׳ס, וועלען אונטער דעם בעטלערישען ספּאָדעק צוריק נעהמען לייכטען די בן-מלך׳שע אויגען;

---

P. S. אַ קליינע התנצלות פון מחבר, פאַר וואָס ער גיט זיך אָב אין אָט דעם אַרטיקעל נאָר מיט „מאָראַלישע״ פראַגען: ווייל ער איז מעהר נישט ווי אַ יוד און, ווען ער זעהט אַ שענע נשמה און איז אַליין טיעף געפּייניגט און ענטציקט, קאָן ער נישט קניען, ווי אַ געצענדינער, פאַר דער שענער געשטאַלט. אין פּרץ׳ס בוך האָט ער דערפיהלט און ליעב געקראָגען פריהער ווי אַלץ די נשמה, דעם אינהאַלט.

און נאָך אַ פּאָר ווערטער:

צוויי זאַכען פון די „פאָלקס. געשיכטען״ זענען אין דעם אַרטיקעל נישט דערמאָנט געוואָרען: „נחת פון קינדער״ און „דריי חופות״. די ערשטע זאַך האָט קיין איינוועניגסטע שייכות ניט צום בוך. מען קאָן זיך בענוצען מיט איהר, נאָר אַזוי ווי מען בענוצט זיך מיט אַ קאָנטראַסט, מיט אַן אַנטיטעזיס, ווען מען וויל קענטיגער מאַכען דעם

און אַלץ קענטיגער איז זיין נשמה-ריעזיגקייט. יוחנן מלמד („וואָס אַמאָל וועניגער") וויל אונז ברענגען אַ ביישפּיעל פון די אַמאָליגע דורות, פון זייער גרויסקייט, דערצעהלט ער אונז פון זישעל'ן: — „די גרויסע נשמה, זאָגט ער, האָט געשטעקט אין אַ גוף, וואָס האָט געקאָנט שפּאַצירען אונטער'ן טיש"... זעהט איהר דער בריסקער רב — „דאָס איז געווען אַ מענש — איין עמוד ברזל"... „אַ הויכער, הויכער יוד, טאַקע משכמו ומעלה" (צווישען בערג")... — דאָס איז די מתנגדי'שע שענקייט! די חסיד'ישע, די לעגענדאַריש-יודישע שענקייט, איז אַנ'אינווענינסטע, אונגעריכט קומט זי. די נישט יודישע לעגענדע האָט אויך ליעב אַלץ זאָל אומגעריכטערהייד זיין, פּלוצלונג זאָל זיך עפּיס בעווייזען אָדער פערשווינדען, פּלוצלונג זאָל זיך אַ זאַך פאַרשטעלען, מגולגל ווערען אין אַנ'אַנדער זאַך; דאָרט איז אָבער דאָס פאַרשטעלען זיך, דאָס מגולגל ווערען אַ בילדליכער, אַ קערפּערליכער עפעקט, אין דער צייט, ווען ביי אונז פאַרשטעלען זיך און ענטפּלעקען זיך — נשמות...

דער למד-וו'ניק איז אַ פערשטעלטע נשמה. ווען ער ווערט נתגלה, ווערט נתגלה נישט אַ נייער גוף, נאָר אַ נייע נשמה... איהר זעהט פאַר זיך אַ וואַסער-טרעגער, אַ האָלץ-העקער, אָדער אַזוי עפּיס אַ יגיע-כפּים'ניק, אַ פּראָכטען מענשען. ער שוויגט, און אין קיין זאַך מישט ער זיך נישט. ער קאָן קיין צוויי נישט צעהלען. אַלע זיינע זאַכענישען, זיינע גרויסע און וואונדערליכע מעשים טוט ער אָב אין דער שטיל, ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפען! דאַן היילט ער קראַנקע, העלפט אָרימע, לייזט אויס געפאַנגענע, דאַן קומט צו איהם אליהו הנביא אָדער איינער פון די אבות און ענטפּלעקט איהם די סודות פון דער תורה און פון אַלע שבע חכמות; אָבער נאָר דאַן ביינאַכט, ווען קיינער זעהט נישט, קיינער ווייסט נישט. ביי טאָג איז ער ווידער וואַסער-טרעגער, האָלץ-העקער, — אַ פּראָסטער מענש, אַ שטומע נשמה. נאָר אַמאָל מאַכט זיך עפּיס אַמוז, — און די שטומע נשמה הויבט אָן רעדען — נישט פאַר אַלעמען, נאָר פאַר איינעם, וואָס איז זוכה דערצו... אַזוי האָט יוחנן וואַסער-טרעגער („אַ קאַפּיטעל תהלים") ענטפּלעקט זיך פאַר'ן אורח-חיים, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז ער, דער וואַסער-טרעגער מיט זיין קאַפּיטעל תהלים, מיט דער טיעפער כוונה, וואָס אין זיין תהלים האָט געשטעקט, האָט דערגרייכט אַ העכערע מדרגה, ווי דער אורח-חיים, ער האָט געזעהען אַזוינס, וואָס דער אורח-חיים האָט נישט געזעהען. ער האָט געזעהען די כוונה דעם מענשענס, נישט נאָר ז״י

טערט. נאָר גאָטס רחמנות האָט זיך צו איהר בעוויזען, און האָט איהר געעפענט דעם טויער, און האָט זי געטרייסט, און אויסגעווישט די טרערען פון די אויגען"...

אַזוי האָט פרץ אין דער יודישער פאָלקס-לעגענדע, אינ'ם חסידות, געפונען דעם געדאַנק, וואָס דער שטילער מיסטיקער, מעטערלינק, האָט מיט אַזאַ צאַרטער און טיעפער איבערצייגונגס-קראַפט אַרויסגעזאָגט אין זיין וואונדערליכען בוך: „דער אוצר פון אָרימע", — דעם געדאַנק, אַז די נשמה אונזערע איז טיעפער פון אונז און זי איז ניט פערענט-פערליך פאַר אונזערע מעשים: זי קאָן גרויס זיין, ווען אונזערע מעשים זענען קליין, זי קאָן ריין בלייבען, ווען דער גוף אונזערער איז אומריין, און, פערקעהרט, דער גוף קאָן שען און ריין זיין — און די נשמה זינדיגט, די נשמה פאַלט...

צו חיים-יונה וויטעלס („אַנ'אָבקומעניש") זאָגט דער אַלטער: „האָסטו, הייסט עס, געזינדיגט אַ רגע מיט דער מחשבה... מיין בעל תּפילה האָט אַ רגע געזינדיגט מיט דער מחשבה. וואָס? און מחשבה איז נפש... און ווער דען זינדיגט, אַז נישט דאָס נפש? דער גוף אפשר זינדיגט? דער עפר ואפר אפשר? וואָס?"

דער עפר ואפר זינדיגט ניט, זינדיגען זינדיגט מען מיט דער כּוונה, און אַז די כּוונה איז גוט — איז אַלץ גוט. פאַרהאַן אויף דעם ביי פרץ'ן צוויי משלים („צוויי וועגען — צוויי משלים"), איבערגעגעבען אין נאָמען פון של"ה הקדוש און אין זיין סגנון מיט אַלע תּגים, אַזוי ווי פרץ קאָן.

אַז דער עיקר איז די כּוונה, דאָס פּנימיות, דאָס בּעהאַלטענע אינ'ם מענשען — זעהען מיר אויך אינ'ם „הינטישען סדר" און אין „אַ גאַנץ יאָהר שכּור — פּורים ניכטער". און דאָ שטעקט אויך דער סוד פונ'ם למד-וו'ניק, אָדער דער נסתּר, — דאָס איז דער שענסטער, דער געליעבטעסטער העלד פון אונזערע פאָלקס-געשיכטען: אין יעדען דור מוזען זיין זעקס און דרייסיג צדיקים בעהאַלטענע; אַ ניט — וואָלט די וועלט קיין קיום נישט האָבען; וועניגסטענס, די וועלט פון דער לעגענדע. וואָס-זשע איז אַזוינס דער למד-וו'ניק? קיין אויסוועניגס-טען גלאַנץ האָט ער נישט; ער נעהמט אונז מיט זיין אינוועניגסטער שענקייט, מיט די גרויסע, מיט די געטליכע מעגליכקייטען, וואָס ליגען בעהאַלטען אין איהם: ער איז אַ גייסטיגער ריעז. און וואָס קלענער, וואָס אונבעדייטענדיגער ער איז קערפּערליך, אַלץ שאַרפער

„אַראָבגעלאָזטע אויגען״: פון יחיאל מיכל דעם אַרענדאַרס טעכטער האָט איינע, מלכה׳לע, די יונגערע, געטון, — ריכטיגער: מען האָט מיט איהר געטון אַ שדוך — זעהר אַ פיינעם, אַ בעל-הבת׳ישען: פון אויבען איז אַלץ געווען אַזוי שען, אַזוי ריין און כשר, אינוועניג אָבער אין האַרצען ביי מלכה׳לען האָט געלעבט דער פריץ, דער יונגער פריץ, וואָס האָט געוואָרפען אַנ׳אויג אויף איהר אַמאָל, בעת זי איז נאָך ביי׳ן טאַטען אין קרעטשמע געווען און וואָס צוליעב דעם האָט מען איהר דאַן אויס-געריכט קיין פראַג און געאיילט זיך זי חתונה מאַכען... איז זי לפנים געווען גוט מיט׳ן מאַן, און די כונה, דאָס האַרץ איהרס האָט געהערט אַנ׳אַנדערן... „צו וואָס איז דאָס געגליכען! צו איין עפּיל, וואָס הענגט, דאַכט זיך, געזונד און פריש אויף אַ גרינער צווייג, אויף אַ גאָלדענעם עפּעלבוים, און די הויט פון אויבען איז גערויטעלט, ווי דער מזרח איידער די זון בעוויזט זיך, און אַ פרישער הויך, ווי פון גן-עדן, ליגט אויף איהם: אַזוי שמעקעדיג, אַזוי פערנעמיש; אָבער אין אמת׳ן אַריין איז געזונד אין פריש נאָר די הויט, די שאָל פון אויבען, אינוועניג אָבער האָט שוין אַלץ דער וואָרם אויסגעגעסען. אינוועניג ביי מלכה׳לען לעבט אַ מחשבה זרה, אַ זינדיגע כונה, אַ זינדיגע נשמה, דערפאַר, אַז זי שטאַרבט, געהט די נשמה אַרויס פון גוף אַ פינסטערע, אַ פערפלעקטע, זי ווערט פערפאַלען ערגיץ אין גיהנם, אין כף הקלע, דער גוף אָבער בלייבט גאַנץ, ער שטאַרבט ניט, ווייל... ער איז שוין פריהער געווען אַ געשטאָרבענער; די נשמה האָט געהערט אַנ׳אַנדערן, ניט איהם... פערקעהרט, נחמה, די עלטערע שוועסטער, האָט געזינ-דיגט מיט׳ן גוף (אַ פריץ האָט אין וואַלד, וואו זי האָט ביי נאַכט, אויס מורא פאַר חיות רעות, אויף אַ בוים זיך בעהאַלטען, — זי געפונען און מיט געוואַלד זי צו זיך גענומען), אָבער די כונה, די נשמה איהרע איז ריין געבליבען: „עס געהט צו איהר צו דער פריץ, — פערמאַכט זי די אויגען און טראַכט: „די מ אַ מ ע ק ו ש ט מ י ך״... עס האַלזט זי און עס קושט זי די מוטער און לערנט זי ברכה זאָגען און „גאָט פון אברהם״ זאָגען״... זי האָט אַ ריינע, אַ הייליגע כונה, מעהר ניט דער גוף ווערט פעראומווירדיגט; דערפאַר נאָך איהר טויט בלייבט פון איהר קערפער קיין שריד ופליט, קיין קבר ניט אַפילו; „די נשמה אָבער, קוים האָט זי זיך בעפרייט פון זינדיגען גוף, האָט זי זיך לייכט און שטיל, ווי אַ טויב, אויפגעהויבען אין דער הויך צום הויכען הימעל. פאַר׳ן טויער איז זי אַפילו געבליבען שטעהן פערצי-

ציהט, רופט אַזוי שטאַרק, נאָך שטאַרקער, ווי דער באַרג — און ער איז בייגעשטאַנען. אַ רגע — אַ רגע פון דער נשמה איז אָבער אַנ'איי-ביגקייט — האָט ער געזינדיגט אין דער מחשבה, — איז ער אָבגעקומען פאַר דער זינד און האָט זי אויסגעקויפט דורך דעם מוט, דורך דער גייסטיגער גבורה, וואָס ער האָט געהאַט — זיך זעלבסט צו בעשטראָ-פען: בפני קהל ועדה זיך מודה צו זיין...

אין אַנדערע „געשיכטען" ווערט אויך — אַזוי אָדער אַנדערש — דערצעהלט, ווי אַזוי דער מענש ווערט געבראַכט צו אַ נסיון, ווערט בעפאַלען פון עפּיס אַ תאוה, פון עפּיס אַ אינוועניגסטע קראַפט, מוז מלחמה האַלטען מיט זיך זעלבסט און אָדער ער האַלט אויס די מלחמה, דאַן ווערט ער בעלוינט (זיעבען גוטע יאָהר"; „נסים אויפ'ן ים"; „דער קונצענמאַכער"; „דער אוצר"; „מסירת נפש") ; אָדער, פערקעהרט, ער האַלט ניט אויס — און בעקומט אַנ'עונש („די תאוה צו קליידער"; „לא תחמוד"; „אַ גאַנץ יאָהר שכור — פורים ניכטער"; „אַראָבגעלאָזטע אויגען").

---

# V.

„די געשיכטע מיט די אַראָבגעלאָזטע אויגען" מוז אָבגעטיילט ווערען, אגב, פון די איבעריגע. דאָס געפּרובט ווערען מיט אַ נסיון און דער אינוועניגסטער שטרייט איז דאָ ניט דער עיקר; אויף אַנ'-אַנדער געדאַנק שטעהט דאָ די טראָפּ, — אויף איינעם פון די הויפּט-געדאַנקען, וואָס אויף זיי איז געבויט דער חסידיזם: „די תפילה איז אַ גוף מיט אַ נשמה; די ווערטער זענען דער גוף, די כונה — די נשמה" („דער הינטישער סדר")...

די כונה איז די נשמה פון דער תפילה — און פון אַלץ. מעשים זענען נויטיג, דורך זיי ווערט דעם מענשענס נשמה געפּרובט, אָהן זיי איז זי הויל, ווי אָהן אַ גוף; אָבער מעשים אָהן כונה זענען ווי אָהן אַ נשמה, — טויטע מעשים. די כונה גיט זיי לעבען, זי מאַכט זיי פאַר גוטע אָדער פאַר שלעכטע, אָן איהר ווענדט זיך זייער איכות, זייער מאָראַלישער ווערט... דער דאָזיגער מאָטיוו, איינער פון פרץ'ס גרונד-מאָטיווען, איז אויסגעדריקט קינסטלעריש אין די

ער איז זיך מוסר נפש... די צווייטע מתנה איז ווידער מסירת-נפש, די דריטע — אויך...

דעם אינהאַלט איבערגעבן וויל איך ניט; מען מוז עס לייענען ביי'ן דיכטער. דער אינהאַלט פון אַ קינסטלערס ווערק איז ניט אין דער „מעשה", נאָר אין דעם שטייגער דערצעהלען די מעשה, און נאָך מעהר איז דער שטייגער דערצעהלען וויכטיג ביי פרץ'ן, ביי וועמען יעדעס בילד האָט ביי-בילדער, יעדער געדאַנק — ביי-געדאַנקען.

איך דערמאָן דעם אינהאַלט פון די „דריי מתנות", כדי צו ווייזען, אַז אויך אין דער דאָזיגער „געשיכטע" איז דער גרונד-מאָטיוו — די קראַפט פון דער פּערזענליכקייט, פון דעם העכערען ווילען — דאָס גובר זיין זיך זעלבסט און זיך זעלבסט געטריי בלייבען. די פּערזענליכקייטען, וואָס דער דיכטער האָט פּעראייביגט דאָ, האָבען אַלע עפּיס אַ פערלאַנג, וואָס איהם פאַר אַ קרבן ברענגען זיי אַלע אַנדערע פערלאַנגען, עפּיס אַ זאַך, אַ הייליגקייט, וואָס איז זיי טייערער, ווי דאָס לעבען, ווי דאָס גליק, און וויכטיג פאַר אונז און פאַר זיי איז נישט דער אָביעקטיווער ווערט פון דער דאָזיגער הייליגקייט — אומשטיינס געזאָגט: ארץ-ישראל-ערד אַ הייפּעל... אַ יאַרמולקע אויפ'ן קאָפּ...— וויכטיג איז דאָס שטרייטען פאַר דער הייליגקייט, די טראַגישע שענקייט פון מוסר נפש זיין זיך „על ערקתא דמסנאי"... נישט די מצוה מאַכט גרויס דעם מענשען, נאָר, פערקעהרט, דער מענש מאַכט זי גרויס און דער מענש ווערט גרויס נישט דורך די מעשים די גרויסע, וואָס ער טוט אויף, נאָר דורך די גרויסע שטע-רונגען, וואָס ער קומט ביי... „ביים כסא הכבוד, — זאָגט דער מלאך אין די „דריי מתנות", — ביים כסא הכבוד האָט מען ליעב נישט די פיינגעבוירענע, נאָר די אויפגעקומענע"... נישט דאָס שטעהן אין דער הויך איז וויכטיג, נאָר דאָס הויבען זיך פון דער נידער. אַ מענש דאַרף קיינמאָל נישט מורא האָבען אַראָבלאָ-זען זיך פון באַרג, אויף וועלכען ער קלעטערט, ווייל ער דאַרף שטענדיג זיכער זיין, אַז ער וועט זיך אויפהויבען צוריק, און, הויבענדיג זיך צוריק, וועט ער אַרויפשטייגען נאָך העכער, ווי פריהער...

די שענקייט פון חיים-יונה וויטעלס („איין אָבקומעניש") בעשטעהט דערין, וואָס ער האָט זיך צוריק אויפגעהויבען פון טאָל. אַ תהום פון זינד, פון תאוה, האָט זיך געעפענט פאַר איהם — און דער תהום

פּלעקטע, מאַנכע אויך רויט פּערבלומיגטע", — ס'פּאַסט פּאַר די „מעשה'לעך" פּרצ'ס (זיי זענען ס'רוב סאַטירישע), אָבער נישט פּאַר די „געשיכטען". די „געשיכטען" זענען — און מוזען זיין — שטיל, און אַז עס הויבט אָן מיט אַמאָל צו „סקריפּען", פּערדריסט עס. קיין ביי-שפּיעלען וויל איך נישט ברענגען מעהר: מ'קאָן עס נישט אָנטאַפּען מיט די הענד, נאָר עס שפּירט זיך אַליין, וואו ס'איז פאַרהאַן...

קעהר איך זיך אום צום אינהאַלט.

„דריי מתּנות". די צווייטע געשיכטע.

אַ נשמה האָט גלייך מצוות מיט עבירות, און די מצוות זענען פּונקט אַזוינע קליינע, אַזוינע גרינגע, ווי די עבירות, קאָן קיין איין שאָל נישט איבערוועגען די אַנדערע, איז פאַר איהר, פאַר דער נשמה הייסט עס, קיין אָרט ניטאָ נישט אין גיהנם, נישט אין גן-עדן (ווע-גען אַזוינע נשמות רעדט פּרץ אויך אין „כל-בו" און אין „די טויטע שטאָדט"). גיט מען איהר אַ פּסק: נע ונד זיין. איז דער נשמה נעבאַך שלעכט, וויינט זי אויף איהר מזל דעם ביטערן, גיט איהר אַ מלאך פון הימעל אַן עצה — זי זאָל פליהען אויף דער ערד, ברענגען פון דאָרטען מתּנות די צדיקים אין גן-עדן, וועלען זיי זיך מיהען פאַר איהר. געהט זי זוכען מתּנות... שווער, שווער צו געפינען מתּנות אויף דער ערד פאַר די צדיקים אין הימעל... יאָהרען, הונדערטער יאָהרען גע-העהן פאָריבער... דאָך איינמאָל אין הונדערט, איינמאָל אין טויזענד יאָהר ווערט עפּעס געבוירען, אַ גרויסע טואונג, אַ גרויסער מענש אַמאָל... פּרץ האַלט נישט פון מענשען, פון דעם מענשען אָבער, פון דעם איינציגען, דעם חד-בדרא האַלט ער. ער גלויבט נישט אין דאָס גראָהע, אין דאָס געוועהנליכע, ער גלויבט אָבער אין דאָס אונגעוועהנליכע אין לעגענ-דאַרישע: וואונדער געשעהען! און דאָס זענען די מתּנות, וואָס די נשמה די פערוואָגעלטע ברענגט די צדיקים אין גן-עדן... אַ יוד לאָזט, מען זאָל צונעהמען, מען זאָל אַוועקרויבען ביי איהם זיין גאָלד און זילבער, זיין גאַנץ פערמעגען, נאָר... „די גזלנים טרעפען צום לעצטען בעהעלטעניש און ציהען אַרויס אַ קליין זעקעלע", — דאָס איז ארץ-ישראל-ערד, נאָר די גזלנים מיינען ס'איז געלד, ס'איז אַ טייערער חפץ, ווילען זיי עס אויך אָברויבען ביי איהם, — האַלט שוין דער יוד ניט אויס מעהר. פריהער האָט ער געשוויגען, ניט גערירט מיט אַן אבר, ווי מען האָט איהם בעפוילען, איצט קאָן ער מעהר ניט שווייגען, —

יענער פאַרב-רייכער און דאָך קלאָרער, פאָלקסטימליכער און דאָך אינדיווידועלער שפּראַך, וואָס ביי פּרץ'ן פלעגען מיר זי שוין אויך פריהער בעגעגענען, נאָר אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען" האָט זי דערגרייכט איהר העכסטע מדרגה... ביי אונז איז די שפּראַך אָפט מאָל אָדער פעריוודישט, „פערסקאַרבאָוועט" אַזוי, אַז מיר דערקענען דורך איהר די יודען, אָבער נישט דעם יודען, דאָס פאָלק, אָבער נישט דעם דיכטער (דער דיכטער מאַכט דעם פאָלקס סטיל פאַר זיין סטיל); אָדער אַזוי פער'גוי'ישט, אַז מיר דערקענען אין איהר קיינעם נישט, נישט דאָס פאָלק און נישט דעם דיכטער... די פאָלקסטימליכע געשיכטען האָבען אַ סטיל, וואָס איז דער איינגעגעבענסער פון אַלע סינטעזען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרען, צווישען דעם פאָלקס און דעם דיכטערס שפּראַך: דאָ איז נישטאָ קיין איין שורה, וואָס מען זאָל קאָנען זאָגען אויף איהר: ס'איז נישט יודיש, און נישטאָ קיין איין שורה, וואָס מען זאָל קאָנען זאָגען אויף איהר: ס'איז נישט פּרצ'ס...

אין „מאָניש" האָט פּרץ געקלאָגט זיך אויף יודיש, אויף „זשאַרגאָן", וואָס עס האָט נישט „קיין רעכטען קלאַנג, קיין רעכטען טאָן": „ס'האָט פאַר ליעבע, פאַר געפיהל נישט קיין פאַסענד וואָרט, קיין סטיל"...

די „געשיכטען" האָבען געוויזען, אַז פאַר יודישע ליעבע און פאַר אַ יודיש געפיהל האָט עס אי אַ קלאַנג, אי אַ סטיל...

נאָר אויף איין פעהלער מוז דאָ אָנגעוויזען ווערען. פּרץ האָט צוטון אָפט מיט דער הימעל-וועלט און איהרע איינוואוינער (מלאכים, נשמות א. אַ. וו.), איז ער געוואָרען צו היימיש אין איהר. עפּיס פעהלט, ריכטיגער, עפּיס איבעריגעס, עפּיס אָבקיהלענדיגעס איז פאַרהאַן אין דעם טאָן, מיט וועלכען ער רעדט וועגען די צאַרטע, דורכזיכטיג-הימעלשע בעשעפעניש: צופיעל דערנעהנט ער זיך צו זיי אָדער צופיעל דערנעהנט ער זיי צו זיך... פּראָסט, אָהן חכמות רעדען וועגען מלאכים און וועגען גאָט אַליין קאָנען קינדער. פּרץ קאָן נאָכמאַכען, איבערגעבען אונז די קינדישע שפּראַך (אויף דערויף איז ער אַ קינסטלער!); אַליין אָבער רעדען קינדיש — קאָן ער נישט. אויב עפּיס פעהלט אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען" — איז עס דאָס קינדישע... „און עס סקריפּען די פעדערן און עס רוישען מיליאָנען-מיליאַסען פייגעל, טייל ווייסע, ווי שניי, ס'רוב גראָהע און פער-

ער איז אָבער ניט מפקיר. איהם וואָלט זיך וועלען דער גוטער מלאך זאָל אין גן עדן איהם פיהרען; ער האָט אָבער קיין ווילען ניט, קיין קראַפט ניט צו טון עפּעס פאַר'ן גן-עדן, אָבצוזאָגען זיך פון עפּעס, ניין זאָגען, כדי זיין יע זאָל מקוים ווערען... פערקעהרט אָבער, נחמנ'קע פון זבאָראַש, די צווייטע פערזאָן אין דער געשיכטע, — זאָגט לכתחילה ניין, ווען דער מלאך וויל אין גן-עדן איהם נעהמען: פאַר-האַן דאָרטען גליק, לייטזעליגקייט, מען קריגט עס אָבער אַזוי, אָהן שטרייט, אָהן אָנשטרענגונג פון ווילען... „ווי לעבט זיך דאָרט אין הימעל, אין גן-עדן דאָרט?" — פרעגט ער ביי'ן גוטען מלאך...

— גוט... פון גאָט'ס גענאָד בעשטראַהלט... אין גלאַנץ פון כסא הכבוד... מיט גאָלדענע קרוינען אויף די קעפּ...

— גלאַנץ... גאָלד... קרוינען... שטאַמעלט דער גוסס נאָך: וואָס וועל איך דאָרט טון?"

ער האָט דאָרטען ניט, וואָס צו טון, פאַר וואָס מקריב צו זיין זיך...

און ער געהט בעסער אין גיהנם, צו די בעשטראָפטע, צו די אומגליקליכע...

„העלפען, זאָגט דער שלעכטער מלאך, וועסט דו נישט קאָנען, אָבער צוזאַמען ליידען, מיטפּיהלען".

אויב מען קאָן נישט ליידען פאַר אַנדערע, איז, וועניגס-טענס, מיט אַנדערע ליידען: אין ליידען איז שטענדיג פאַרהאַן עפּיס אַ אינוועניגסטע אַקטיוויטעט...

„ביי'ם גוסס צוקאָפּענס" קאָן אויסגעטייטשט ווערען אַנדערש: לייב'ל קאָנסקיוואָלער איז פרום „בין אדם למקום", נחמנ'קע אָבער היט אָב די מצוות, וואָס „בין אדם לחברו", איז ער העכער דערפאַר. נאָר עס וואָלט געווען צו „משפּיליש" און צו פלאַך, ווען מיר זאָלען עס ניט פערשטעהן וויעדער אין דעם זין, אַז די פרומקייט „בין אדם למקום" נעהמט זיך אַמאָל פון בורא, פון זעלבסטליעבע, ניט פון זעלבסט-אָפּפערונג, און זי איז פּאַסיוו, אין דער צייט, ווען די בין-אדם-לחברו-פרומקייט איז אַ רעזולטאַט פון זעלבסט-אָפּפערונג און גייסטיגער אַקטיוויטעט, ס'איז ניט קיין פערזענליכע, נאָר אַ פּערזענ-ליכקייטס-זאַך...

אָנגעשריבען איז „ביים גוסס צוקאָפּענס", די „געשיכטע", וואָס שטעהט אין אָנהויב בוך, ווי אויך די ווייטערדיגע געשיכטען — מיט

אריינגעהויכֿט — דאָס איז די נשמה, דער טרוים פון אונזער איצטיגער צייט, — דער טרוים פון דעם איינציגען וועגען דעם איינציגען, דעם גרויסען... אַנדערע שטרעבען צום איבערמענשען. פאַר אונז וואָלט גענוג געווען אַ מענש. אַ גאַנצער און אַ שטאַרקער מענש מיט אַ שטאַרקען ווילען. דער עיקר פעהלט אונז ווילען: מיר האָבען פערלאַנגען און האָבען נישט קיין אַקטיוויטעט, וואָס זאָל די פערלאַנגען אין לעבען דורכֿפיהרען, און אָט די ווילענס-אַקטיוויקייט איז די קראַפט, וואָס די „געשיכטען" זענען אָנגעזעטיגט מיט איהר. דאָס איז דאָס בוך פון ווילען... דער העכֿסטער ווילען איז ניט דער, וואָס זאָגט: יע! נאָר דער, וואָס קאָן דורכפיהרען זיין ניין. דער העכֿסטער ווילען איז דער, וואָס האָט אַ געגען-ווילען, דער, וואָס מען מוז שטרייטען פאַר איהם, — שטרייטען מיט זיך צוליעב זיך, בייקומען דעם נידריגען ווילען, דאָס „נפש הבהמית", אין נאָמען פון דעם הויכֿען, דעם עכֿטען: — קדוש השם, מסירות-נפש... און אָט דאָס, דער זיעג פונ'ם גרויסען איך איבער דעם קליינעם, דאָסביישטעהן ביים נסיון, דאָס כפית-היצר, קורץ, די קראַפט פון דער פערזענליכֿקייט, — דאָס איז דער אינהאַלט פונ'ם גרעסטען טייל „געשיכֿטען"...

---

## IV.

לייב'ל קאָנסקיוואָלער איז אַ יוד אַ צדיק, צוויי מאָל אין טאָג רוישען אַלע זיעבען הימלען מיט זיין שמע ישראל, נאָר, אַזוי ווי ביי אַ סך פון זיינגלייכֿען, איז דאָס רוחניות'דיגע לעבען אָבגעטיילט ביי איהם פון דעם גשמיות'דיגען: אין דעם ענין פון רוחניות האָט ער דערגרייכט אַ הויכֿע, גאָר אַ הויכֿע מדרגה, דער חומר אָבער — די פרנסה — ציהט איהם אַראָב... דערשפּירט דער שוואַרצער מלאך — ער איז גוסס, זענען געקומען צו איהם צוויי מלאכֿים, אַ שוואַרצער און אַ ווייסער — דערשפּירט דער שוואַרצער, דער מקטרג, אַ זאַק ביי איהם אונטער בעט, שלעפּט ער איהם אַרויס, עפענט אויף און „דערלאַנגט איהם אַ שטויס מיט'ן פוס. אַ גאָלדענער גלאַנץ וואַרפט זיך איבער דער שטוב, אַ גאָלדענער קלאַנג לויפט איהם נאָך — גאָלדענע רענדלעך שיטען זיך אויס"... — „זיי מפקיד דיין געלד", בעט זיך דער גוטער מלאך...

האָט עס נישט. צווישען די, וואָס מען רופט אָן „קלאָרע", האָט פּרץ אַזוינע מענשען געפינען נישט געקאָנט: זיי זענען נישטאָ; האָט ער זיך געוועסט געווענדעט צו... משוגעים. אין „דולהויז", אין „פליגעל פאַר משוגעים", האָט ער געזוכט בילדער, געשטאַלטען, פּערזאָנען, וואָס זאָלען האָבען אין זיך עפּעס אונגעוועהנליכעס, עפּעס אונרוהיגעס...

„מיר, האָט ער געשריבען, קומט טיילמאָל פאָר, אַז די אַלע, וואָס מען האַלט זיי פאַר משוגעים, מעהר אָדער וועניגער געפעהרליכע משוגעים, זענען נאָר נייגיריגע מענשען, וואָס האָבען זיך ליעב אַמאָל אַראָפּצוכאַפּען פון טראַקט, פון שאָסיי, און זוכען אָן אַ זייט נייע וועגען...———— גאַנץ אָפט האָב איך הנאה, וואָס איך לעב צווישען די דרייסטע וועג-זוכער... ביי זיי איז וועניגסטענס נישט אַזוי לאַנגווייליג"... („אין פליגעל פאַר משוגעים").

לאַנגווייליג איז דאָ נישט, לאַנג בלייבען דאָ אָבער קאָן מען אויך נישט: דער „משוגעים-פליגעל" איז אַ פּאָזיציע אַ גוטע צו וואַרפען פון דאָרט פיילען פון קריטיק און סאַטירע; ס'איז אָבער נישט קיין פּלאַץ צום שאַפען; אין דולהויז זענען וועג-זוכער, אָבער נישט קיין וועג-ווייזער...

האָט פּרץ געווענדט זיך, געמוזט ווענדען זיך צו דער פערגאַנגענהייט.

דער סאַטיריקער איז געוואָרען ראָמאַנטיקער.

די סאַטירע האָט איהם געפיהרט צו דער ראָמאַנטיק: דער ראָמאַנטיזם, דער נאַאיווער גלויביגער שמייכעל איז אַ ברודער (ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט אויסזעהן)—פון'ם פעסימיזם, פון'ם קלוגען, שפּאָטישען שמייכעל. אַז מען פערהאַסט די ווירקליכקייט, פערליעבט מען זיך אין אַ טרוים, און אַז מען איז זיך מיאש פון דער בעגענוואַרט, זוכט מען טרייסט אין דער פערגאַנגענהייט...

די פערגאַנגענהייט איז נישט אַזוי נאָהענט צו אונז, ווי די בעגענוואַרט, קאָן מען זי אידעאַליזירען; פון דער אַנדער זייט איז אָבער די פערגאַנגענהייט אַמאָל אַ געגענוואַרט, אַ רעאַלהייט געווען, האָט די שוין פאַרטיגע, אַלעמען בעקאַנטע, בילדער און געשטאַלטען, הויכען מיר אַריין אין זיי אונזערע טרוימען און אידעען, אין דעם אַלטען קערפּער טוען מיר אַ נייע נשמה אַריין...

די נייע נשמה, וואָס פּרץ האָט אין די „געשיכטען" די אַלטע

און געדויערט, איידער די זעק וואָלטען לעדיג געוואָרען... אַזוי פיעל קלייניגקייטען, אַזוי פיעל!

אָבער אַז די זעקלעך וואָלטען שוין לעדיג געוואָרען, וואָס וואָלט געווען?

דאָס צינגעל וואָלט געוויס געבליבען שטעהן אין דער מיט!

ביי אַזוינע קלייניגקייטען, ביי אַזוי פיעל קלייניגקייטען קאָן גאָרנישט איבערוועגען... וואָרום וואָס? נאָך אַ פעדערל, נאָך אַ שטרוי-עלע, נאָך אַ פלעווע, נאָך אַ שטויב!..

און וואָס וואָלט גאָט געטון, וואָס וואָלט ער געפסקנ'ט?

צוריק צו תהו ובהו? נישט: די עבירות וועגען נישט איבער די מצוות...

אויסלייזען? אויך נישט: די מצוות וועגען נישט איבער די עבירות...

וואָס דען?

— געה ווייטער, וואָלט ער געזאָגט... פליה ווייטער צווישען גיהנם און גן-עדן, ליעבשאַפט און האַס, רחמנות'דיגע טרערען און רויכערדיג בלוט... צווישען וויעגען און קברים... ווייטער, ווייטער!... („דריי מתנות").

און מיר געהען ווייטער און אַלץ צווישען, אַלץ אינמיטען און אָהן אַנ'אָנהויב און אָהן אַ סוף און אָהן אַ צוועק...

אָהן אַ צוועק, וואָס זאָל אונז ציהען אין איין זייט, צו איין פינטעלע...

אָהן אַ צוועק, וואָס זעלבסט דאָס שטרעבען צו איהם מאַכט גרויס, ווען ער אַליין אפילו איז נישט גרויס...

און מענשען ווערען אַלץ קלענער, — אַזוי קליין, אַז קוים וואָס מען בעמערקט זיי, און אַז מען בעמערקט זיי, קאָן מען איינעם נישט אָבטיילען פון דעם אַנדערען, פון איינעם ביז דעם אַנדערן איז קיין אונטערשיעד נישטאָ. „די גאַנצע נפקא מינה, זאָגט יוחנן מלמד, צווי-שען אַ משכיל און אַ חסיד איז היינטיגע צייטען נישט מעהר, ווי אינ'ם נאָמען" („וואָס אַמאָל וועניגער"). דער נאָמען איז פערשיעדען, דער תוך אָבער איז איינער: אַ פוסטער; דער משכיל איז קיין משכיל נישט און דער חסיד קיין חסיד נישט...

און עס בענקט זיך נאָך אַ מענשען, וואָס זאָל עפּיס זיין, עפּיס האָבען, — עפּיס אַזוינס, וואָס קיין אַנדערער, אַ חוץ איהם,

מען זאָל אייך קאָנען געבען אַנ׳אָרט — אין גן-עדן אָדער... אין גיהנם.

איהר זאָלט נישט בלייבען הענגען אין לופטען, אין כף-הקלע, צווישען הימעל און ערד, ווי טוף-זומערד׳יגע שפינוועבס...

אַז מען וועט לעגען אויפ׳ן וואָג אייערע מצוות און עברות, זאָלען די מצוות זיין מצוות און די עברות — עברות... עס זאָל נישט פּאַסירען מיט אייך, ווי מיט יענער אומגליקליכער נשמה, וואָס, אַז מען האָט געלעגט אויף איין שאָל איהרע גוטע — און אויף דער אַנדערער — די שלעכטע מעשים איהרע, האָט קיין איין שאָל נישט איבערגעוואויגען, ווייל אי די גוטע, אי די שלעכטע מעשים איהרע האָבען קיין ממשות נישט געהאַט: „...אַ פּראָסטער יוד געווען — אָהן גרויסען „להכעיס״, ווי אויך אָהן „קדוש השם״... אַזוי — קליינע מצוה׳לעך, קליינע עברה׳לעך, שרעטעלעך, שטויבעלעך...״ („דריי מתנות״)

---

# III.

פּרץ האָט שוין לאַנג געפיהלט, אַז אין דער געגענוואַרט, אין דער ווירקליכקייט האָבען מיר נישט קיין מענשען. דער עכטער מענש שטעהט קיינמאָל נישט אינמיטען, צווישען דאָס גוטע און דאָס בייזע; ער פערנעהמט אַנ׳אָרט אויף איין זייט, רעכטס אָדער לינקס, ביי די צדיקים, אַ ניט איז ביי די רשעים. אָבער „ביי אונז אין שטעדטיל, דערצעהלט זיך אין איינער פון די אַלעגאָרישע מעשה׳לעך — ביי אונז אין שטעדטיל איז כמעט קיינער קיינמאָל נישט רעכט געשטאָרבען, ווייל עס האָט קיינער נישט רעכט געלעבט! נישט קיין גוטע, נישט קיין שלעכטע, קיין רשעים, קיין צדיקים״... („די טויטע שטאָדט״).

„ווען גאָט, געלויבט זאָל זיין זיין נאָמען, זאָל וועלען אַמאָל אָבשטעלען און משפט׳ן די וועלט, אַזוי ווי עס איז, מיט אַמאָל... און פון איין זייט זאָל זיך שטעלען אַ סניגור און שיטען פון ווייסען זאַק אַרויס שרעטעלעך און שטויבעלעך; און פון דער צווייטער זייט — דער קטיגור זאָל שיטען דינע פיצלעך און ברעקלעך, וואָלט געדויערט

דעם, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען שפּינען אין דער פערגאַנגענהייט און וועט זיך אויסשפּינען אין דער צוקונפט. די „פּאָלסטימליכע געשיכטען" וועלען זיין פאַר'ן פאָלק אַ בוך, נישט קיין ביכעל. אַ בוך, וואָס מיר האָבען גע'ירשנ'ט פון אונזערע עלטערן, און אונזערע קינדער ווע־לען פון אונז ירש'ענען...

אַ בוך פון איינעם, אַנ'איינציגען, פאַר אַלעמען... און פאַר יע־דערן בעזונדער: דער קונסט-געניסער, דער עסטעט וועט בעוואונדערן די האַרמאָניע, וואָס דאָ הערשט אָפּט צווישען דעם אינהאַלט און דער פאָרם, און די שענקייט פון די טראַגישע נשמות... דער גלויבער, דער חסיד וועט חדוש'ן זיך. ווער האָט עס דעם סוד, אונזער סוד איהם ענטפּלעקט? ווער האָט עס די כונה, דעם מוסר, דעם ניצוץ פון די הייליגע מעשיות פערשטאַנען אַזוי גוט, אַזוי טיעף? און ווי גרויס, אָ, ווי גרויס איז דער כח פון גלויבען אין אַ צדיק, — אַז בלינדע דער־זעהען, טויבע דערהערען און פרעמדע ווערען נאָהענט!...

דער קאַלטער מתנגד וועט נישט גלויבען אין די מעשיות, ער וועט מיינען — מ'לאַכט עס, וועט ער הנאה האָבען פון נמשל...

דער פערשפּעטיגטער משכיל וועט אין האַרצען שלאָגען זיך: אשמנו! פערזעהן! ער האָט געזעהן די שאָלעכץ און דאָס אינוועניגס־טע, דאָס קערנדיל פערזעהן!

אונזערע מאַמעס מיט שפּאַקולען אויפ'ן נאָז וועלען עס צוגליי־כען צו זייערע ספרימ'לעך: דאָרט, וועלען זיי טראַכטען, איז עס לייכטער, איינפאַכער געווען, אָבער אויך דאָ איז אַזוי האַרציג און געשמאַק...

און די יונגע — מיט פערבענקטע, מיט דאַנקבאַרע אויגען — וועלען טראַכטען, שטיל און שעמעוודיג טראַכטען: ווי דערגרייכט מען די מדרגה פון די מענשען, וועגען וועלכע דאָ דערצעהלט זיך?

די יונגע, די, וואָס שטענדיג זינדיגען זיי און טוען שטענדיג תשובה, די, וואָס ביי זיי אין האַרצען ברענט אַ דורשט נאָך דאָס גרויסע און דאָס שענע, — וועלען פיהלען, אַז ס'איז נישט קיין שפּיגעל, וואָס ווייזט אונז: אַזוי זייט איהר, נאָר אַ בילד, אַ פאָרבילד, וואָס רופט צו אונז: איהר זאָלט זיין אַזוי!

מענשען, גאַנצע מענשען מיט אַ גאַנצען ווילען, מיט אַ שענעם ווילען — זאָלט איהר זיין!

פערזענליכקייטען, נישט קיין „כל-בו"!

אויך „אויב נישט נאָך העכער" און „צווישען צוויי בערג", — ערשט אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען" האָבען מיר דערזעהן די פּראַקטיק, די בילדליכע פערקערפּערונג פון דער אינוועניגסטער שענקייט...
„קומט, רבי, איך וועל זי (די תורה) אייך ווייזען" — זאָגט דער ביאַלער רבי צום בריסקער רב („צווישען צוויי בערג"). און אויך פּרץ לערנט דאָ מיט אונז נישט די תורה, די חסיד׳ישע, נאָר ער ווייזט זי אונז: מיר זעהען זי.
מיר זעהען דאָ שוין די ווירקליכקייטען, נישט נאָר די מעגליכקייטען פון דער יודישער נשמה.
פּרץ האָט זיך שוין אינגאַנצען פערטרויט דער יודישער פערגאַנגענהייט.
פריהער איז ער געשטאַנען אַזוי ווי אויפ׳ן ברעג, און פון ברעג, פון דער הויך האָט ער געוואַגט אַראָבקוקען אין דער טיעף, אין די שטילע אוצרות פון די „געשיכטען", פון דער לעגענדע; איצט האָט ער אַליין, ווי אַ דרייסטער פּערל-זוכער, אין די טיפעניש זיך אַראָבגעלאָזען, און די שטים זיינע דערגרייכט צו אונז שוין, אַזו ווי די שטים פון אַ דאָרטיגען: שוין נישט אין פאָלק׳ס, נאָר אין זיין אייגענעם נאָמען דערצעהלט ער די מעשיות אונז, און מיט זיין מויל רעדט שוין דאָס פאָלק, דער שאַפענדיגער, באַאיוואער און קלוגער גייסט פון פאָלק...
דאָס פאָלק וועט נישט געפינען אין די „געשיכטען" זיין וואָכעדיג איך (ווי ער געפינט עס אין אַ טייל פון די פריהערדיגע ווערק פּרץ׳ס), ער וועט דאָ אָבער געפינען זיין העכערעס איך, זיין נשמה-יתירה, זיין בן-מלך-אידעאַל... דאָס פאָלק האָט נישט געשאַפען די „געשיכטען", עס האָט אָבער געגעבען דאָס מאַטעריאַל זיי צו שאַפען, דאָס מאַטעריאַל און די בעגייסטערונג. בעגייסטערן דעם דיכטער אַ ווערק צו שאַפען הייסט האָבען אַ חלק אין איהם. דאָס פאָלק האָט אַ חלק אָבער נישט בלויז אינ׳ם ווערק, נאָר אויך אינ׳ם דיכטער זעלבסט: דאָס פאָלק איז די ערד, וואו דעם דיכטערס וואָרצלען זויגען, דער הימעל, וואו זיין שטערן לויכט, די לופט, וועלכע ער עטעמט אַריין — און אַרויס... דאָס פאָלק וועט געפינען אין די „געשיכטען" זיין ערד און זיין הימעל און די לופט פון זיין נשמה, די „פאָלקסטימליכע געשיכטען" (הלואי וואָלט נאָך דער נאָמען געווען „פאָלקסטימליך"!) גיבען דעם פאָלק צוריק דעם פאָדעם, דעם געוועסט פערלאָרענעם פאַ-

שענקייט אין די געצעלטען פון שם — די שענקייט פון קערפּער, פון דער חצוניות, פון דער קלפּה, נאָר די שמ׳ישע, די יודישע, די אינווייניגסטע, די הייליגע שענקייט — די שענקייט, וואָס מען קאָן די נישט זעהען מיט׳ן אויג, נאָר בענקען נאָך איהר, דענקען וועגען איהר... עס איז פאַרהאַנען אַ נגון, זאָגט דער מקובל, וואָס מוז האָבען ווערטער... דאָס איז גאָר אַ נידעריגע בחינה... עס איז פאַרהאַנען אַ העכערע בחינה: אַ נגון, וואָס זינגט זיך אַליין, גאָר אָהן ווערטער — אַ ריינער נגון! נאָר דער נגון דאַרף נאָך האָבען אַ קול און ליפּען, דורך וועלכע דאָס קול געהט אַרויס... און ליפּען — פערשטעהסט דו — זענען דאָך גשמיות! און דאָס קול אַפילו, ס׳איז איין עדעלער גשמיות, גשמיות איז עס! לאָז זיין, אַז דאָס קול שטעהט אויף דער גרעניץ צווישען רוחניות און גשמיות, נאָר סיי ווי סיי דער נגון, וואָס הערט זיך מיט אַ קול, וואָס הענגט אָב פון די ליפּען, איז נאָך נישט ריין, נאָך נישט אינגאַנצען ריין, נאָך נישט קיין אמת׳ע רוחניות!... דער אמת׳ער נגון אָבער זינגט זיך גאָר אָהן אַ קול... עס זינגט זיך אינווייניג, אין האַרץ, אין די געדערים..." (מקובלים)".

אָט דאָס איז דער אמת׳ער נגון, דער עכט רוחניות׳דיגער...

וועגען אָט דעם נגון, וועגען אָט דער אינערליכסטער שענקייט, האָבען מיר ביי פּרץ׳ן געלעזען אין די חסיד׳ישע מעשיות; אָבער דעם נגון אַליין, די שענקייט אַליין האָבען מיר נאָך נישט אינגאַנצען געפיהלט. די אַלע חסיד׳ישע און פאָלקסטימליכע זאַכען, וואָס זענען געדרוקט געוועזען אין די ערשטע זאַמלונגען פון פּרץ׳ס שריפטען, אַ חוץ דער ערצעהלונג „אויב נישט נאָך העכער" און טיילוויז „צווישען צוויי בערג" — מאַכען אַנ׳איינדריק פון אַ טעאָרעטישען גרייטען זיך צו אַ פּראַקטישער אַרבייט: דאָ איז נאָך אַ סך אַבסטראַקציע פאַרהאַן, אַ סך רויה מאַטעריאַל... דאָ איז פאַרהאַן ליריק און נישטאָ נאָך די זיכערקייט און רוהיגקייט פון עפּאָס: דער דיכטער מאָלט נאָך נישט די חסיד׳ישע נשמה, ער בעטראַכט זי; איידער ער וועט געבען דעם קינסטלערישען, גיט ער דערווייל דעם פילאָזאָפישען סינטעז איהרען, און די בילדער, די מעשיות, וואָס זענען דאָ פאַרהאַן, זענען אויך אָפטמאָל מעהר נישט ווי אַ בעווייז, אַ „והא ראיה" צו דער פילאָזאָפיע, צו דער טעאָריע. פּרץ איז נאָך אַזוי ווי נישט זיכער אינגאַנצען, אַז דאָס חסידות איז אַ פּראַקטיק, נישט קיין טעאָריע...

ערשט אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען", וואָס צו זיי געהערט

פאַר דעם תּעניתים-לעבען, פאַר דער אויסוועניגסטער פּערטרי-קענטקייט, אונטער וועלכער פּרץ האָט ענטפּלעקט שפּעטער אַ קוואַל פון לעבען און אינוועניגסטער שענקייט, — האָט ער נאָך דערווייל קיין וואַרעם געפיהל און קיין וואַרעם וואָרט נישט, ס'זענען נאָך „מענשען, ווי מתים", — און טאָמער איז די מוטער מאַניש'עס אַ ליעבע, אַ ליכ-טיגע, אַ צערטליכע געשטאַלט, איז עס די ליעבקייט און די ליכטיג-קייט און די צערטליכקייט פון אַ מוטער, נישט פון אַן'אַלטער מוטער דוקא. פון די אַלטע, די אַמאָליגע, לאַכט פּרץ, און ער קוועלט נישט פון זיי, און אויך אין דער שענער גערייםטער ער-צעהלונג „דער בעל-עגלה" פיהלט זיך נאָר רחמנות צום אַלטען פּאַט-ריאַרכאַלען לעבען, וואָס שטאַרבט נעבאַך אָב, אָבער נישט קיין בענקשאַפט נאָך איהם... און אַז מיר זעהען, ווי מאַניש, וואָס האָט געשמ'ט ווי אַן'עילוי, וועלכער וועט אַראָבברענגען משיח'ן, — ווערט פערכשופ'ט פון מאַרי, דער פערשטעלטער לילית, דער קליפּה, „און ער שווערט איהר ביי'ם פּרכת, ביי דעם כּתר, ביי דער תּורה"... „און ער גרייפט אַלץ העכער, העכער, האָט גאָטס נאָמען אויסגערו-פען" — אַז מיר זעהען עס, דוכט זיך אונז אַז שולמית — די כּנסת ישראל — קניעט פאַר ווענוס... די פערצייטיגע יודען, — דרינגען מיר אַרויס פון „מאַניש" — זענען נישט אינגאַנצען „מתים", ווי דער שד מסר'ט סמאל'ן. פאַרהאַן אין זיי אַ מעגליכקייט פון לעבען, ביי זיי איז מעגליך אַ מאַניש, אַ מרידה אין דעם תּעניתים-גייסט, אָבער פערווירק-ליכען קאָן זיך די מעגליכקייט נישט פון אינוועניג, נאָר פון דרויסען, — דורך דעם טייטשס טעכטערל, דורך ווענוס, דורך לילית, דורך דער סטרא-אַחרא... אַזוי ווי איינער וואָלט אונז זאָגען: מאַניש ליעבט אַזוי שטאַרק נישט, ווייל ער איז אַ מענש גלייך מיט אַלע מענשען, נאָר ווייל דאָס מענשליכע איז גובר אין איהם דאָס יודישע... פּרץ האָט אין יודען דערזעהן די מענשליכע שענ-קייט, די מענשליכע קראַפט, ער האָט נאָך נישט דערזעהן אָבער די יודישע שענקייט, די יודישע קראַפט...

שפּעטער, אין די חסידישע מעשיות האָט ער טיעפער, דרייס-טער און מיט מעהר צוטרוי אַריינגעקוקט אין דער פערגאַנגענהייט דער יודישער; פון אונטער דער גראָבער שאָלעכץ פון אַבערגלויבען האָט גענומען שלאָגען אַ קוואַל פון חכמה, פון גייסטיגער שענקייט און פון ריינעם, קלאָרען גלויבען. מיר האָבען דערזעהן שוין נישט יפת'ס

## II.

די דאָזיגע בעפרוכטונג האָט לאַנג זיך שוין אָנגעהויבען, נישט איינמאָל האָט שוין פרץ געפּרובט אָבצוטרייסלען פון זיך דעם גרויען שטויב פון דער געגענוואַרט און שטראַהלען צו זוכען, גאָלדענע שטראַהלען, אין דעם זילבערנעם שטויב פון דער פערגאַנגענהייט, פון דער פאָלקס-לעגענדע. נאָר ביז די „געשיכטען" האָט פרץ נאָך אַזוי ווי געקוויינקעלט, פלעגט מאַכען צוויי טריט אין דער סיטף, צו דער ראָמאַנטיק, צום גלויבען, און אַ טריט צוריק, צום רעאַליזם, צו דער סאַרקאַסטישער איראָניע.

דער לעזער געדענקט נאָך מסתמא „מאָניש" (אַז ס'וואָלט געווען נישט אויף יודיש געשריבען און כ'וואָלט רעדען צו נישט אַ יודישען לעזער, וואָלט איך זיכער געווען, אַז ער ווייס אויף אויסוועניג „מאָניש", נאָר ביי'ן יודישען לעזער מוז מען פרעגען) — געדענקט ער עס? האָט ער בעמערקט מסתמא, אַז די דאָזיגע, — אויך פאָלקסטימליכע, — געשיכטע איז רעאַליסטיש און אין דער זעלביגער צייט אויך ראָמאַנטיש:

— — — — — — — — — — — — — — — — —

גע'לעבט האָב'ן דעמאָלט
נאָך ד'אַלטע בעל-הבתים,
מיט מעשענע ברילען
און זילבערנע בתים...

דאָך ציהט נאָך דאָ אונז, ווי אויך דעם דיכטער, נישט צו די אַלטע. מיט אַ וויכען, אַ שטילען, אָבער דאָך אַ איראָנישען שמייכעל שרייבט דער דיכטער וועגען זיי, — און עס ווילט זיך אַוועקגעהן פון זיי, פון די אַלטע, און פרעהען זיך מיט מאָניש'ן, מיט דעם יונגען, מיט דער יונגער תאוה, מיט דער יונגער קראַפט, וואָס וואַכט אויף אין איהם, — די קראַפט פון לעבען און פון ליעבע, די קראַפט, וואָס שטעלט זיך ווי אַ וואַנד צווישען איהם און דער אַלטער וועלט, דער יודישער גאַס, וואו ס'איז —

... שטיל ווי אַ קברות,
מענשען, ווי מתים;
קיין גאוה, קיין תאוה —
מ'לעבט פון תעניתים...

נישט דאָס אייגענע, וואָס צוגעבונדען זיין)... דער אַלטער יודי־שער, ריכטיגער: העברעאישער, ספר האָט געגומען דעם לעזער, ווי געזָגט, מיט צוויי זאַכען: מיט זיין עמקות, ערשטענס, און, צוויי־טענס, מיט זיין שורש, דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ רונג אין דער גאָלדענער קייט פון דער סביבה. פרץ האָט נישט בלויז די ער־שטע, נאָר אויך די צווייטע מעלה: ער איז פערבונדען מיט דער יו־דישער מסורה, — פערבונדען מיט איהר נישט בלויז דאַן, ווען ער האָט צו טון מיט דער פערגאַנגענהייט, נאָר אויך דאַן, ווען ער רעדט וועגען דער געגענוואַרט און דער צוקונפט...

און דאָ איז ווידער אַ חילוק צווישען פרצ׳ן און דעם אַנדער גרויסען פאָלקס־דיכטער, דעם זיידען פון דער יודישער ליטעראַטור — מענדעלי מוכר ספרים.

מענדעלי מוכר ספרים מאָלט די דורות, וואָס נעכטען האָבען זיי געלעבט און היינט שטאַרבען זיי; פרץ — די דורות, די גייסטיגע, וואָס נעכטען זענען זיי געשטאָרבען געווען פאַר אונז, און היינט לעבען זיי אויף, — וועניגסטענס, מיר ווילען זיי זאָלען אויפלעבען, זיי זאָ־לען זיך אומקעהרען צו אונז... מענדעלי מאָלט די וואָך פון דער פערגאַנגענהייט, פרץ — איהר שבת. די פערגאַנגענע וואָך ווילען מיר קענען, דעם פערגאַנגענעם שבת — אָנערקענען; די פערגאַנגענע וואָך ווילען מיר געדענקען, דעם פערגאַנגענעם שבת — פייערן. ס׳איז ביי אונז נישט קיין בילד פון דער פערגאַנגענהייט, נאָר אַ פאָר־בילד פאַר דער צוקונפט; אין דער דאָזיגער פערגאַנגענהייט זוכען מיר אַ טרייסט, אַ האָפנונג פאַר דער צוקונפט: אַמאָל זענען ביי אונז גרויסע, אַמאָל זענען ביי אונז שענע געווען, — וועלען מיר אפשר אויך שפּעטער גרויסע און שענע האָבען? אפשר וועלען מיר אַליין, יאָ, אַליין שען און גרויס ווערען?...

„פּרוכטבאַר מאַכען די פערגאַנגענהייט און געבוירען די צוקונפט — אָט דאָס דאַרף זיין די געגענוואַרט"; דאָס איז פרצ׳ס געגענוואַרט: די געבורט פון דער צוקונפט, פון דעם צוקונפטס־טרוים, דורך דער בעפרוכטונג פון דער פערגאַנגענהייט...

מאַרקס׳ן! זעהט נאָר, ס׳אַראַ הנאה מיר האָבען, בעת מיר פערקריכען אין ווייטע דרכים, שוועבען אַרום אין די הויכע עולמות!...

מיר זאָגען נישט, אַז ס׳איז פרצ׳ס פסיכאָלאָגיע אָט דאָס יאָגען זיך נאָך דאָס אַבסטראַקטע. פרץ, הגם ער ליעבט געוויס דאָס אַבסטראַקטע און אוניוועראַלע, איז ער עס דאָך „מקרב אל השכל״: דער אַבסטראַקסטער און אוניווערסאַלסטער אינהאַלט בעקומט ביי איהם אַ קאָנקרעטע און נאַציאָנאַלע פאָרם, און אויב זיינע בילדער זענען אידעען, זענען די אידעען זיינע — בילדער...

נאָר אונז אינטערעסירט דאָ דער לעזער, אונז אינטערעסירט, ריכטיגער, דער דיכטער אין דעם לעזער׳ס אָבשפּיגלונג. דער לעזער זוכט אַ וועג נישט צום דיכטער׳ס, נאָר צו זיין אייגענער נשמה; ביי׳ן הייליגען פייער, וואָס דער דיכטער האָט פון הימעל, צי פון אָבגרונד, גענומען, וויל ער זיך אַליין, זיין אייגענעם אָבגרונד און אייגענעם הימעל, דערזעהן; ער וויל הערען און הערט נישט די שטים דעם דיכטער׳ס, נאָר דאָס אָ ב ה י ל כ ע ן, וואָס די שטים הילכט ביי איהם אין האַרצען אָב... און אָט דאָס זאָגען מיר, אַז פרצ׳ס שטים הילכט אין האַרצען פונ׳ם יודישען לעזער אָב הויך און טיעף: דער יודישער לעזער געפינט ביי פרצ׳ן, וואָס ער זוכט. אין איהם האָט אויפגעוואַכט דער אַלטער, נישט נאָך פּלאַסטישען און עסטעטישען, נאָר נאָך עטישען און אינטעלעקטועלען שאַפען, דורשטענדיגער י ו ד י ש ע ר ד י כ ט ע ר, און, אַ דאַנק איהם וואַכט אויף אויך דער אַלטער, נישט הוילע עסטעטיק, נאָר מוסר און געדאַנקען זוכענדיגער, י ו ד י ש ע ר ל ע ז ע ר...

דער מוסר און די געדאַנקען, וואָס מיר בעגעגענען ביי פרצ׳ן, זענען אַלגעמיין-מענשליכע, נאָר זיי זענען אַזוי פערייודישט, אַזוי איינגעטונקען אינ׳ם גייסט און אין דער פאַרב פון דער יודישער סביבה, פון דער יודישער שפראַך, פון דעם יודישען איינפאַל, פון דעם יודישען קנייטש און יודישען חן, אַז, לייענענדיג, טוט אייך הנאה נישט בלויז דאָס, וואָס איהר האָט צוטון מיט אַזוינע גרויסע און וויכטיגע פראַגען, נאָר אויך דאָס, וואָס אָט די גרויסע, וויכטיגע פראַגען זענען געוואָרען אייך אַזוי נ אָ ה ע נ ט, אַזוי היימיש...

און נאָך אַ זאַך איז פאַראַן, וואָס דערנעהנט — מ ו ז דערנעהנטען — פרצ׳ן צום יודישען לעזער: — דאָס איז זיין פערבונדען זיין מיט דער פערגאַנגענהייט (נאָר גישט פערגעסט, אַז פ ע ר ב ו נ ד ע ן איז

יודישער האָט געקאָנט זוכען—און געפינען—ספקות, שאַרפקייט; דער ערשטער, וואָס איז געווען אַ ל י י ע נ י ש פּאַר׳ן לעזער, נישט קיין רש״י, נאָר עפּיס אַ מין מהרש״א...

דער קלוגער זיידע אונזערער זאָגט דער טאָכטער און מיינט דער שנור, אָדער ער זאָגט איין זאַך און מיינט אַנ׳אַנדערע; די זאַך אָבער, וואָס ער זאָגט, זאָגט ער אינגאַנצען, ביז׳ן סוף. פּרץ—די זאַך אַליין, וואָס ער זאָגט, זאָגט ער נישט אינגאַנצען, ביז׳ן סוף; זיינע פּינטעלעך זענען נישט גלאַט אַזוי פּינטעלעך, וואָס מען דאַרף טרעפען—מען דאַרף טראַכטען, ד ע ר ט ר אַ כ ט ע ן...

ער גיט אונז אַ פאָדעם—מיר זאָלען איהם דערשפּינען, אַ געוועב—מיר זאָלען עס דערוועבען...

דער יודישער לעזער, דער אַלטער, אין חקירות און חריפות ערצויגענער, לעזער, האָט עס ליעב, און דאָס פערבינדט איהם—אינטעלעקטועל און מאָראַליש—מיט פּרצ׳ן.

נאָר נישט דאָס אַליין.

פּרץ ריהרט אָן נישט סתם אין דער וועלט אַריין ט י ע פ ע ענינים, ה ו י כ ע מאַטעריעס; ער גיט זיך אָב מיט די טיעפע ענינים און הויכע מאַטעריעס, מיט וועלכע אַ יוד האָט ליעב זיך אָבצוגעבען בטבע. „וואָס הייסט נשמה?״ „ווער בין איך?״ די וועלט און יענע וועלט; יצר טוב און יצר הרע; חסידישע נגונים, חסידישע תורות, פאַנטאַזיעס, חלומות—

דאָס זענען אַלץ זאַכען, וואָס זענען שייך נישט צום קאָנקרעטען, נאָר צום אַבסטראַקטען, נישט צום היינטיגען, נאָר צום אייביגען לעבען; זיי וועקען אויף און צוציהען דעם געדאַנק, די פאַנטאַזיע... און דאָס וויל אַ יוד! ער האָט פיינט ערנסט צו טראַכטען וועגען דאָס אַרומיגע, דאָס נאָהענטע, דאָס רעאַלע: עס, ווייס איך וואָס... נאַרישקייטען, חיי שעה! דאָס ביסעלע יאָהרען, וואָס אונז איז בעשערט צו לעבען אויף דער וועלט, וועלען מיר ווי עס איז אָבלעבען, איבערשלאָפען, אַז גאָט וועט רחמנות האָבען... אָבער אויף טשיקאַווע זעהט נאָר, מיט וואָס פאַר אַ חשק און וואָס פאַר אַ ברען מיר „בעקלערען די וועלט״, וואָס פאַר אַ פייערלעך צינדען זיך אָן ביי אונז, יודען, אין די אויגען, בשעת מיר שמועסען (יעדערער אויף זיין שטייגער: די אַלטע—אויף זייערן, מיר, יונגע, אויף אונזערן) וועגען „פּאָליטיקע״, וועגען נאַפּאָלעאָנ׳ען מיט ביסמאַרק׳ן מיט׳ן תוגר מיט

זי זיך נישט געמישט: ס'איז געווען לכתחילה אַ ליטעראַטור פאַר עם-הארצים... טאָמער פלעגט אייזיק מאיר דיק „אַריינבראָקען" אַ גמרא צי אַ מדרש'ל, האָט עס געהאַט דעם אויטאָריטעט, אָבער נישט דעם חן פון אַמאָל... אַזוי איז די יודישע ליטעראַטור פאַר דעם יודישען לעזער, (נישט פאַר דעם, וואָס זי האָט אַליין געדאַרפט שאַפען) — געווען עפּיס אַ נייע, אַ טשיקאַווע, אַ פרעמדע זאַך. ער האָט נישט געהאַט קיין אַראָבפאַל פאַר איהר. זי האָט נישט קיין שיין, קיין יחוס-בריעף, קיין טראַדיציעס: זי איז געקומען צו איהם „פון שוסטער-גאַס" און, וואָס נאָך ערגער איז, פון דער ווייבערשער שוהל (ערשט פון „צאינה וראינה" זיך אָבגעריסען), גערעדט מיט אַ בעטלערישען תחנונים'דיגען קול, מיט אַ בטול צו זיך זעלבסט, געברויכט אַנ'אָרימע, אַ פּראָסטע שפּראַך און איז, מחילה, אַליין אויך געווען פּראָסטליך, אָהן דער עמקות, דער שאַרפקייט, דעם „וצריך עיון", צו וועלכע דער יודישער לעזער, דער אַלטער יודישער לעזער, דער עלטסטער פון אַלע לעזער אויף דער וועלט, — איז געוועהנט געווען. „גוט, זאָגט מענדעלי מו"ס, אמת גוט איז ביי יודען נאָר אַזוינס, וואָס ברעכט דעם מוח און איז אונמעגליך צו פערשטעהן. אַז מען פערשטעהט עס נישט, מסתמא מוז דאָך דערינען עפּיס שטעקען".

מענדעלי מוכר ספרים פלעגט יאָ צופריעדען שטעלען אַ ביסעל דעם לעזער דעם יודישען: עפּיס האָט ער גערעדט מיט רמזים, מיט משלים, מיט אָנצוהערענישען, געהאַט עפּיס שטענדיג אַ מיין... „נישט דאָס, זאָגט ער, בין איך אויסען". — מסתמא טראַכט זיך דער לעזער דער יודישער, דער פערשטעהער דער גרויסער, — מסתמא איז ער דאָך יאָ עפּיס אויסען, דער קלוגער רבי מענדעלי, דאַרף מען טרעפען; זיך מאַטערן אַ ביסעל... איז איהם פרעהליכער, דעם יודישען לעזער: פאַרהאַן וואָס צו טון, אין וואָס זיך אַרייצונטון...

דאָך איז רבי מענדעלי פאַר'ן יודישען לעזער צו קאָנקרעט, צו נאָהענט צום לעבען, צו דער סביבה, וואָס אַרום; זעלטען, זעלטען, ווען ער פערקריכט אין די ווייטע, טאַקע גאָר אין די ווייטע דרכים. ס'רוב האָט ער אין זינען דאָס נאָהענטע און רעאַלע, און אפילו אין די רמזים, אין די סודות אין זיינע שטעקט" אַ שטיק פשטות: מענדעלי איז סוף כל סוף דער רש"י, דער פשטן פון דער יודישער ליטעראַטור...

פּרץ איז געווען דער ערשטער, ביי וועמען דער לעזער דער

דאָס, וואָס צווישען די שורות, נישט די שורות; דאָס, וואָס מיר אַליין פלעגען, אַריינטועענדיג זיך אין ספר, מחדש זיין, נישט דאָס, וואָס דער ספר פלעגט מחדש זיין...

פלעגט עס פיהרען אָפט צו קאָמישע און נאַרישע זאַכען, צו פוסטע חקרנות, צו בטלנות; דאָ פלעגט זיך אַרויסווייזען אָבער דאָס ערנסטע, דאָס דאָן-קיחאָטיש ערנסטע פערהאַלטען זיך צום ספר, די נאַאיווע, אָבער טיעפע ליעבע צום שאַפען און צו די, וואָס שאַפען...

שפּעטער, אַז עס האָבען זיך בעוויזען די טרף-פסול'ען, די השכלה-ספרים, האָט מען, על פי הרגל, אויך אין זיי (כאָטש זיי זע-נען געווען אָפטמאָל פשוט בתכלית הפשטות) — געזוכט כונות, געלערנט פשט, אַ פעליעטאָן אין בלאַט אַפילו... נאָר וואָס ערשט אַפילו, — דווקא אַ פעליעטאָן אין אַ בלאַט, ווייל עס איז געלעגען אין דעם קלות-ראש, האָט דער יודישער מוח עס נישט געקאָנט סובל זיין און געזוכט אין דעם אַ כונה, עפּיס אַ בעהאַלטענעם מיין...

מאַי קאָ-משמע-לן? — אַנ'קעגען וואָס זאָגט ער דאָס? — דאָס איז געווען די ערשטע און די איינציגע פראַגע, אויף וועלכער אַ מחבר האָט געמוזט ענטפערן.

נאָר דער העברעאישער מחבר, ווען ער פלעגט אויך נישט אויסהאַלטען דעם מאַי-קאָ-משמע-לן-עקזאַמען, — האָט ער דאָך געהאַט אַ מעלה, וואָס ער איז נאָהענט געשטאַנען צו די אַלטע, צו די פאַר-צייטיגע ספרים. אַ חוץ דער שפּראַך, איז ער פערבונדען געווען מיט זיי אי דורך דעם, וואָס ער פלעגט זיך סומך זיין אויף זיי, אי דורך דעם, וואָס ער פלעגט מיט זיי מלחמה האַלטען: ס'איז אויך אַנ'אַרט פערבינדונג! ער האָט זיי געוואָלט בייקומען מיט זייער אייגענעם גע-וועהר, האָט ער זיך געהאַלטען אין דער נאָהענט פון זיי, האָט ער געקאָנט דערווייל פון דעם אָבשיי, וואָס מען האָט געהאַט פאַר זיי: אַז צוויי האַלטען מלחמה און מען האָט אָבשיי פאַר איין צד, האָט מען עס שוין ממילא אויך פאַר'ן אַנדערן...

די יודישע ליטעראַטור אָבער (איך רעד וועגען דער אָריגינע-לער, נישט וועגען דער, וואָס איז פון די הייליגע ספרים געווען אי-בערזעצט) די יודישע ליטעראַטור האָט געהאַט צוטון ס'רוב מיט דאָס לעבען דאָס אַלטע (יודישע פרנסות, יודישע פיהרונגען, יודישע פיהרער) נישט מיט די ספרים די אַלטע. מיט די ספרים די אַלטע האָט

זיי געהאַט אַ קלאָרען, האָט זיך געקליבען דאָרט ענערגיע, מאַרך-ענער-גיע, שאַפונגס-פאַנטאַזיע, האָט עס געמוזט אויף עפיס פערניצט ווע-רען, איז עס פערנוצט געוואָרען אויף פלפול און חדושי-תורה... שאַ-פען עפיס ממש'דיגעס — נייע ווערטען, נייע שיטות — האָבען נישט אַלע געקאָנט, און נישט אַלע, וואָס האָבען געקאָנט, — האָבען געוואַגט: די געשטאָרבענע דורות, די ראשונים, האָבען זיי אַרומגע'כשוף'ט מיט אַ כשוף-קרייז, און זיי האָבען געמוזט בלייבען, מיט אַ פערגליווערטען ווילען, אינ'ם כשוף-עגול, דרעהען זיך אין איהם און זוכען נישט נייע ציעלען, נאָר מיט נייע — קרומע — וועגען געהן צום אַלטען ציעל: — פאַלען אויף אַ המצאה, ווייזען קאָפ-שטיק, „רייסען בערג", „דורכפיהרען אַ העלפאַנט דורך דאָס אויער פון אַ נאָדעל"...

איצט לאַכען מיר דערפון, ס'איז אונז פריקרע; אָבער מען דאַרף נישט פערגעסען, אַז אין אָט דער אַרבייט, וועלכע האָט קיין פראַק-טישען ציעל נישט געהאַט, און דאָך, הגם קיינער האָט זי נישט גע-דאַרפט, איז זי געטון געוואָרען מיט אַזאַ ברען און מסירת-נפש, — אין דעם דאָזיגען גייסטיגען און בעגייסטערטען שפיעלען זיך (דער פלפול איז דאָס איינציגע אָרט געווען, וואו יודען האָבען ערלויבט זיך צו שפיעלען), אין דעם דאָזיגען, ערלויבט מיר צו זאָגען, אינטע-לעקטועלען אַרטיזם איז געווען עפיס שענעס און עפיס טראַ-גישעס: דער קוואַל פון שאַפען, וואָס מען האָט איהם פערשטעלט דעם וועג, האָט זיך געגראָבען אין דער טיעף, געריסען זיך אויף די ווענד, זיך דורכגעשלאָגען דורך קרומע, פערדרעהטע, פערבאָרגענע רינעס... דער גייסט פון שאַפען, די פאַנטאַזיע, וואָס האָט נישט געקאָנט אַרויס אויף דער וועלט, האָט זיך אַריינגעטון אין זיך, אין דער אייגענער שאָ-לעכץ און דאָרט געזויגען די אייגענע זאַפט, געשפונען דעם אייגענעם פאָדעם, דעם פער'כשוף'טען פאָדעם, געשפונען און געריסען, געשפו-נען און געריסען... און מיר האָבען זיך צוגעוועהנט צום געדאַנק, אַז נישט אויסשפינען, נאָר שפינען דאַרף מען: „נישט דאָס וויסען איז דער עיקר, נאָר דאָס קלערען", ווי עס זאָגט איינער פון פרץ'ס משוגעים („אין פליגעל פאַר משוגעים")...

דאָס קלערען איז ביי אונז אַ זעלבסטשטענדיגע פונקציע געוואָ-רען. און אַז מיר פלעגען מעיין זיין אין אַ ספר — און ווען פלעגען מיר נישט מעיין זיין אין אַ ספר? — איז דער עיקר געווען ביי אונז דאָס קלערען, נישט דאָס וויסען; דער דרש, נישט דער פשט;

# דָאם בּוּך.

## I.

אויף יודיש פלעגט מען שרייבּען און דער עיקר לייענען נאָר בּיכלעך — מעשה-ביכלעך — נישט קיין בּיכער.

נישט קיין בּיכער, וואָס איין דור לאָזט דעם אַנדערן בּירושה, וואָס יעדער מאַכט נייע פּירושים אויף זיי, מאַכט זיי טיפער און בּרייטער, און וואָס, ווייל זיי זענען אייביג, זענען זיי הייליג, האָט מען פאַר זיי אַראָבּפּאַל און מען האָט אין זיי אמונה...

אַזוינע בּיכער (ספרים האָבען זיי געהייסען) האָט דאָס פאָלק געהאַט אַמאָל, ווען עס איז „תּמים עם אלהיו" געוועזען, און זיינע רבּיים זענען נישט די קלוגע, נאָר די הייליגע געוועזען...

דאַן זענען די יודישע ספרים, די נייע, אַזוי ווי די אַלטע, גע׳ירשנ׳טע געוועזען, און מען פלעגט זיי נישט לייענען, נאָר לערנען — פערטיפען זיך אין זיי און זוכען אַחידוש, עפּיס אַנ׳איינפאַל... פּוסקים פלעגט דער יוד מיט׳ן שאַרפען קאָפּ לערנען פון מצוה וועגען אָדער לשם הוראה, הנאה אָבּער פלעגט ער האָבּען פון די מפרשים, נישט פון די פּוסקים, פונ׳ם אַרויסדרינגען דעם דין, נישט פונ׳ם דין...

דאָ פלעגט זיך אַרויסווייזען נישט בּלויז די פּערשפּיצטקייט פון בּטלנים מיט קרומע קעפּ (ווי אַ סך מיינען), נאָר אויך — און פריהער ווי אַלץ אפשר — דער חשק און די גלוסטונג עפּעס אויפצוטון, מחדש צו זיין, — אויב נישט מיט אַתּכלית. איז גלאַט אַזוי, אין דער וועלט אַריין... פון קערפּערליכער אַרבּייט, פון פּרנסה זוכען זענען זיי, די בּית-המדרש-לייט, די יושב-אהל׳ניקעס, פריי געוועזען, אַ קאָפּ האָבּען

איז ער ז דער נישט גאַנצער גאון, וואָס וועגען איהם רעדט עדגאַר פאָ, — דער נישט גאַנצער גאון, וואָס לייכט נישט, נאָר ער בליצט-אויף. מיט טויזענדער בליצן, מילדע און שאַרפע, טראָגט זיך דורך דער פראַגמענט פון אַ גאון דורך דער לופט פון דער יודישער ליטעראַטור, מיט טויזענדער בליצן, וואָס גיבען אַנ׳עפען אָבגרונדען און הימלען; אָבער מיליאָנען בליצן קאָנען נישט פערנעהמען דעם אָרט פון איין זון...

פרץ, דער גראָהער קאָפּ מיט די הייסע, יונגע אויגען, איז נישט די זון, ער איז אָבער דער ברענפונקט פון דער יודישער ליטעראַטור, דער ברענפונקט, וואו אַלע שטראַהלען קלייבען זיך צונויף, סיי די העלע, סיי די בלאַסע... ער האָט די אינטערשטע שורה ביי זיך נאָך נישט אונטערגעצויגען, און ער וועט זי אפשר אויך נישט אונטערציהען, ווייל ער פיהרט נישט איינעם, נאָר אַ פולע חשבונות—, ער האָט נישט געשאַפען איין ריכטונג, נאָר פראַגמענטען פון פערשידענע ריכטונגען, ער געהערט נישט צו איין תקופה, נאָר צו פערשידענע תקופות, קורץ, ער איז נישט פון די שרייבער, וואָס מען קאָן זיי אָנרופען זומערדיגע שרייבער, ווייל זיי גיבען אונז פאַרטיגע צייטיגע פירות: זיין איינציגע פאַרטיגע זומערדיגע פרוכט זענען די „פאָלקס-טימליכע געשיכטען" און אַ טייל פון „חסידיש". דאָס איבעריגע זענען פעטערע אָדער מאָגערערע זייה-קערנדלעך פון כל׳ערליי מינים, — זייה-קערענדליך, וואָס זייער ווערט ליגט דערין, וואָס זיי בעפרוכטען דעם באָדען, אויף וועלכען זיי פאַלען...

פרץ איז דער גרעסטער בעפרוכטער אין דער יודישער ליטעראַטור.

פאַר אָט דער בעפרוכטונג, וועט מען איהם דאַנקען נישט ווייניגער, ווי פאַר די פרוכט. די קערענדלעך וועלען אויפגעהן, און מען וועט געדענקען דעם, וואָס האָט זיי געשאָטען מיט אַזאַ ברייטער און פולער האַנד.

דעם יחיד. דער פֿאָלקס-דיכטער טראָגט אין זיך די געגענוואַרט, די אַלטעגליכע נשמה פון פאָלק, אינ׳ם נאַציאָנאַלען דיכטער לעבט די צו-קונפֿט, די נשמה יתירה, דאָס היסטאָרישע פּאַטאָס פון דער נאַציע; ווען דער פֿאָלקס-דיכטער וועקט דעם זעלבסט-בעוואוסטזיין אין פֿאָלק, פלאַנצט דער נאַציאָנאַלער דיכטער אין איהם אַ נייעם בעוואוסטזיין, ווען דער ערשטער זאָגט מוסר, זאָגט דער אַנדערער נביאות, ווען יענער איז דער שופר פון פֿאָלק, איז דער — זיין משיח... אַ דאַנק דער דיפערענצירטער און אין דעם אייגענעם רשות שטעהענדיגער פּער-זענליכקייט, וואָס פּרץ האָט אין דער יודישער ליטעראַטור אַריינגע-בראַכט, האָט ער זיך געקאָנט, זאָג איך, דערנעהענטערן צום טיף פון נאַציאָנאַלען דיכטער; אין דער אמת׳ן אָבער איז ער נאָר איבערגע-וואַקסען דעם פֿאָלקס-דיכטער, די מדרגה פון אַ נאַציאָנאַלען דיכטער און טיעפען זין פון וואָרט האָט ער נישט דערגרייכט: מען קאָן נישט ווערען קיין אויסלייזער, קיין בעפרייער פונ׳ם דור, ווען מען שטעקט אין איהם אַליין, ווען מען איז אַליין ביי איהם אין גלות; מען קאָן נישט ווירקען אויף אַנדערע, ווען מען געפינט זיך אַליין אונטער פרעמ-דע ווירקונגען; מען קאָן נישט זאַמלען די כחות פון אַנדערע, ווען די אייגענע כחות זענען נישט געזאַמעלט. פּרץ איז דער רייכסטער, דער פיעלזייטיגסטער יודישער שרייבער, אָבער מיר האָבען שוין פריהער געזעהען, אַז די דאָזיגע רייכקייט איז אַ צוזייטע און אַ צושפּרייטע, און די פיעלזייטיגקייט איז פון דעם מין, וואָס מאַכט קליגער, אָבער נישט שטאַרקער: שטאַרק איז די איינהייט, נישט די פיעלקייט. דאָס אינטעלעקטואַליסטישע, דאָס עטישע, דאָס ראָמאַנטישע — די דריי גרונד-ליניען, וואָס ציהען זיך דורך דאָס גאַנצע שאַפען פּרצ׳ס זענען אָבער נאָר אַ טענדענץ פון איינהייט, נישט די איינהייט אַליין. ערשטענס, פּאַסען זיי, די גרונד-ליניען, נישט גאָר איינס צום אַנדערן, זיי שניי-דען דורך און בעגרענעצען איינס דאָס אַנדערע: דאָס אינטעלעקטואַ-ליסטישע קיהלט-אָב דאָס ראָמאַנטישע, מאַכט קריטיש און סקעפּטיש דאָס עטישע. און צווייטענס איז יעדע פון די גרונד-ליניען נישט דורכ-געפיהרט ביז׳ן סוף, זיי האַקען זיך איבער אינמיטען: דער אינטעלעק-טואַליסטישער כח שאַפט נישט קיין וועלטאַנשויאונג, נאָר סתם געדאַנ-קען און אַפאָריזמען; דאָס עטישע, וואָס אין פּרצ׳ן, פיהרט נישט צו אַ בעשטימטער עטיק; און פונקט אַזוי איז פּאַרהאַן אין איהם עפּיס ראָמאַנטישעס — און ער איז דאָך נישט קיין ראָמאַנטיקער. וואָס-זשע

ליטעראַטור, זיינע געוועזען שוין יענע שאַרפקייט און דיפערענצירטקייט פון דענקען, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס די פאָרשטעהער פון אַ העכערער קולטור. פערגלייכט מען דעם רוהיגען, גלאַטען, ברייטען, ווי אַ טייך וועסנע-צייט, און ווי אַ טייך וועסנע-צייט צוגאָסענעם מאָנאָלאָג פון שלום-עליכמ'ס פאַרשוינען מיט דעם קורצען און שאַרפען דיאַלאָג, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פרצ'ן, זעהט מען, אַז די פראָסטע, זיכערע, גלייכאַרטיגע פאָלקס-קולטור, וועלכע עס שפּיגעלט אָב שלום-עליכם, איז ביי פרצ'ן נישטאָ אָדער כמעט ווי נישטאָ; אין פרצ'ס שפּראַך איז פאַרהאַן דאָס רעדען אויפ'ן וואונק, דאָס נערוועזע שטום-לשון פונ'ם ראַפינירטען גייסט. ער שטעהט נעהענטער אין דעם פרט צו מענדעלי מוכר ספרים. מענדעלי, אַזוי ווי שלום-עליכם, שילדערט דאָס לעבען פונ'ם פראָסטען פאָלק, אָבער ער גיט אונז אַ סינטעז פונ'ם פאָלק אינגאַנצען גענומען, נישט נאָר פון בעזונדערע איינציגע פאָלקס-גרופּען און וויעדער שפּיגעלט ער אָב דאָס לעבען פון פאָלק אַקטיוו, נישט, אַזוי ווי שלום-עליכם, פּאַסיוו; דערפאַר איז די שפּראַך ביי איהם נאָר אין גייסט און געשמאַק פון פאָלק, אָבער זי איז נישט די איינפאַכע, פראָסטע, רויהע, אונגעקינצעלטע פאָלקס-שפּראַך, וואָס ביי שלום עליכם. צווישען מענדעלי'ס שפּראַך און פרצ'ס איז אָבער פאַרהאַן דער חילוק, וואָס ביי מענדעלי'ן האָבען מיר דעם שפּראַך-סינטעז פונ'ם יודישען כלל, ביי פרצ'ן פיהלט זיך שוין די שפּראַך פונ'ם יחיד, וואָס הויבט זיך אָן אויסצוטיילען, אויסצושיילען פונ'ם כלל.

און וואָס נעהענטער צו אונזער צייט, אַלץ קענטיגער ווערט אין פרצ'ן דער יחיד, דאָס אינדיווידועלע. די אָבקלאַנגען פון דער פאָלקס-נשמה, פונ'ם כלל, וואָס הערען זיך אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען“, זענען מעהר נישט ווי אָבקלאַנגען דערפון, וואָס דאָס פאָלק דערצעהלט וועגען די יחידים, וועגען די גרויסע מענשען. די וויכטיגסטע נייעס, וואָס פרץ האָט געבראַכט מיט זיך אין דער יודישער ליטעראַטור — דאָס איז, ווי מיר האָבען שוין דערמאָנט איינמאָל, די דיפערענצירטע פערזענליכקייט. און אָט די דיפערענצירטע פערזענליכקייט האָט געקאָנט זיין די בריק, וואָס פיהרט פון דער פאָלקס-דיכטונג צו דער נאַציאָנאַלער דיכטונג. די ערשטע דריקט אויס די אָפענסטע און פערשפּרייטעסטע געפיהלען פון פאָלק; די צווייטע — די טיעפסטע און פערבאָרגענסטע פאָראויספיהלונגען פון

אָבער נישט, ווייל ער וויל, מיר זאָלען זיך אומקעהרען צום אַמאָל. די ראָמאַנטיק פּרצ׳ס איז גלייך צו היינע׳ס אויך אין דעם פּרט, וואָס זי איז נישט קיין רעאַקציאָנערישע ראָמאַנטיק, נאָר, פאַרקעהרט, אַ רעוואָלוציאָנערישע. אינ׳ם אידעאַל פון דיכטער זוכט פּרץ (אין דעם פריהער שוין ציטירטען אַרטיקעל) „נישט די פערגאַנגענהייט, בעשפּונען און גאָלד-בעוועבט״, נאָר „דאָס נייע לעבען״; און אויך ער אַליין זוכט (אפילו אין דער ראָמאַנטישער תקופה זיינער) נישט די פערגאַנגענהייט, נאָר דאָס נייע לעבען. ער קוקט זיך אום אויף דער פערגאנגענהייט, אָבער ער קעהרט זיך נישט אום צו איהר. ער שטעהט מיט דרך ארץ פאַר איהר, ווי אַ יונגערער פאַר אַנ׳עלטערן, אָבער ער פאַלט פאַר איהר נישט קיין כורעים, ווי אַ קנעכט פאַר זיין האַר. איהם איז טייער און הייליג די טראַדיציע, די גאָלדענע קייט, וואָס אונז איז בירושה געבליבען, אָבער ער וויל זי ווייטער שמיעדען; די גאָלדענע קערנדלעך פון אונטער דעם שטויב פון דער קייט קלייבט ער צונויף, אָבער ער ווישט אָב פון זיי דעם שטויב, ער פּוצט און רייניגט זיי, ער האַלט נאָך צַלְך פונ׳ם כלל: די שאָלעכץ וואַרף אַוועק, דאָס קערנדעל געניס...

# VII.

איז פּרץ אַ נאַציאָנאַלער דיכטער? אינ׳ם ערשטען, מעהר רעאַליסטישען, מעהר סאַטירישען פעריאָד, איז ער געווען נאָהענט צום טיף פונ׳ם פאָלקס-דיכטער: ער האָט געשריבען וועגען פאָלק, ער איז אויסען געווען נאָר זיין טובה. דער עצם יודיש שרייבען האָט געהייסען דאַן אַ טובה טון דעם פאָלק: „ווער עס וויל טרעפען צום האַרץ און מוח פון פראָסטען, איינפאַכען פאָלק, צו די, וואָס די העכערע קלאַסען רופען מיט פעראַכטונג „המון עם״, דער מוז שרייבען זשאַרגאָן״. דאָס איז געווען אַ מוז-שרייבען.

אָבער פון אונטער דעם דאָזיגען מוז צו שרייבען פאַר׳ן פאָלק האָט אַרויסגעקוקט אויך עפּעס אינדיווידועלעס. פּרץ איז געקומען צום פאָלק מיט דער העכערער קולטור פונ׳ם למדן, פונ׳ם תלמוד חכם, פונ׳ם יודישען אינטעליגענט; איז אַפילו אין די פאָלקס-נאָוועלען און פאָלקס-

עס הענגט אין דער הויך דאָרט אַ וואָג
פאַר'ן כסא הכבוד...
וויעגט זיך, וויעגט זיך די וואָג...
ס'צינגעלע צאַפּעלט, צאַפּעלט...
אַ מצוה'לע טוט אַ יוד
און — איין עבירה'לע...
שטעלען קאָן זי זיך נישט...
נישט כולו חייב,
נישט כולו זכאי, —
צאַפּעלט זי...

און ער וויל, זי זאָל אויפהערען צאַפּלען, ער וויל, איין שאָל זאָל אַריבערוועגען, ער וויל מאַכען אַ סוף צו דער מיטעלמעסיגקייט, צו דער וואָכעדיגקייט —

שבת זאָל זיין!
שבת!
נישט געאַקערט,
נישט געזייט,
נישט געבויט און נישט פערריכט...
נישט געהאַנדעלט, נישט געוואַנדעלט...

און אַז ס'פרעגט אַ חסיד: „חרוב זאָל ווערען די וועלט?" — ענטפערט ער:

חרוב זאָל ווערען די וועלט!
און מיר,
מיר שבת'דיגע,
מיר יום-טוב'דיגע,
מיר נשמה-יתירה'דיגע יודען
וועלען איבער איהרע חורבות געהן...

אָט די שבת'דיגע, די יום-טוב'דיגע, די נשמה-יתירה'דיגע יודען, די גרויסע, שטאָלצע יודען, וואָס בעטען נישט און בעטלען נישט, נאָר זיי שטעלען איין אין קאָן דעם לעבען און פיהרען מלחמה מיט'ן שטן און מיט גאָט אַליין, — אָט דאָס זענען די זעלביגע יודען, וואָס טרעפען זיך אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען" — זיי זענען פּרצ'ס אידעאַל. און אויב ער ווייזט זיי אונז ווי געשטאַלטען פון אַ מאָל, איז עס נאָר, ווייל ער קאָן זיי נישט שילדערן ווי טיפען פון איצט,

אָטעם פון זיין שרייבען, נישט אין די פאַנטאַסטישע בילדער, וועלכע זעהען אויס ביי איהם ווי געליהענע, געבאָרגטע, נישט אין די מלאכים, וואָס ער דערצעהלט וועגען זיי און וואָס זיי זענען נישט מעהר ווי דעקאָראַטיוו.

אין דער מעהר פריצישער, ווי פאָלקסטימליכער געשיכטע, — „דריי מתנות", זעהען מיר בחוש, ווי אַזוי דאָס אינטעלעקטואַליסטישע, דאָס געדאַנקליכע אין אונזער שרייבער פאָרט זיך מיט דאָס ראָמאַנטישע: מיר זעהען, ווי אַזוי אָט דיביידע זאַכען בעגרעניצען, אָבער שליסען נישט אויס איינע די אַנדערע...

אין אַ בעזונדער אַרטיקעל פערנעהמען מיר זיך מיט ז'עם אינהאַלט פון די „פאָלקסטימליכע געשיכטען", און דאָרט זעהען מיר, אַז אינ'ם דאָזיגען שענעם, אפשר שענסטען, יעדענפאַלס גאַנצעסטען, בוך פרצ'ס איז פאַרהאַן נישט בלויז דער ראָמאַנטיזם און דער אינטעלעקטואַליזם, נאָר אויך דער דריטער יסוד פון אונזער דיכטער, — דער עטיציזם.

נאָך מעהר: דאָס עטישע איז דאָ שוין נישט אַזוי אונבעשטימט, ווי פריהער; עס איז שוין קלערער און זיכערער; פאַרהאַן שוין דאָ אפילו אַ רמז אויף אַ אידעאַל אַ עטישען. דער אידעאַל איז — די מאָראַלישע סעלעקציאָן (אויסוואַהל): אינוועניג אינ'ם מענשען פיהרט זיך אַ מלחמה צווישען דעם העכערען און דעם נידעריגערען איך, — דאַרף גובר זיין דאָס העכערע; מ'דאַרף תמיד גרייט זיין צו מלחמה מיט זיך אַליין און צו זיעג — איבער זיך אַליין. מאָראַלישע סעלעקציאָן אַלזאָ נישט אינ'ם זין פון די צום לעבען מעהר צוגעפאַסטע, נאָר אינ'ם זין פון די העכערע מאָראַלישע פונקציעס...

איז פרץ אויסען אונז מוסר צו זאָגען מיט זיינע „געשיכטען?" — גיכער נישט; מיר קאָנען דאָך פון זיי אַ מוסר אָבלערנען; פון דעם גרעסטען טייל פון זיי לייכט אונז די הויכע פערזענליכקייט אַנטקעגען, דער מאָראַלישער כאַראַקטער, דער הייליגער עקשן, וואָס איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין, נאָר נישט צו פערשוועכען זיין הייליגקייט.

נישט קיין אידעאַליזאַציע פון דעם עבר, נאָר אַ אידעאַל פון דער צוקונפט ליעגט אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען". אַ אידעאַל, וואָס אין דער „גאָלדענער קייט" האָט ער זיין פאָהנענטרעגער — שלמה'ן. ווי שטעלט זיך פאָר שלמה די לאַגע פון דער וועלט?

מעהר בריה אויף צוצושטערן, ווי אויף צו שאַפען אילוזיעס און זיין ראָמאַנטיק, כּל זמן זי איז נישט פאָלקסטימליך, האָט זי אַ טעם און אַ ריח נאָר, ווען זי איז געווירצט און פערפעפערט מיט דער „ראָמאַנטישער איראָניע". מיר האָבען פריהער געזאָגט, אַז די רעאַליסטישע זאַכען פּרצ׳ס, ווען זיי זענען נישט סאַטיריש, זענען זיי סענטימענטאַל; אָבער אויך זיין ראָמאַנטיק, ווען זי איז ליריש-פּערזענליך, נישט עפּיש-פאָלקסטימליך, איז זי סענטימענטאַל, ווי באַלד נאָר איהר פעהלט די איראָניע.

אַזוי אַ שטייגער זענען סענטימענטאַל און רעטאָריש די ליעבעס-דראַמעס: „עס זענען קיין וואונדער געשעהן", „געה נישט מיט מיר", „אַ ליעבע". מען קאָן זיי נישט לייענען נאָכאַנאַנד אַ פּאָר מאָל, אַזוי ווי מען קאָן נישט עסען מיט אַמאָל צופיעל זיסיגקייטען... פאַרהאַן דאָ עפּיס שענעס, נאָר ס׳איז אַ קאַלטע, ווייל אַ צופיעל אויסגעפוצטע שענקייט. די סענטימענטאַליטעט האָט זיך תּמיד ליעב צו פוצען און צו מאַכען קוראַזש מיט אַזוינע ווערטער ווי „שטילע טויב", „אָדלער-פליגלען", „גינגאָלדענע האַרפּע"... נאָר די פרישע נאַאיווע ראָמאַנטיק פון פאָלק איז נישט געזאַלצט מיט איראָניע און נישט געזאַלבט מיט דעם בוימאייל פון סענטימענטאַליזם. אָבער ווי דערגרייכט מען זי, אָט די דאָזיגע ראָמאַנטיק? דורך פערבויגען אַ ביסעל דעם אייגענעם איך! מען מוז זיך אַיינלעבען, אַריינוועבען אינ׳ם איך פון פאָלק, מען מוז לייהען ביי איהם זיין נאַאיווע שפּראַך; און נאָך בעסער איז, ווען מען האָט אין זיך אַליין אַ ביסעלע נאַאיוויטעט. פּרץ פערמאָגט נישט קיין נאַאיוויטעט (און דאָס איז אייגענטליך דאָס פּראָבלעמאַטישע פון זיין ראָמאַנטיזם), נאָר ווייל ער איז אַ קינסטלער, איז ער משיג די נאַאיווע וועלט פון דער פאָלקס-פאַנטאַזיע קינסטלעריש, אַרטיסטיש, ווען נישט אינטים-מענשליך, און קינסטלעריש, אַרטיסטיש גיט ער זי אונז צו פערשטעהן און צו פיהלען. דאָס פאָדערט פון איהם נאָך אַ טיעפערן פערגעסען אָן זיך אַליין, נאָך אַ אינטענסיווערן אַריינלעבען זיך אינ׳ם גייסט און גוסט פון פאָלק, און ווייל עס איז גאָר נישט קיין לייכטע זאַך, טרעפט, אַז פלוצלונג דערפיהלען מיר, ווי, צום ביישפּיעל, אין די „דריי מתּנות", — די קאַלטע שאַרפקייט פון זיין אייגענעם איך, פלוצלונג דערפיהלען מיר, אַז נישט דאָס נאַאיווע פאָלק, נאָר דער קלוגער שרייבער רעדט צו אונז. דער קלוגער שרייבער פּרץ איז ראָמאַנטיש אָבער נאָר אין די געדאַנקען, נישט אין דעם לעבעדיגען

דער היינטיגער יודישער אינטעליגענץ צו אונזער אמאָליגער פאָלקסטימליכ-
קייט. דאָס איז אַ סימן, אַ סימפטאָם, פון געוויסע, דערווייל נאָך פאַסיווע,
ראָמאַנטישע שטימונגען... מיר רעדען דאָ בלויז וועגען דעם ראָ-
מאַנטיזם ביי פרצ׳ן, און מיר מיינען, אַז אויך איהם, דעם פרצ׳שען
ראָמאַנטיזם, איז וועניג געווען דאָס ווענדען זיך סתם צו דער פער-
גאַנגענהייט: נאָר דאַן איז ער אָוועק מיט זיכערע טריט, האָט אָנגע-
הויבען אָנצוקליידען זיך אין פלייש און בלוט, ווען ער האָט זיך גע-
נומען נעהרען פון דער פאָלקסטימליכער פערגאַנגענהייט, פון די
„פאָלקסטימליכע געשיכטען”. ביי׳ם פאָלק האָט פרץ געפונען, אַ
חוץ אַ ראָמאַנטישען גלויבען, אויך פרישע, לעבעדיגע, ראָמאַנטישע גע-
שטאַלטען: אליהו הנביא אין דער געשטאַלט פון אַ דייטשיל,
פון אַ פוהרמאַן, פון אַ בעטלער; דער למד-וו׳ניק; דער בעל-דבר; ר׳
לייב שרה׳ס; די מלכת-שבאָ פערשטעלט אין אַנ׳ענדיק... ביי׳ן פאָלק
האָט ער געפונען לעבעדיגען, נישט רויהען שטאָף, דאָס פאָלק איז
געוואָרען איהם אַ שותף אין זיין שאַפען. און וואָס מעהר אין די „גע-
שיכטען” פיהלט זיך דאָס אָנטייל נעהמען פון פאָלק, אַלץ נאַטירליכער
זעהט עס אויס, אַלץ מעהר לאָזט זיך עס גלויבען... גלויבען איז אַ
געטליכע קראַפט, וואָס שאַפט אַ יש מאין: הערען מיר אַ זאַך, אין וועל-
כע אַנדערע גלויבען, איז זי לעבעדיג פאַר אונז אויך, הגם מיר גלוי-
בען אין איהר נישט; די וואונדערליכע פאַנטאַסטישע וועלט פון די
קינדערשע מעשה׳לעך ענטציקט אויך אונז, גרויסע: דאָס, וואָס פאַר
די קינדער איז עס אַ שטיק לעבען, איז׳ס פאַר אונז אַ שטיק קונסט.
אָבער פאַר אימעצען מוז עס זיין אַ שטיק לעבען אָט דאָס, וואָס דאַרף
ווערען פאַר אַנדערע אַ שטיק קונסט. און דערפאַר האָט פרץ נאָר דאַן
דערנעהענט זיך צו דער מדרגה פון ראָמאַנטישער קונסט, ווען ער האָט
אָנגעהויבען אונז דערצעהלען זאַכען, וואָס אויב ער גלויבט אין זיי
אַליין נישט, גלויבט אין זיי דאָס פאָלק, וואָס אויב פאַר איהם אַליין
איז עס פאַנטאַזיעס, איז עס פאַר׳ן פאָלק — ווירקליכקייט. פריהער איז
זיין ראָמאַנטיק געווען די ראָמאַנטיק פון היינריך היינע, די צוויי-פנים׳-
דיגע ראָמאַנטיק, וואָס אָנהויבען הויבט זי זיך אָן נאַאיוו און ענדיגען
ענדיגט זי זיך קלוג; די ראָמאַנטיק, וואָס צייכענט זיך אויס נישט מיט
דער ראָמאַנטישער אמונה, נאָר מיט דער אַזוי אָנגערופענער „ראָמאַנ-
טישער איראָניע”, מיט דעם שאַפען אילוזיעס, כדי זיי אַליין דערנאָך
צו צושטערען. פרץ, וואו ער האָט נישט פאַר אַ שותף דעם פאָלק, איז

בטבע אַ אָביעקטיווער, ווי דער דענקער, האָט ער דערצו נאָך געהאַט צו טון נישט מיט הוילע אַבסטראַקציעס, נאָר מיט לעבעדיגע געשטאַלטען פון דער פערגאַנגענהייט, און אָט די לעבעדיגע געשטאַלטען איז שוין נישט אַזוי שווער געווען צו בעווייזען אונז אַזוי ווי זיי זענען געבוירען געוואָרען אין דער פאַנטאַזיע פון די פאַרצייטיגע דורות, אַזוי ווי זיי זעהען אויס לעבעדיגערהייד, נישט אינ׳ם ליטעראַרישען גלגול. דערפאַר האָט טאַקע דאָס עפּישע (דאָס אָביעקטיוו-דערצעהלענדיגע) אין פּרצ׳ס „חסידיש״ אַ שטאַרקערען און אַ נאַטירליכערען ריח פון אַמאָל אין זיך, וויעדער דאָס לירישע און געדאַנקליכע, און דערפאַר פיהלען מיר זיך אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען״ נעהנטער צו דער אמת׳ער ראָמאַנטיק, די וועלט פון דער פערגאַנגענהייט און פון דער לעגענדע האָט דאָרט אַ לעבעדיגערען אָטעם, ווי אין „חסידיש״, ווייל דאָרט איז פאַרהאַן׳ מעהר עפּיק, ווי דאָ.

אין דער עפּיק איז דער ראָמאַנטיקער נישט אַליין: ער האָט אַ טייערען שותּף — דעם כּח-הדמיון פון פאָלק. די פאַנטאַזיע פון פאָלק, אַזוי ווי די פון קינד — איז ראָמאַנטיש. דאָס קינד קען צו-וועניג דאָס רעאַלע, דאָס פאָלק — צו-גוט, — ציהט זיי ביידען צו דער פאַנטאַזיע; דאָס קינד געפינט אין איהר זיין לעבען, דאָס פאָלק — דעם היפּך פון זיין לעבען, — און ביידע גיבען זיך איהם אָב, ווי מען גיט זיך אָב אין שלאָף — דעם טרוים... און אין יענער תּקופה, ווען מענשען ווי-לען מעהר נישט אָדער קאָנען נישט מעהר וואַך זיין, אין יענער תּקופה, ווען דער מענשליכער געדאַנק פיהלט זיך צו-אַלט, פיהלט זיך מיעד און מאַט אונטער דער לאַסט פון דער רעאַליטעט, ווען ביים העלען ליכט פון טאָג זעהט מען, וואָס מען וויל נישט זעהען, און מען בענקט און מען חלש׳ט נאָך שאָטענס פון נאַכט און בין-השמשות, קורץ, אין יענער ראָמאַנטישער תּקופה דערמאָהנט מען זיך אָן די מעשה׳לעך און ליעדעלעך פון פאָלק און קליינע קינדער; זיי ווערען דאַמאָלס אַ קוואַל פון בעגייסטערונג. אַזוי איז געווען מיט די ראָמאַנ-טיקער אין דייטשלאַנד, וועלכע האָבען זיך מיט ליעבע פערטיעפט אין דאָס פאָלקסליעד און דאָס פאָלקס-מעשה׳לע, אַזוי איז מיט די נעאָ-ראָ-מאַנטיקער פון דער לעצטער צייט, מיט אַ מאַטערלינק אַ שטייגער, וואָס אינאיינעם מיט דער טיעפסטער גייסטיגער ראַפינירטקייט פיהלט זיך אין איהם עפּיס נאַאיוועס און קינדישעס,— און אַזוי, דוכט מיר, איז אויך מיט דעם, דערוויייל נאָך שוואַכען, אינטערעס, וואָס הויבט זיך אָן פיהלען אין

מיט זיינע אויגען, ווי ער, דער רבי, שטעהט אויף ביינאַכט, קליידט זיך אָן ווי אַ פויער, געהט אין וואַלד אַריין און ברענגט פון דאָרט האָלץ אַן אָרימער קראַנקער יודינע, — ערשט דאַן, בעת מען זאָגט, אַז דער רבי פליהט אַרויף סליחות-צייט אין הימעל אַריין, גיט ער צו שטילערהייד: אויב נישט נאָך העכער! ערשט דאַן וואונדערט ער זיך.

אָבער דער חסיד וואונדערט זיך גאָר נישט אויף די וואונדער-ליכע מעשים פון רבי'ן; נאָר דער, וואָס איז נישט קיין חסיד בטבע, נאָר דער ליטוואַק און האַלב-ליטוואַק ווערט פער'חדוש'ט, ווען פלוצ-לונג הויבט זיך אויף דער פאָרהאַנג פאַר זיינע קאַלטע אויגען.

דער חסיד איז אויך קיינמאָל נישט אַזוי בעוואוסטזיניג, ווי ער איז ביי פרצ'ן אין די מאָנאָלאָגען, דיאַלאָגען און ערצעהלונ-גען, וואו ער טוט און גריבעלט זיך אין די חלוקים, אין די איידע-לע און טיעפע חלוקים צווישען דער חסיד'ישער און נישט חסיד'ישער וועלט. דער חסיד דער אמת'ער זאָגט תורה, ריכטיגער, ער זאָגט-איבער די תורה פון רבי'ן, אַזוי ווי ער זאָגט-איבער די נגונים דעם רבי'נס, אָבער ער חקרנ'ט זיך נישט וועגען דעם און ער דרשנ'ט נישט; דער חקרן און דער דרשן ביידע זענען זיי מתנגדיש'ע, נישט קיין חסיד'ישע טיפען. אויב אָבער דער חסיד ביי פרצ'ן איז נאָך פאָרט אַ שטיקעל חקרן און אַ שטיקעל דרשן, איז עס, ווייל דאָס חסידות ביי איהם איז פערליטעראַרישט אַ ביסעל, ווייל עס איז פאַר איהם נאָך דערוייל מעהר נישט ווי אַ תורה, אַ מין טעאָריע, וואָס איז נאָהענט צו זיין אייגענער און איז דאָך נישט זיין אייגענע טעאָר-יע, אַ מקדש, אין וועלכען ער געהט אַריין מיט שטילע טריט און מיט אַנ'אַראָבגעלאָזטען קאָפּ פאַר דרך-ארץ, און וועלכער איז דאָך נישט זיין הייליג אָרט.

פרץ דער דענקער האָט מיט דעם דענקען דעם חסיד'ישען נישט געקאָנט זיך בעהעפטען אַזוי, אַז עס זאָל גאָר נישט קענטיג זיין, אַז דאָ איז פאָרגעקומען אַ בעהעפטונג. אָבער דאָס, וואָס איז אונמעגליך געוועזען דעם דענקער פרצ'ן, איז מעגליך געוועזן פאַר פרץ'ן דעם קינס-טלער. דער דענקער האָט געהאַט צו טון מיט געדאַנקען, וואָס מען מוז זיי טראַכטען, כדי זיי זאָלען זיין עפּיס אַ יש, און ווען מען טראַכט זיי, בעקומען זיי נישט ווילענדיג די פאַרב פון דעם, וואָס טראַכט; דער קינסטלער פרץ אָבער איז אַ חוץ דעם, וואָס ער איז

פארבינדט ביי פרצ'ן די רעאַלע וואָכעדיגע וועלט מיט דער וועלט פון ראָמאַנטיק און פאַנטאַסטיק. דער חלום בעפרייט אונז פון די שווערע קאַלטע קייטען, וואָס עס לייגען אויף אונז אַרויף די געזעצען פון דער לאָגיק, דער חלום איז דער יום-טוב פון אונזער פאַנטאַזיע; אין חלום קאָן מען פלאָנטערן זיך אין די רעיונות, וויפיעל מען וויל, שפרינגען פון איין ענין צום אַנדערן, פון איין פאַנטאַזיע צו דער צווייטער, — דאָס, וואָס פרץ האָט ליעב אַזוי, — און שוין אין'ם ערשטען רעאַליסטישען פעריאָד, ווען עס צושפיעלט זיך אין איהם די פאַנטאַזיע, דערצעהלט ער אונז מעשיות מיט חלומות; שפּעטער האָט ער זיך פאַרגונען אַפילו אַ דראַמא צו מאַכען פון אַ חלום: „אין פּאָליש אויף דער קייט (אַ חלום פון אַ קלויזניק)"... דער בעל-חלומות איז דער גרעסטער אימפּראָוויזאַטאָר, איז ער שוין פון נאַטור אויס אַ מיטהעלפער און אַ שותּף פרצ'ס.

די ראָמאַנטיק אָבער איז מעהר ווי אַ געוועהנליכער חלום, זי איז דאָס, וואָס מען רופט אָן אַ חלום אויף דער וואָהר, זי איז אַ המשך פון אונזער טרוים-לעבען; אין מיטען טאָג וועבט זי אונז אַרום מיט דער שטילער דונקעלקייט, מיט די צויבער-שאָטענס פון דער נאַכט; זי איז די בלום, די בלויע בלום, „וואָס קיינער זעהט נישט און וואָס איהר דופט פילט דאָך אָן די גאַנצע וועלט"... יאָ, ער, דער דופט פון דער „בלויער בלום", פילט אָן די גאַנצע וועלט, און ערשט דורך איהם ווערט זי גאַנץ, די וועלט, ערשט דורך איהם ווערט אָבגעשאַפט דער דואַליזם, אָבגעמעקט די גרעניץ צווישען רע-אַל און נישט-רעאַל, — די גרעניץ, וואָס פיהלט זיך נאָך אַלץ ביי פרצ'ן, וואָס פיהלט זיך אין זיין „חסידיש" נאָך אפילו. אין אַ סך חסידישע זאַכען פילט די ראָמאַנטיק נישט אויס נאָך די גאַנצע וועלט פרצ'ס; דאָס איז גיכער אַנ'אַריינקוקען אין אַ פרעמדער, ווי אַ פערזינקען אין דער אייגענער וועלט... די זויגען ברענגען פון התפעלות, אָבער נאָך אויך פון נייגיריגקייט; אַזוי ווי אַ פינגער אַ פערבאָרגענער וואָלט אָנגעצייגט: זעהט, ס'אַראַ שענקייט! אַזוי ווי אַ מין פראָפּאַגאַנדע פאַר'ן רעיון פון חסידות וואָלט דאָ נאָך געפיהרט ווערען, אַזוי ווי דער פערפאַסער וואָלט נאָך געמוזט זיין אייגענע איבערצייגונג מאַכען פעסטער, זוכט ער דערפאַר אַנדערע צו איבערצייגען. עס איז נאָך מיט איהם ווי מיט יענעם ליטוואַק, וואָס ערשט דאַן, ווען ער בעהאַלט זיך ביי'ן נעמיראָווער אין חדר און זעהט

פון דער רעאַליטעט; וואוהין איהר קעהרט זיך, טרעפט איהר אָן דאָס קאַלטע, קלוגע שמייכל פון דער ניכטערקייט...

אַ דרייסטערן, הגם נישט קיין וואַרעמערן אָטעם פון ראָמאַנטיק הערען מיר אין אַ טייל פון די „מעשה׳לעך״ פרצ׳ס: אַ טייל פון זיי איז געשריבען אין זעהר אַ פאַנטאַסטישען סטיל (אויב פאַנטאַסטישעס איז נישט דאָס אייגענע, וואָס ראָמאַנטישעס, איז עס דאָך אַ טייל דערפון). דאָ הערען מיר, ווי לאָמפּען זאָגען מוסר („לאָמפּען-מוסר״), ווי אַ שקאַפּע דין-תורה׳ט זיך („דער דין תורה״), ווי העכט שמועסען צווישען זיך („העכט״), ווי אַ קאַלב חכמה׳ט זיך („אַ קעלבערנער קל-וחומר״), ווי אַ רויז טרוימט אויפ׳ן וואָהר („אַ רויז״), ווי היהנער פאַנטאַזירען („היהנערשע חלומות״), ווי „די לבנה פאַרצעהלט״... דאָ זעהט מען, ווי ענג דעם געדאַנק און דער פאַנטאַזיע פרצ׳ס איז אין די שמאָלע, שטרענגע ראַמען פון דער אַלטעגליכקייט, דאָ זעהט מען, ווי ליעב ער האָט דאָס אונגעוועהנליכע, דאָס גע׳חלומ׳טע... אָבער וויעדער נאָר אינ׳ם סטיל, אין דער פאָרם; דער אינהאַלט איז נאָך אויך דאָ גאַנץ וואָכעדיג, ראַציאָנאַליסטיש און רעאַליסטיש.

די דאָזיגע מישונג פונ׳ם רעאַליסטישען נוסח מיט דעם אומרעאַליסטישען איז זעהר אַנ׳אָפּטע זאַך ביי פרצ׳ן. זי טרעפט זיך נישט נאָר אין די „מעשה׳לעך״ און אין דער באַלאַדע „מאָניש״; אין דעם איינאַקטער „ס׳ברענט״, וואָס הויבט זיך אָן גאַנץ איינפאַך און פּראָזאַאיש, דערהערען מיר פּלוצלונג אַזוינע רייד, ווי: ...„דיין וועלט איז פאַר מיר אַ גאָרטען מיט רויזען געוועזן... פלאַמענדיגע רויזען... און ווייסע אויך...״ א. אז. וו. און אין אַ פּראָסטער לאַכעדיגער מעשה מיט אַ שניידער, וואָס, ווען נישט די פּינטעלעך מיט די אָבגעהאַקטע שורה׳לעך מיט דעם גאַנצען קורצעטעמדיגען סטיל פרצ׳ס, וואָלט עס געוועזן אַ שטיקעל... שלום-עליכם, אין אַזאַ מעשה לייענען מיר וועגען אַ חלום מיט אַ פּאַלאַץ מיט אַ פּריצ׳טע, וואָס מען ברייננט צו איהר חתנים און זי זעהט זיי אָן פריהער דורך אַ לעכיל אין טהיר, און אַז מען ברייננט צו איהר דעם יודען דעם שניידער געפינט ער חן אין איהרע אויגען, און ער בלייבט ביי איהר אין פּאַלאַץ א. אז. וו. — ביז ער כאַפּט זיך אויף און דערוויסט זיך, אַז שכור׳ערהייד איז ער אַ חתן געוואָרען פאַר דער אַלטער מויד, יונה דוואָשעס טאָכטער... פון די גאָלדענע חלומות צוריק צום אומעטיגען, ניכטערן, וואָכעדיגען לעבען!

די חלומות זענען שוין פון אָנהויב אָן געוועזן אַ מין בריק, וואָס

מען אין איהם אויך די אויסערליכֿע אַרומיגקייט, די סביבה-מאַלעריי, די מאַלעריי פון די מדות און מנהגים, וואָס שוין דאַן, אין סוף פון די אַכֿציגער יאָהרען, האָבען זיי געהאַלטען אין אָבשטאַרבען, נאָר, ווי זכרונות פון דער יוגענד, האָבען זיי נאָך אינ'ם דיכֿטער'ס פאַנטאַזיע געוועקט קינסטלערישע געשטאַלטען... שטאָף פאַר ראָמאַנטיק אָבער קאָן ווערען דאָס, וואָס לעבט-אויף (וועניגסטענס, סוביעקטיוו, פאַר'ן דיכֿטער), נישט דאָס, וואָס גוסס'ט. אין דער רעאַלער, וואָכעדיגער יודישער סביבה, האָט פרץ דערפאַר שטאָף פאַר זיין ראָמאַנטישער פאַנטאַזיע געפינען נישט געקאָנט; דאָרט איז געווען שפייז פאַר דעם סענטימענטאַלען געפיהל פון רחמנות פון איין זייט, פאַר סאַטירע — פון דער אַנדערער; די רעאַליסטישע שילדערונגען פרצ'ס זענען אָדער סענטימענטאל, אָדער איראָניש. צום גייסט פון ראָמאַנטיק דערנעהנט ער זיך, ווען ער קעהרט זיך אָב פון דער געגענוואַרט מיט איהר קאַלטען רעאַליזם.

איך זאָג: ער דערנעהנט זיך צום גייסט פון ראָמאַנטיק, ווייל אינגאַנצען זיך בעהעפטען מיט איהם איז מעגליך נאָר, ווען מען האָט זיך בעפרייט אינגאַנצען פון דער שווערער משא, וואָס דאָס לעבען הענגט-אָן אויף אונז נאָר. ווען מען האַלט די אויגען צוגעמאַכֿט, אָדער ווען זיי קוקען בלויז אינווענינ אין זיך אַריין, אָדער ווען זיי זענען אויפגעהויבען, ענטציקטע, נאַאיווע און ברייט-געעפענטע, צום הימעל, נאָר דאַן קאָן מען פלאַטערן און שוועבען פריי אין דער וועלט פון וויזיאָנען און פאַנטאַזיעס, אין דער וועלט, וואָס ווייס נישט פון גרעניצען און פון שאַרפע, פעסטע ליניעס. פרץ האָט אָבער שפּעטער אפילו, אין דער אייגענטליכֿער תקופה פון ראָמאַנטיק, נישט אָבגעקעהרט אינגאַנצען זיין בליק פון לעבען און זיינע גרעניצען, היינט ווער רעדט שוין פריהער, אין דעם בעריאָד פון קריטיק און רעאַליזם, ווען זיין אויג האָט געטון און געזעטיגט זיך מיט די גרויע פאַרבען פון דער יודישער גאַס, — פון „קלאָץ" און „קעלערשטוב"; דאַן האָט ער געקאָנט נאָר איין טראָט טון צו דער ראָמאַנטיק — אין דער באַלאַדע „מאָניש" אַ שטייגער — און אויך דער טראָט איז געווען אַ קלייגער און נישט קיין זיכֿערער: אַ קעלט פון איראָניע וועהט פון די „ראָמאַנטישע" בילדער, וואָס בעגעגענען זיך דאָ; איהר פיהלט, אַז ס'איז אַ פאָרם, נישט מעהר; די פאַנטאַזיע טראָגט אייך נישט אַריבער אין אַ נייער, אַ פרייער וועלט, וואו עס איז נישטאָ מעהר די לאַסט

פאַר׳ן אידעאַלען טיפ, להיפך פונ׳ם טיפ „קינסטלער". „פריי, זאָגט פרץ, איז דער „קינסטלער", ער מעג מאָלען דעם אויפגאַנג, דעם אונטערגאַנג פון דער זון; ים, שטורם און סטעפ; נאָכיאָגען זומער-פויגעלעך, פונקען פון קומען ביים שמיעד; גאָלדגלאַנצען פון אויגען אויף בלאַסע געזיכטער בעזינגען. נישט פריי איז דער דיכטער: זיין וועג איז דער טוריסטען-וועג, וואָס שלענגעלט זיך צווישען פעלזען און אָבגרונדען און אויף דער הויך, וואו עס שפּילט זיך די הויכע מענשליכע טראַגעדיע; וואו, צווישען שרעק, געפאַהר און שגעון, עס ווערען געוואויגען די גרעסטע מענשליכע פּראָבלעמען: וואָס איז לעבען, וואָס איז טויט? ווער בין איך און וואוהין פיהרט מיין וועג?" און נאָך קלערער: „דער דיכטער איז אייגענטליך קינסטלער. נאָר דאָס ליים, דער מאַרמאָר, דער גראַניט איז ביי איהם אין דער האַנד — דאָס פאָלק, די וועלט, דאָס לעבען: זיי ענדערט ער, זיי מאָדעלירט ער, זיי שאַפט ער איבער". דער אונטערשיעד צווישען דעם טיפ „קינסטלער" און דעם טיפ „דיכטער" איז נאָהענט צום חילוק, וואָס מיר האָבען געמאַכט צווישען דעם עסטעטישען טיפ שרייבער און דעם עטישען. פרץ, זעהען מיר, שטעלט העכער נישט אין ערך דעם „דיכטער", דעם עטישען טיפ, ווי דעם עסטעטישען טיפ — „קינסטלער"; די העכסטע, די טיפסטע דיכטונג זוכט ער אין אַזוינע פילאָזאָפיש עטישע ווערק, ווי קהלת און איוב...

## VI.

און איצט געהען מיר איבער צום דריטען און לעצטען און וויכטיגסטען פון די דריי הויפט-שטריכען אינ׳ם שאַפען פון אונזער דיכטער — דאָס ראָמאַנטישע.

דאָס אינטעלעקטואַליסטישע און דאָס עטישע נעהמט-דורך דאָס גאַנצע שאַפען פרצ׳ס; דאָס ראָמאַנטישע איז נאָר איין מדרגה אין זיין שאַפען — די העכסטע. אין אָנהויב איז ער געווען רעאַליסט, אַזוי ווי די פריהערדיגע יודישע שרייבער. זיין רעאַליזם איז געווען מעהר אַ אינוועניגסטער, אַ פּסיכאָלאָגישער, אָבער אַ גרויסען אָרט האָט פערנו-

ליטעראַטור מיט די זיטען-מאַלער פון דיק׳ס און מענדעלי׳ס חדר; אָבער איהר בעגעגענס שוין ביי איהם דאַן אפילו דעם יודישען יחיד, דעם איינציגען עקזעמפּליאַר, און שוין דאַן פיהלט איהר ביי איהם אינ׳ם יחיד דאָס אַלגעמיין-מענשליכע, נישט נאָר דאָס ספּעציפיש-יודי-שע; שוין דאַן איז דאָס יודישע ביי איהם אָפּט נאָר אַ ראַם פאַר דאָס מענשליכע: באַנצע שווייג, דאָס שטריימעל אפילו האָט אַנ׳אַל-געמיין-מענשליכען אונטערשלאַק. מען קאָן מיינען, אַז דערפאַר איז טאַקע דער אופן שרייבען ביי איהם נישט אַזוי האַרמאָניש, נישט אַזוי גאַנץ, ווי אַ שטייגער ביי מענדעלי׳ן, ווייל די ראַם פונ׳ם ספּעצי-פיש-יודישען האָט געמוזט פּלאַצען, זיך אָנשפּאַלטען, ווען דאָס מענ-שליכע, וואָס איז איינגעפּאַסט אין דעם, האָט גענומען אויסגלייכען די גלידער, זיך שטעלען אויף די פיס... דאָס זוכען דעם מענשען אין די יודען — דאָס איז, וואָס שיידט אָב פּרצ׳ן פון מענדעלי׳ן, וועל-כער שילדערט דעם יודען און דעם מענשען.

דערפאַר דאַרף מען נישט מיינען, אַז די סאָציאַלע מאָטיוען, וועגען וועלכע מיר האָבען גערעדט ביז אַהער, זענען די איינציגע אָדער אפילו די וויכטיגסטע מאָטיוען אין פּרצ׳ס שאַפען: דער מענש איז נישט נאָר אַ סאָציאַלע בעשעפעניש, — און אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום מענשען, האָט אַ שייכות צו פּרצ׳ן. דאָס אינדיווידו-אַל-פּסיכאָלאָגישע, — דאָס איז דאָס נייע, וואָס ער האָט שוין מיט די ערשטע ווערק זיינע אַריינגעטראָגען אין דער יודישער ליטעראַטור. אויב מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט לענגער אויף די סאָציאַלע מאָ-טיוען, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל אין זיי ווייזט זיך דאָס עטי-שע, וואָס איז אין איהם, אַרויס שאַרפער ווי אומעטום. און וועגען דאָס דאָזיגע עטישע ריידען מיר איצט.

דאָס האַלטען פונ׳ם אינהאַלט, פונ׳ם שטאָף, פון די געדאַנקען, מעהר ווי פון דער פאָרם, דאָס אַלעגאָרישע, דאָס סאַטירישע, דאָס סאָציאַלע,— דאָס אַלץ האָבען מיר געבראַכט ווי אַ אילוסטראַציע; אָבער נישט נאָר דע-רין שטעקט דאָס עטישע פון אונזער שרייבער: עס עטעמט פון זיין גאַנ-צען שאַפען אַרויס. זיין שטעהן אין רעכטען מיטען לעבען, זיין פּרו-בען זיך אַריינמישען אין דעם, זיין אַקטיווער פערהאַלטען זיך צו אַלץ, וואָס ער דערצעהלט און שילדערט, זיין האַסען און זיין מיטליידען און זיין פּעראַכטען, — דאָס פיהלען מיר אומעטום כסדר אין אַלע זיינע ווערק, און דאָס דערנעהענט איהם צום טיפּ „דיכטער״, וועלכען ער האַלט

האָט יעדענפאַלס אויסגעניצט נאָר דעם, און עס איז קלאָר, אַז דער אַרבייטער אין זיין שילדערונג איז אַ סימפּאַטישע פיגור, ווען ער אַר-בייט און ליידט און איז געדריקט, דאַן איז ער ווערט מען זאָל מיט-ליידען מיט איהם, אַזוי ווי דאָס זענען ווערט אַלע, וואָס ליידען און זענען געדריקט.

פּרצ׳ן, אַזוי ווי דעם גרעסטען טייל יודישע פאָלקס-שרייבער, אינטערעסירט נישט די אָדער יענע סאָציאַלע גרופּע אינ׳ם יודישען פאָלק, נאָר די גאַנצע און דיפערענצירטע אָרימע פאָלקס-מאַ-סע. די דאָזיגע פאָלקס-מאַסע איז ער,—וועניגסטענס אין דעם ער-שטען רעאַליסטישען פּעריאָד פון זיין ליטעראַטור-אַרבייט—אויסען גע-ווען מיט זיין שרייבען; אויף איהר האָט ער געוואָלט ווירקען, פון איהר האָט ער געוואָלט אַרויסטרייבען דעם „באָנצע שווייג״, זי האָט ער עס געמיינט, ווען ער האָט געשריבען אין דעם פּראָגראַם-אַרטיקעל צו זיינעם אַ זשורנאַל: „מיר ווילען בילדען דאָס פאָלק, מאַכען אויס נאַרען—קלוגע, אויס פאַנאַטיקער—געבילדעטע מענשען; אויס ליידיג-געהער און לופטשלינגער—אַרבייטער, ניצליכע, אָרענטליכע מענשען, וואָס אַרבייטען פאַר זיך און דעם כלל קומט דערפון אַ טובה אַרויס״... ער האָט געוואָלט דאָס אייגענע, וואָס אַמאָל מענדעלי מוכר ספרים און אַנדערע משכילים—דעמאָקראַטען, נאָר ביי איהם איז געווען שוין וועניגער מליצה און מעהר קלאָרקייט, וועניגער קריטישעס און מעהר פּאָ-זיטיוועס. „קומט צוריק צום פאָלק, זייט זיין עמוד ענן בייטאָג, זיין עמוד אש ביינאַכט!״—אַזאַ קלאָרע און פּאָזיטיווע רעדע צו דער יודי-שער אינטעליגענץ איז פריהער, אין דער צייט, ווען ס׳איז געשריבען געוואָרן „די קליאַטשע״, נישט מעגליך געווען צו האַלטען; דאַן איז נאָר מעגליך געווען די קריטיק פון דער אינטעליגענץ, וואָס דערווייטערט זיך פון פאָלק און זיינע בעדערפנישען.

און נאָך אַנ׳אונטערשיעד איז פאַראַן צווישען פּרצ׳ס סאָציאַלע און בילדונגס-מאָטיווען און די, וואָס זענען געווען ביי די שרייבער פון דער השכלה-צייט. ביי די השכלה-שרייבער איז די קריטיק פונ׳ם פּאַט-ריאַרכאַלען יודישען לעבען אויסען דאָס קאָלעקטיוו-יודישע און דאָס ספּעציפיש-יודישע. פּרץ פערנעהמט זיך אין דעם ערשטען פּעריאָד פון זיין שאַפען אויך מעהר נאָך מיט דעם מיליע, אין וועלכען דער יוד לעבט, ווי מיט דעם יודען אַליין; עס ציהען זיך נאָך פעדים, וואָס פערבינדען דעם פּאָטער פון דער נייער אינדיווידואַליסטיש-פּסיכאָלאָגישער

אין, אַז ער לײדט דערפון, וואָס דער משפט, וואָס די אויסלייזונג איז נאָך נישטאָ; קלאָר איז, אַז מיט אַלע זיינע אמת'ע געדאַנקען און אמת'ע געפיהלען איז ער אין דער מחנה פון די, וואָס וואַרטען אויף דער גאולה.

אין דער מחנה פון די, וואָס ליידען, ליידט מעהר ווי אַלע אַנדערע און איז מעהר ווי אַלע אַנדערע פערשקלאַפט — ווער? די פרוי פון אָרימאַן, בעזונדערס די פרוי פונ'ם יודישען אָרימאַן, וואָס אַליין זיצט ער אין קלויז און זי מוז אַלץ בעזאָרגען; האָט צו איהר פרץ גאָר אַ בעזונדער מיטלייד. אין אַ גרויסען טייל פון זיינע ערצעהלונגען און דראַמעס טוט ער און שילדערט איהר לאַגע, איהר ביטערע מערכה...

האַלט ער דעם אַרבייטער פאַר אַ גרויסען יחסן? ער האָט פערפאַסט „ביי דעם פרעמדען חופה-קלייד", ער האָט בעזונגען די „דריי נייסאָרינס"; ער האָט אָבער געשריבען אויך די קאָמעדיע — „אַ מאָל איז געווען אַ מלך"... אומסימפּאַטיש איז דער אַרבייטער אויך דאָ נישט, אדרבה, יאָסעל איז אַ וואוילער, אַ געטרייער, אַ האָראָפּאַשנער יונגער-מאַן, אָבער דערפאַר טאַקע וואַרפען מיר אַנ'אומחן אויף גבריאל'ן, וואָס שיסט אין איהם, דערפאַר וואָס ער אַרבייט ביי זיין שוועהר, וואו מען שטרייקט, — און גבריאל — דאָס איז דאָך דער פּאָהנטרעגער ביי די אַרבייטער! וואַרפען מיר אַנ'אומחן אויף איהם, — וואַרפען מיר אַנ'אומ'חן אויף דער פּאָהן, וואָס ער טראָגט. אמת, ער איז געמאָלט נישט מיט שוואַרצע פאַרבען; די שטרייקערינס, וואָס האָבען רחמנות אויפ'ן אָרימען רואינירטען בעל-מלאכה, וואָס זיי שטרייקען, ווייל גבריאל רעדט זיי צו, זאָגען, אַז ער „טוט זיין שליחות", אַזוי ווי אימעצער וואָלט איהם געשיקט, אַזוי ווי עפּיס אַ דבוק וואָלט אין איהם געזעסען. און ער אַליין וואָלט אודאי רחמנות געהאַט אויפ'ן אָרימען בעל-מלכה, און אויף זיך אַליין, נאָר — „ווער האָט צייט דערצו? — מלחמה!" איז ער אַלזאָ נישט קיין שלעכטער יונג, אָט דער גבריאל, מעהר נישט, ער „האָט קיין צייט נישט", ער איז פערשמאַיעט, פערשכור'ט, פער'כשופ'ט פון דער קאַמפּפס-אַטמאָספערע, פון די הייסע רייד, פון די געהיימע בעפעהלען, פון די רויטע פאָהנעס; ער איז אַ ביסעלע קינדיש, אַ קאַפּעלע בטלניש-אידעאַליסטיש און אַ טרערעלע — קאָמיש... מעהר האָט דער דיכטער אין דער דאָזיגער טיפּישער פיגור פון דער יודישער אַרבייטער-בעוועגונג אין 1905 — נישט געפונען; שטאָף פאַר אַ קאָמעדיע... איז דאָרט קיין אַנדער שטאָף נישט געווען? פרץ

און נישט נאָר די אָריגינעלע, אויך די איבערזעצטע. בעגעגענט ער אַ זאַך, וואָס „שעלט“, אַרבייט ער עס איבער אויף יודיש; אַזוינע זאַכען האָט ער געפונען ביי די דייטשע שאַמיססאָ און היינע, ביי דעם רוסישען נאַדסאָן, ביי דער פוילישער קאָנאָפניצקאַ; איז אַ חידוש, וואָס ער האָט איבערגעזונגען קאַפּיטלען פון די נביאים? ווער קען בעססער „שעלטען“, ווער האָט מעהר עטישען פּאַטאָס אין זיך, ווי דער נביא?

הערט, איהר הירטען, הערט, איהר טריקעס,
עס וועט קומען אייער טאָג!..
איך וועל מאַכען אייער חשבון,
עס וועט זיין צו אייך אַ קלאָג!

די שפּראַך איז דאָ האַרבער, האַרטער, ווי אויף לשון קודש אין יחזקאל, — דער תוך איז דער זעלביגער; און אין אָט די דאָזיגע אָריגינעלע און איבערזעצטע מוסר- און געדאַנקען-ליעדער ווייזט זיך אַרויס דער עטיציזם פּרצ׳ס שאַרף פּונקט אַזוי, ווי דער אינטעלעקטואַליזם.

אָבער אויך אַ גרויסער טייל פון די ערצעהלונגען און די „מעשה׳לעך“ ביי פּרצ׳ן זענען סאַטיריש און דורך דעם גופא שוין מאָראַליסטיש. סאַטירישע נאָטען זענען פאַרהאַן אויך אין די דראַמעס: „שוועסטער“, „אַ פריהמאָרגען“, „וועגען קינדער“, „ביי נאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק“, אפילו אין דער דראַמע „אין פּאָליש אויף דער קייט“; אויך די קאָמעדיע „אַמאָל איז געווען אַ מלך“ איז אַ סאַטירישע קאָמעדיע, הגם עס קלינגט אין איהר אַ הומאָריסטישער אונטער-טאָן ...

דער לייט-מאָטיוו פון די סאַטירישע זאַכען אין פּראָזע, ווי אויך אין דער ליריק — איז אַ סאָציאַלער; מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, אַז דער עטישער גייסט איז אַ סאָציאַלער גייסט... אויך דאָס האָבען מיר דערמאָנט, אַז קיין בעשטימטען אידעאַל דאַרף מען נישט זוכען ביי פּרצ׳ן. קען מען, צום ביישפּיעל, אָנרופען מיט׳ן נאָמען דעם סאָציאַלען אידעאַל פּרצ׳ס? ניין. ער גלויבט, אַז משיח „דאַרף ערשט קומען און נישט נאָר פאַר זיין פאָלק אַליין...“; ער גלויבט, אַז „געמשפּט און אויסגעלייזט מוז ווערען די וועלט“; אָבער ווער דאַרף זי משפּט׳ן און ווי אַזוי זי דאַרף אויסגעלייזט ווערן — דאָס איז נישט קלאָר; נישט קלאָר איז אפילו, ווי אַזוי דאָס יודישע פאָלק דאַרף נאָך פּרצ׳ן נאָך געמשפּט און אויסגעלייזט ווערען; אָבער קלאָר

ער הומאָריסט. פרץ איז, ווי עס פּאַסט פּאַר אַ אַקטיווער עטישער נאַטור, זעלטען ווען הומאָריסטיש אפילו אין די „הומאָרעסקען" זיינע, זעלטען ווען ער מישט זיך נישט אַריין אַליין שטילערהייד אין דאָס, וואָס ער דערצעהלט אָדער בעשרייבט. און ווייל ער מישט זיך אַריין, קאָן ער נישט סובל זיין די עולות, די נאַרישקייטען, די שוואַכקייטען, און ער זאָגט מוסר און שטעכווערטליך. אַזוי פיעל מוסר און שטעכווערטליך, ווי ביי פרצ'ן, דוכט מיר, קאָן מען נישט געפינען ביי קיין יודישען שרייבער, אפילו נישט ביי מענדעלי'ן אין די פּובּליציסטיק. מיר הויבען אָן פון דער ליריק. ווען מען זאָל נישט רעכענען די ליעבע-ליעדער, וואָס זענען געשריבען אין גייסט און גוסט פון היינע, זענען זיי, אַ חוץ אַ פּאָר אויסנאַהמען, דורכאויס כמעט סאַטיריש:

נישט קיין בלימעל איז מיין מוזע,
אויף דער וויעזע וואַקסט זי נישט;
נישט קיין שמעטערלינג, וואָס זוכט
אַלע בלומען אויף און קושט...
נישט קיין נאַכטיגאַל מיין מוזע,
האָט קיין טרעלען, האָט קיין זיסע...
ז'איז אַ יודינע איין אַלטע,
אַ-נ-געשרומפענע, אַ מאוסע.
איין עגונה מיט יתומים
און פערשפּרייטע אויף דער וועלט;
און אַנ'אביונ'טע אַ גרויסע,
און זי שרייט נאָר, און זי שעלט...

„אַ יודינע אַנ'אַלטע, אַנ'איינגעשרומפענע, אַ מאוסע" — איז צו ענוות'דיג, אמת איז נאָר, אַז זי, די מוזע פרץ'ס, איז נישט שטענדיג פּאַרפּוצט, ווי געהעריג איז; איהר שפּראַך איז נישט תמיד פּאָעטיש, נישט תמיד ריין. אפשר נעהמט זיך עס פון איהר פּאָלקסטימליכקייט? שוין אין דעם ציטריגען ליעד גופא קלינגט די ערשטע סטראָפע שענער, וויילער, ווי די איבעריגע. אָבער דורכאויס אמת איז די לעצטע שורה, וואו עס שטעהט, אַז זי, די מוזע, שרייט נאָר און זי שעלט... „ר' חנינה בן דוסא (אַ תלמודישע זאגע)" איז דאָס איינציגע געדיכט ביי פרצ'ן, וואו עס הערט זיך אַ גוטמוטיגער הומאָריסטישער טאָן; די איבעריגע זענען אַלע כמעט בייז און בייסענדיג.

עטישע פיהרט דערצו. דער עטישער כאַראַקטער איז, — דער היפוך פון׳ם עסטעטישען, — אַ אומרוהיגער און אַנ׳אַקטיוועד כאַראַקטער: איז דאָס זוכען פאַר איהם וויכטיגער, ווי דאָס געפינען; דער עטישער נאַ־טור ציהט צום „לעבען״, און פאַר׳ן „לעבען״ איז דער רעלאַטיווער אמת פרוכטבאַרער, ווי דער אַבסאָלוטער. דער רעלאַטיוויזם, די גייסטיגע בעוועגליכקייט און אומרוהיגקייט פרצ׳ס איז גיכער אַ ראַיה, ווי אַ סתירה צו זיין עטיציזם.

אַ ראיה איז אויך דאָס אַלעגאָרישע, וואָס מיר האָבען דער־מאָנט פריהער, ווי אַ סמן פון אינטעלעקטואַליזם. אין דער אַלעגאָריע, האָבען מיר געזאָגט, איז די פאָרם אַ מיטעל, דאָס ציעל איז דער אינהאַלט; מיט דער אַלעגאָריע איז מען אויסען אַלזאָ נישט קיין עס־טעטישע, נאָר אַנ׳עטישע ווירקונג.

און אויך די סאַטירע איז עטיש און נישט, אַזוי ווי דער הומאָר, — עסטעטיש. דער הומאָריסט פערמעגט די פעהיגקייט צו געניסען דאָס אונפאָלקאָמענע; אויך ער זעהט די שוואַכ־קייטען פון דער וועלט, אָבער ער שטעהט אַזוי ווייט פון זיי, אַז זיי זעהען איהם אויס לעכערליך קליין און אונבעדייטענד; ער קוקט פון אַזוי הויך אויף זיי אַראָב, וואו די לופט איז צו דין, צו פיין, אַז אַזוינע שווערע ערדישע בעגריפען, ווי נוצליך און שעדליך, זאָלען קאָנען זיך אויפהאַלטען אין איהר, און ווען זיי וואָלטען געקאָנט זיך דאָרט אויפהאַלטען, וואָלטען די מענשליכע שוואַכקייטען אויסגעקומען פון דאָרט גיכער נוצליך, ווי שעדליך, ווייל זיי צושטערען וועניגס־טענס די איינטאָניגקייט פון דער וויסטער פלעכע, וואָס מען זעהט דאָרט אונטען... דער סאַטיריקער, פערקעהרט, געהט צו נאָהענט צו די מענשען און זייערע שוואַכקייטען, אַזוי נאָהענט, אַז אָט־אָט וועלען איהם אַליין בעפאַלען די שאָטענס; ווי התראות שוועבען פאַר זיינע אויגען די פלעקען די טונקעלע, ער קאָן נישט בלייבען נייטראַל, ער מוז זיך שיצען, און, ווען דער הומאָריסט שטעהט רוהיג, פריעדליך און שמייכעלט, שטעהט ער אַ בעוואָפענטער, אַ צוהיצטער, דאָס בלוט קאָכט אין איהם, די אויגען בליצען און אויף די ליפען איז שוים... אינטערעסאַנט איז, וואָס מענדעלי איז סאַטיריקער דאַן, ווען ער איז פובליציסט, ווען ער מישט זיך אין די קהל׳שע עסקים; אין די מעהר קינסטלערישע זאַכען אָבער, אין מסעות בנימין השלישי, אין ווינשפינגעריל, אין שלמה ר׳ חיים׳ס, איז

זיין קונסט אָבער בלייבט דאָך מאָראַליסטיש: איהר צוועק איז דאָס גוטע, דאָס הויכע און דערהויבענע, דאָס שענע איז איהר מיטעל; די פאָרם איז איהר וויכטיג, נאָך וויכטיגער אָבער — דער אינהאַלט...
„וועלכע איז שענער?“ פרעגט אין פרצ׳ס אַ בילד יעדער, וואָס געהט פאַרביי אין גאָרטען און זעהט, ווי אַ נייןצעהניעהריג מיידעל נעהמט אַרום מיט דער אַלבאַסטער-האַנד דעם מאַרמאָרענעם געטליכען האַלז פון ווענוס, — „וועלכע איז שענער? די פון שטיין, צי די פון פלייש?“ וועלכע איז שענער: פרישע, בליהענדיגע, מענשליכע לעבענס-שענהייט, צי די רוהיגע, מאַרמאָרענע, געטליכע שענהייט פון דער קונסט? „ביידע שענער“, וועט קינדליך ענטפערן דער עסטעטישער גייסט, וואָס פערשטעהט נישט אַזוינע פראַגען; דעם עטישען גייסט אָבער, פרצ׳ן, איז די שענהייט פון לעבען, קאָן זיין, טייערער, נעהנטער ווי די קונסט-שענהייט; דער עטישער גייסט — דאָס איז דער מענשליכער, דער סאָציאַלער גייסט. אויף מענדעלי׳ן האָט די צייט, ווען ער איז אויסגעוואַקסען, אויך געפּרובט אָנטון אַ סאָציאַלע מאַסקע, אַ מאַסקע פון אַ מאָראַליסט, אַ שטראָפער; אין די שטילע טיעפענישען פון זיין איך אָבער איז ער — גאָרנישט מעשה-יוד-שביוד — פערליעבט אין דעם געטליכען ווענוס-מאַרמאָר, אין דעם סטיל, אין דאָס ווי; פרץ, פערקעהרט, האָט דעם אויסזעהן פון אַ עסטעט, וואָס ליעבט און שעצט דאָס אויסערליכע, די פאָרם; דער עיקר ביי איהם אָבער איז פאָרט דאָס אינוועניגסטע, דאָס „וואָס“. אויב עס איז ריכטיג די מיינונג, אַז דאָס פינטעלע יוד איז דאָס עטישע פינטעלע, איז דאַן נישט מענדעלי, נאָר פרץ דער יוד שביוד („יהודי היהודים“). מענדעלי, ווען ער זאָגט מוסר, איז ער פאַטעטיש, דאָס הייסט, ער געהט אַרויס אַ ביסעל פון די כלים, פון זיך; שטיל, רוהיג, האַרמאָניש, איז ער דאַן, ווען ער שילדערט, ווען ער נעהמט דאָס לעבען אַזוי, ווי עס איז, ווייל דאַן איז ער — ער, דאַן לעבט אין איהם די עפּיש בעטראַכטענדיגע, די עסטעטישע נאַטור, די נאַטור, וואָס צוליעב איהר זעהט ער אין דער וועלט נאָר עפּיש שטעהענדיגעס, רוהענדיגעס, סטאַטישעס. אין פרצ׳ן איז דער קינסטלער און דער אידעען-מענש אַ סך ענגער פערבונדען, ווייל זיין עצם קונסט איז אַ אידעען-קונסט. און אויב אין נייע אידעען גלויבט ער מעהר ווי אין וואָהרע, איז עס נישט נאָר צוליעב דער בעוועגליכקייט און דער נייגיעריגער שאַפונגס-לוסט פונ׳ם אינטעלעקטואַליזם, וואָס אין איהם; אויך דאָס

דערמיט נישט שלום מאַכֿען, זי איז דאָס פּאַטאָס פון אונזער געוויסען, מיט איהר שטרענגען בליק מעקט זי אַלץ אָב און שאַצט אָב, און וועגט אָב מיט אַ פּאַרטיגער מאָס און אַ פּאַרטיגער וואָג, אין דער צייט ווען אין דעם הומאָריסט׳ס אויגען האָט יעדע זאַך איהר אייגענע מאָס און איהר אייגענע וואָג; ער, דער הומאָריסט, לאָזט אַלץ גֿעהן „מיט דער נאַטור״, און די סאַטירע וויל אַלץ איבערמאַכֿען, פעררריכֿטען, אויב נישט פערניכֿטען; זי האָט שטענדיג אַ ציעל פאַר זיך, אַ ציעל, וואָס ליעגט אויסער און העכֿער פון די זאַכֿען, מיט וועלכֿע זי פערנעהמט זיך. אָבער ווער שטעלט זיך ציעלען? ווידער אַמאָל דאָס בעוואוסטזיין, דער אינטעלעקט.

דאָס אינטעלעקטואַליסטישע, דאָס שכל׳דיג טיעפע און פערטיעפטע איז דאָס, וואָס טיילט פרצ׳ן שאַרף אָב פון אַנדערע יודיש-פּוילישע שרייבער, און שטעלט איהם אַוועק מיט אַ קאָפּ העכֿער פון זיי. מיט אַ קאָפּ אינ׳ם בילדליכֿען און אינ׳ם איינפאַכֿען זין פון דעם וואָרט. וואָרום ווען מ׳זאָל ריידען וועגען האַרציגקייט, וועגען הייליגער תמימות און הייליגער פּראָסטקייט, איז פרץ נישט דער ערשטער צווישען די יודישע שרייבער, וואָס שטאַמען פון פּוילען: טיעפקייט פון געדאַנק מיט אום-שולד פון געפיהל פּאָרט זיך זעהר זעלטען. דאָך איז זיין, פרצ׳ס, גע-דאַנק פרישער, זאַפטיגער, לעבעדיגער, ווי די ליטווישע גריבלעריי. אין איהם בעהעפט זיך די ליטווישע עמקות מיט דער פּוילישער סענ-טימענטאַליטעט... די סענטימענטאַליטעט אָבער איז איינער פון די סמנים, וואָס כֿאַראַקטעריזירען דאָס ע ט י ש ע אין פרצ׳ן, געהען מיר איבער צום צווייטען וויכטיגען פונקט אין זיין שאַפען — ד אָ ס ע ט י ש ע.

---

## V.

איהר וועט נישט געפינען ביי איהם קיין עטישען אַני-מאַמין, קיין בעשטימטען מאָראַלישען אידעאַל. אין זיין עטישען פיהלען איז ער פונקט אַזוי אימפּרעסיאָניסט, איינדריקס-מענש, ווי אין זיין פילאָזאָפירען און דענקען, ווי אין זיין גאַנצען שאַפען, דאָך רינט שטיל אין זיינע אָדערן בלוט פון אַ מאָראַליסט. ער פערשטעלט זיין מאָראַליזירען (אויף פערשטעלען, איז ער אַ מייסטער), ער מאָראַליזירט, ווי אַ קינסטלער,

דישער ליטעראַטור, אין דעם יודישען סטיל, קאָן מען זאָגען, דער ערשטער איינגעפיהרט.

און דאַן די פּאַראַלעלען. ווי אָפט בעגעגענט מען זיי ביי פּרצ'ן! אָט פערגלייכט ער די לעבענס־שענהייט מיט דער שענהייט פון דער קונסט („וועלכע?״), דעם בריסקער רב מיט דעם ביאַלער רבי'ן („צווישען צוויי בערג״) און אָט זענען פּאַראַלעלען צווישען די אַמאָליגע און היינטיגע דורות: „פיער דורות — פיער צוואות״, „וואָס אַמאָל וועניגער״; און „אויף אַ זומער־וואוינונג״, „פורים־שפּילער״, „ביי'ם גוסס צוקאָפּענס״, „אַראָבגעלאָזטע אויגען״ — זענען עס נישט אַנטיטעזען און פּאַראַלעלען? און די „גאָלדענע קייט״? ווערען נישט פערגליכען די פערשידענע רינגען איהרע? אָבער ווער פערגלייכט? דער אינטעלעקט.

אויך די אַלעגאָריע, די קינסטלערישע אַפילו, איז אינטעלעקטואַליסטיש. דאָס בילדליכע איז פאַר דעם אַלעגאָריען־שרייבער אַ מיטעל, נישט קיין ציעל פאַר זיך; דאָס ציעל איז ביי איהם די אידעע, דער מוסר־השכל. די אַלעגאָריע איז געבויט אויף אַנאַלאָגיע און אַנאַליז, דורך וואָס זי שיידט זיך אָב פון'ם סימבאָל, וועלכער איז אַ סינטעז; אין איהר פיהלט זיך די דאָפּעלטקייט פון פאָרם און אינהאַלט, אין דער צייט ווען אין דעם נאַאיווען שאַפען איז פאָרם און אינהאַלט — איינס; נאָר דער אינטעלעקט שיידט פאַנאַנדער צווישען זיי און פרובט זיי דערנאָך ווידער בעהעפטען, נאָר דער אינטעלעקט, ווען ער וויל זיך אָנטון אין אַ בילד, אַלעגאָריזירט. מאַנכע פּרצ'ס ווערק זענען אַלעגאָריש אַפילו, ווען זיי זענען נישט קיין אַלעגאָריען; אָבער ער שרייבט אויך ספּעציעלע אַלעגאָריען. זיי זענען שטענדיג כמעט ערצעהלונגען, נישט קיין גלאַטע, קאַלטע משלים. זענען זיי לעבעדיג, קינסטלעריש, — פערשטעלט עס, אָבער עס שוואַכט נישט אָב אין זיי דאָס געדאַנקליכע.

דאָס געדאַנקליכע ווייזט זיך אַדוי"ס אויך דערין, וואָס ער איז אָפט זעהר סאַטיריש און זעלטען ווען הומאָריסטיש. אונז וועט נאָך אויסקומען צו ריידען וועגען דאָס סאַטירישע ביי פּרצ'ן; דערוויי"ל איז גענוג צו זאָגען, אַז עס קומט פון'ם מאָראַלישען פּאַטאָס, אין דער צייט ווען דאָס הומאָריסטישע נעהמט זיך פון געמיט. די סאַטירע בייזערט זיך, אַזוי ווי זי וואָלט אָקאָרשט געקומען פון עץ הדעת, און דאָס וויסען פון גוט און בייז לאָזט איהר נאָך נישט רוהען, זי קאָן נאָך

איהם געלעבט, נאָר ער איז פערדעקט געווען, איצט איז ער ענט-דעקט געוואָרען. יאָ. דאָס איז טאַקע דער אונטערשיעד צווישען גע-וועהנליכע געדאַנקען און אינטואיטיווע: יענע זענען ערפינדונגען, די — ענטדעקונגען. און ווייל זיי זענען ענטדעקונגען, דאָס הייסט, ווייל זיי זענען געווען, נאָך איידער מען האָט זיך דערוואוסט פון זיי, ווייל זייער געבוירען ווערען איז גלייך צו אַנ׳ערוואַכען, צו אַנ׳אַרויסוויקלען זיך פון אַ פריהערדיגער עקסיסטענץ, ווערען זיי נישט געבוירען דערפאַר הוילע, נאָר, ווי דער קינסטלער-אינטעלעקטואַליסט אויסגעבילד זאָגט, אין אַ העמדיל, אין אַ בילד. אויך פרץ׳ס געדאַנ-קען זענען געדאַנקען — בילדער. אויך ביי איהם זענען זיי נישט אויס-געדרונגענע, נאָר געזעהענע, געטרוימטע. אָבער אַזוי ווי ער זעהט יעדען געדאַנק אין אַ בילד, אַזוי זעהען מיר ביי איהם אין יעדען בילד — אַ געדאַנק. אויך „דאָס שטעדטיל״ אַש׳ס, ווען מיר לייענען עס, לאָזט איבער ביי אונז געדאַנקען אין קאָפּ, אָבער נישט דאָס איז דער שרייבער אויסען געווען. ער איז אויסען געווען צו געבען אונז אַ שטיק לעבען, וואָס ער האָט געזעהען, אַזוי ווי ער האָט עס געזעהען; פרץ איז אויסען די געדאַנקען, און ווען פאַר איהם זאָל עס זיין אפילו אומבעוואוסט, אין לעזער וועקט זיינס אַ ווערק אויף פריהער ווי אַלץ דאָס געדאַנקען-לעבען.

אין דער מאַסע רעיונות דריקט זיך אויס דעריבער דאָס אינטע-לעקטואַליסטישע אין פרץ׳ן, נאָר זיין גאַנצעס שאַפען איז אַ קינס-טלעריש-אינטעלעקטואַליסטישעס... נעהמט די שטריכען, וואָס אַלע ווע-לען מודה זיין, אַז זיי זענען נישט צופעליגע ביי אונזער שרייבער: דאָס אַפאָריסטישע, דאָס פּאַראלעלענהאַכּטע, דאָס אַלעגאָרישע, — די שטריכען, וואָס זענען שייך צום תּוך, נישט נאָר צום סטיל פון שרייבער, — זענען זיי אַלע דריי דען נישט קיין סמן פון אינטע-לעקטואַליזם?

דער אַפאָריזם. וואָס איז אַזוינס אַנ׳אַפאָריזם? אַ אונטערשטע שורה. ווער ציהט זי אונטער? דער אינטעלעקט (דער וויסענשאַפטלי-כער אָדער דער קינסטלערישער). דער נישט-אינטעלעקטואַליסטישער, דער נאַאיווער אויג- אָדער געפיהל-קינסטלער ליעבט די פרטים. ער ליעבט דאָס קאָנקרעטע, דער אַפאָריזם איז אַנ׳אַבסטראַקציע, איז ער איהם פרעמד. פרצ׳ן איז ער נאָהענט. פרץ האָט איהם אין דער יו-

נאָר פריש און אַלט, בליהענדיג אָדער פערוועלקט... אַז מען טראָגט איין צו אַ אידעע, בויגט צו די נאָז: פרישע נעהמט און שטעקט איין אויף דער ברוסט, אַלטע — וואַרפט אַרויס״. די נייע אידעע ברענגט איהם נישט אַ נייעם אמת, נאָר נייע שפייז פאַר׳ן אינטעלעקט; זי צו-שטערט די רוה, זי שאַפט בעוועגונג, זי צינדט אָן פייערלעך אין די אויגען — דאָס איז איהר פערדינסט; מוז זי נאָך אמת זיין? די עסטע-טישע נאַטור ליעבט די פעסטע פאָרם, די אינטעלעקטואַליסטישע — דעם פליסיגען אינהאַלט; דער עסטעט קלויבט נחת פון דעם, וואָס איז געוואָרען, דער אינטעלעקטואַליסט — דערפון, וואָס האַלט אין ווערען. אויב מענדעלי, אויב אַש זעהט די סטאַטיק, דאָס אַיינגעפונ-דעוועטע, דאָס אומבעוועגליכע פון לעבען, איז עס, ווייל שרייבער ווי מענדעלי, ווי אַש בעטראַכטען; אויב פרץ איז דינאַמיק, איז עס, ווייל פרץ טראַכט... מען זאָל עס נישט פאַלש פער-טייטשען: טראַכטען, אינטעלעקטואַליזם פון אַ דיכטער איז נישט קיין— קאָפּ-אַרבייט: מיט׳ן קאָפּ אַרבייט יעדערער, וואָס האָט... אַ גוטען קאָפּ; דער דיכטער אַרבייט מיט זיין גאַנצען איך. נאָר דאָס איך איז נישט ביי אַלע דיכטער גלייך. ביי איינעם שטעקט עס אין דער קלאָר-קייט, אין דער ריינקייט, אין דער שאַרפקייט פונ׳ם זעהען,— איז זיין שרייבען ריין, קלאָר, דורכזיכטיג און טיעף, ווי אַ פרישער אַ לעבעדיגער קוואַל; דעם אַנדערענס איך איז בעהאַלטען אין דער צאַרטקייט, אין דער שכרות פונ׳ם האַרצען, עטעמט זיין שרייבען מיט דער היימליכקייט, מיט׳ן שטורם פון האַרצען, שמייכעלט עס מיט דעם שמייכעל פון אַ קינד; ביי דעם דריטען, בעת ער שרייבט, איז אַנ׳-אָפּענער קאָפּ, די שכינה רוהט אין קאָפּ ביי איהם, דאָרט שפי-געלט זיך די וועלט און דער טרוים פון קינסטלער, פון דאָרט פאַלען פאַסען ליכט, וואָס אָהן אַ מאָס ברענט עס און פערברענט, מיט אַ מאָס עפענט עס די בלום און צייטיגט די פרוכט. דער אינטעלעקט איז, אַלזאָ, נישט דער מקור פונ׳ם שאַפען ביי׳ן אינטעלעקטואַליסטישען קינסטלער: דער מקור איז זיין גאַנצעס פון גאָט געבענשטעס איך; דער אינטעלעקט אָבער איז דער צענטער, וואו די געהיימע קרעפטען בעגעגענען זיך און שלאָגען פונקען... נישט פון אַנאַליזירען, פון אויס-רעכענען קומט דער געדאַנק צום קינסטלער, נאָר פון עפיס אַ בליץ, וואָס האָט זיך אָנגעצונדען און ס׳איז ליכטיג געוואָרען אין קאָפּ; ס׳איז אונגעריכט פאַר איהם אַליין; אויף פריהער האָט דער געדאַנק אין

## IV.

אַ פיעל-זייטיגקייט אינאיינעם מיט אַ אונקאָנצענטרירט-זיין, אַ גרויסע, נאָר אַ צוברעקעלטע עשירות, — דאָס איז, אַלזאָ, פרצ׳ס מאַכט און אָהנמאַכט. מיר האָבען געזעהן אָבער מעהר פון דער פאָרמאַלער זייט. ווילען מיר אַריינקוקען אינ׳ם תוך פון פרצ׳ס שאַפען, קאָנען מיר אָנווייזען אויף דריי פונקטען, וואָס איז לייכט זיי צו ענטפלעקען אין זיינע ווערק, ווען מען בעטראַכט זיי אַלע אינאיינעם. לײדער מוזען מיר נעהמען פאַר די דאָזיגע דריי פונקטען דריי פרעמד-ווערטער:

דאָס אינטעלעקטואַליסטישע;

דאָס עטישע;

דאָס ראָמאַנטישע...

מיר מיינען, אַז מיט די דאָזיגע דריי יסודות ווען מיר שוין האָבען אַ גאַנצע כאַראַקטעריסטיק פון אונזער שרייבער: אַ גאַנצע כאַראַקטעריסטיק, וואו עס איז קיין גאַנצער כאַראַקטער נישטאָ, איז סתם אַ שווערע זאַך; אָבער אַ פאָדעם גיט עס אונז דאָך צו האַלטען זיך פאַר איהם און צו וויסען, וואו איין און וואו אויס אינ׳ם לאַבירינט פון פרצ׳ס ווערק.

נעהמען מיר דעם ערשטען טייל פונ׳ם פאָדעם, דעם ערשטען פונקט: דאָס אינטעלעקטואַליסטישע.

ביי קיינעם פון אונזערע דיכטער איז נישטאָ אַזאַ שפע פון געדאַנקען, ווי ביי פרצ׳ן. אויך מענדעלי מוכר ספרים איז אַ דענקער; ביי איהם איז עס אָבער לעבענס-קלוגהייט: ביי איהם איז יעדער געדאַנק אַ סך-הכל פון געוויסע לעבענס-ערפאַהרונגען, — אַ סך-הכל פון די געמאַכטע און אַ מוסר פאַר די קומענדיגע ערפאַהרונגען. אָבער ביי פרצ׳ן איז, ווי ביי איינעם פון זיינע פאַרשוינען, „נישט דאָס וויסען דער עיקר, נאָר דאָס קלערען“. „וויסען, לייענען מיר אין זיינעם אַנ׳אַפאָריזם, — וויסען איז איינפאַך ליכט, העלער טאָג. נאָר דאָס ליכט פיהלט נישט אויס דעם רוים, דער טאָג — די צייט, דאָס וויסען — דאָס לעבען“... ווען דאָס וויסען וואָלט אויסגעפילט דאָס לעבען, וואָלט דאָס לעצטע, ווענינסטענס פאַר פרצ׳ן, געווען לאַנגווייליג: וויסען אַלץ הייסט רוהיג זיין, פרץ קאָן די רוה נישט סובל זיין; וויסען אַלץ הייסט גלויבען, אַז אין דער וועלט פון אידעען איז פאַרהאַן עפּיס שטענדיגעס, פרץ מיינט, אַז „נישט וואָהר און נישט פאַלש זענען אידעען,

פרינציפ״ אין דער דראַמע, וואו עס איז שוין טאַקע אַזוי גוט ווי גאָר נישטאָ קיין דראַמאַטישע פערזאָנען, קיין כאַראַקטערען, נאָר שטימען און קלאַנגען און שאָטענס, שטימען און קלאַנגען און שאָטענס פון לעבעדיגע און פון טויטע, פון מענשען און פון געצען, פון גלעקער און פון זייגערס און פון בלעכענע העהנער אפילו... פון דעם אַלץ האָט געדאַרפט ווערען עפּיס אַ מין כאָר, אַן אָרקעסטער, אַ „מאָלך״, אַ „דור״, אַ „מאַרק״, קורץ, עפּיס אַ גאַנצע זאַך, אַן אָרגאַניזם, ס׳איז אָבער גאָרנישט ניט געוואָרען (ווענינגסטענס, אין דער אויפלאַגע, וואָס מיר פערמאָגען); אפילו קיין איינפאַכע מאָזאַאיק, וואָס האָט געקאָנט דערפון אַרויסקומען, איז נישט געוואָרען, און נישט ווייל אין „שטים״ זאָל זיך נישט קלעפּען צו דער אַנדערער. ניין, צונויפקלעפּען קאָן מען זיי לייכט, עס איז אָבער מעהר נישט ווי צונויפגעקלעפּט, עס פעהלט די לעבעדיגע גאַנצקייט, עס פעהלט דער הייסער לעבענס-אָטעם. דער דיאַלאָג, פאַר זיך גענומען, עטעמט ביי פּרצ׳ן שטענדיג כמעט פריי, פריש, לעבעדיג; מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, אַז פּרץ איז אַ גרויסער בריה אויף דיאַלאָג, — אָבער נישט אויף דראַמע. פון די אַלע דראַמאַטישע זאַכען, וואָס ער האָט געשריבען און איבערגעשריבען, איז די רעאַליסטישע קאָמעדיע „אַמאָל איז געווען אַ מלך...״ אפשר די איינציגע, וואָס קאָן מאַכען אַן׳איינדריק אויפ׳ן סצענע, נישט נאָר אין בוך; אין די איבעריגע זאַכען פעהלט, ווי מיר האָבען געזעהן, די איינהייט פון דער האַנדלונג, אַ נישט איז — די האַנדלונג גופא.

אין מאַטערלינקס, אין טשעכאָוו׳ס שטימונגס-דראַמע איז אויך, אמת, דער עיקר נישט די האַנדלונג, אָבער דאָרט איז פאַרהאַן דערפאַר אַ ריטם, אַ מוזיק, וואָס פילט אָן און פילט אויס די גאַנצע לופט; אָנשטאָט די דראַמאַטישע כאַראַקטערען איז פאַרהאַן דאָרט אַ דראַמאַטיש-סימבאָלישע אַטמאָספערע. דאָס פעהלט אָבער אין דער דראַמאַטיזירטער אָדער, ריכטיגער, דיאַלאָגיזירטער ליריק פון י. ל. פּרץ. אין דער דראַמע, וואו פריהער ווי אַלץ איז נויטיג גאַנצקייט און קאָנזעקווענטקייט, טראָגט ער אַריין די אַלע סתירות און דעם גאַנצען פראַגמענטיזם פון זיין גייסטיגער פערזענליכקייט. אָט פאַרוואָס פּרץ איז געווען און געבליבען אַן׳ערצעהלער, און נישט קיין דראַמאַטיקער...

שטער אויסגאַבע, אָבער דאָס מאַכט נאָך קענטיגער, אַז דער גורל פון די דריי שוועסטער איז פערבונדען סאָציאַל, מאָראַליש, אָבער נישט פאַקטיש, נישט דורך דער האַנדלונג. אויך אינ׳ם איינאַקטער „אַ פריה-מאָרגען״, וואָס איז איבערגעמאַכט פון דער סקיצע „משופע״, — איז מעהר פאַרהאַן איינהייט פון דער סאָציאַלער סביבה, אין וועלכער אַלע פאַרשוינען לעבען, ווי פון דער האַנדלונג. אויך אין דער דראמע „וואָס אין פידעלע שטעקט״ (פריהער: „כּליזמר״) איז יעדער אַקט כּמעט אַ בעזונדערע זאַך, הגם די פאַרשוינען זענען די זעלביגע; דער דריטער אַקט איז אַ גלגול פון אַ זעלבשטענדיגער סקיצע, וואָס רופט זיך „אַ כליזמרס-טויט״... די „גאָלדענע קייט״, וואָס צווישען אַלע פּרצ׳ס דראַמעס איז זי די רייכסטע אין אינהאַלט, בעשטעהט אייגענטליך אויך נישט פון איינער, נאָר פון עטליכע דראַמעס; ווער איז דער הויפּט-פאַרשוין, וואו איז דער צענטער פונ׳ם דאָזיגען ווערק (אַ ווערק, אפילו נישט קיין דראַמאַטישעס, מוז דאָך האָבען אַ צענטער) — אויף דעם איז שווער צו ענטפערן; סיידען מען זאָל פאַר׳ן העלד פון דער דראַמע רעכענען די גאָלדענע קייט, דעם חסידיזם אַליין, דאָס איז אָבער,— פאַר אַ דראַמע וועניגסטענס, — אַ ביסעל אַ צו אַבסטראַקטער „העלד״... מען קאָן, אמת, נישט וויסען, וואָס וועט פון דער „גאָלדענער קייט״ ווערען אין די קומענדיגע „בעאַרבייטונגען״ (דריי מאָל איז זי שוין בעאַרבייט געוואָרען), ס׳איז אָבער קלאָר, אַז מעהר איינהייט קאָן אַריינגעבראַכט ווערען אין די פרטים, נישט אין דאָס גאַנצע... אפילו „אין פּאָליש אויף דער קייט״, וואָס האָט שוין, בעזונדערס אין דער נייער בעאַרבייטונג, אַ שטיקעל גאַנצקייט אין זיך, אפילו אין דער דאָזיגער זאַך איז אין סוף שווער צו זאָגען, וואו איז דאָ אייגענטליך דאָס פּינטעל, דער צענטער, ווער איז דער העלד פון דער דראַמע: ער, דער קלויזניק, דער „זינדיגער״, אָדער אפשר גאָר זי, די טאָכטער ברכיה׳ס...

נאָר פּרץ, וועט מען זאָגען, דאַרף נישט קיין צענטראַלען העלד, ער דאַרף בכלל נישט די איינציגע פּערזאָן, ווייל ער שאַפט אַ נייע דראַמע, וואו דער העלד איז די מאַסע, דער קאָלעקטיוו, נישט דער יחיד... זאָל זיין אַזוי, זאָל זיין, אַז ס׳איז מעגליך אַזאַ דראַמע צו שאַפען: פּרץ האָט אָבער זי נאָך נישט געשאַפען. די בעסטע ראיה איז — „ביי נאַכט אויפ׳ן אַלטען מאַרק״, וואו ער איז נעהענטער ווי אין אַנדערע עקספּערימענטען צוגעגאַנגען צו זיין „נייעם

האָבען שוין אַ גאַנצען אַלבאָם פאַר זיך, אין קאָפּ ביי אונז טאַנצען אַרום געשטאַלטען, בילדער, רעיונות, און זיי טשעפּען זיך איינע אָן די אַנדערע, ווי רינגלעך אין אַ קייט... מיר קוקען דעם דערצעהלער אין געזיכט נייגיריג, פיהלען, ווי עס צאַפּלען און פּלאָנטערן זיך ביי איהם אין מוח, אין האַרצען פאַנטאַזיעס, זכרונות, האַלב-געבוירענע רעיונות, שאָטענס פון געפיהלען, אָבגעריסענע טענער, גלגולים פון נגונים; מיר זעהען, ווי עס בייט זיך דער אויסדריק ביי איהם אויפ'ן געזיכט, ווי עס הויבט זיך די שטים, און אָט ווערט זי ווייכער, שטי-לער, ווי עס רונצעלט זיך דער שטערן, ווי עס קייטלען זיך, ציג-דענדיג און לעשענדיג איינע די אַנדערע, בילדער, געדאַנקען, ווי זיי בליצען אויף אין די אויגען און מאַכען שאָקלען די ליפּען... מיר ווע-רען נישט מיעד צו הערען זיינע ווערטלעך און וויצען, זיינע משלים, וואָס זענען אָפטמאָל מגידיש, אָבער תמיד פּאָעטיש, בילד-שען, מיט נישט גאָר קיין טיעפע אָבער קלוגע כונות, מיט נישט גאָר קיין קלאָ-רע, אָבער דאָך דורכזיכטיגע סודות, מיט אַ איראָניע, וואָס שטעכט זיך, אָבער אָהן בייז: ער האָט ליעב אַמאָל סתם אַזוי זיך אַ ווערטיל צו טון... אונז פּערדריסט נישט שטאַרק, ווען מיר מוזען מפסיק זיין: מיר ווילען דעם פאָדעם פון דער ערצעהלונג נישט פערלירען; מיר האָבען נאָך איהם גאָר נישט געפונען אפשר... וואָס אַרט עס אונז? געפעלט אונז דען נישט ביי פּרצ'ן יעדע שורה בעזונדער? אינ'ם קאָנ-קורס צווישען דעם טייל און דעם גאַנצען, — וואָלט דען נישט אָפט ביי איהם געוואונען דער טייל? און די סבה איז דאָס, וואָס זעהר אָפט, ווי מיר האָבען געזאָגט, גיט ער אונז נישט קיין פאַרטיגע אויסגעשליפענע זאַכען, וואָס-דען? ער שלייפט זיינע דימענטען פאַר אונז אין די אויגען, ער צינדט נישט אָן קיין ליכט, וואָס ברענט אַליך זיכערער און העלער, נאָר ער שיט פונקען, ער אימפּראָוויזירט...

אָבער דאָס, וואָס קאָן נישט שאַדען אין אַנ'ערצעהלונג, שאַדט אין אַ דראַמע. אין דער ערצעהלונג איז פאַרהאַן אַנ'ערצעהלער, ער מיט זיין פערזענליכקייט האָט די קראַפט צו מאַכען אַ בינטעל פון די צושאָטענע פונקען. אין דער דראַמע אָבער מוז דער שטאָף אַליין פאַר זיך ריידען, ער מוז אַליין זיין גאַנץ און איינהייטליך. אָבער גאַנצ-קייט און איינהייטליכקייט פונ'ם שטאָף פעהלט ביי פּרצ'ן אָפט אויך אין די דראַמעס. „שוועסטער", איינאַקטער... אין דער נייער בעאַר-בייטונג פעהלט דער נישט קלוגער סענטימענטאַלער סוף פון דער ער-

עס קלעבט זיך אַ שנייעלע צו אַ שנייעלע... א. אַ. וו. אַ פאָדים, וואָס וויקעלט זיך אַרויף פון אַ קנויל, אַ געהיימען, אויף אַ שפּינדעל אַנ׳אָפּענעם, אַזוי שטעלט זיך אונז פאָר דער פּראָצעס פון שאַפען: דער שעפער לאָזט פונאַנדער דעם קנויל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבען ביי איהם אין דער פאַנטאַזיע, פעדימווייז, פעדימווייז פלאָנטערט ער איהם פאַנאַנדער און וויקעלט אַרויף אויפ׳ן שפּינדעל פון ווערק; פּרץ וויקעלט זיינע שאַפונגס-פעדים אַראָב נישט פון איין, נאָר פון עטליכע קנוילען. דערפאַר זענען די ערצעהלונגען זיינע אָפט ווי די מעשה׳לעך פון יוחנן מלמד: — „אַזוי-ווי אַ רעדיל אין אַ ראָד, — אַ מעשה בתוך מעשה“...

III.

דער דאָזיגער אָרגאַנישער פעהלער פון פּרצ׳ס טעכניק (און נישט נאָר פון זיין טעכניק) האָט אָבער אויך אַ מעלה אין זיך. אַ דאַנק דעם, וואָס דער ספּור-המעשה און אויך די געדאַנקען רייסען זיך אי-בער אַמאָל, און פערבינדען זיך ווידער, אַ דאַנק דעם מאַכען די ער-צעהלונגען אויף אונז אַנ׳אַנדער מאָל אַנ׳איינדריק פון אימפּראָוויזאַציע. מיר האָבען נישט צו טון מיט אַנ׳אָבגעטאָקטען „ווערק“, מיר פיהלען נישט די קאַלטקייט פונ׳ם שלייפען. נישט אַ „ליטעראַט“, נאָר אַ געשפּרעך-פיהרער שטעהט פאַר אונז, — אַ לעבעדיגער, אַ בליצענ-דער, אַ שפּילעוודיגער, מיט אַ שפּילעוודיגער, אַ בויגעוודיגער, אַ קלו-גער, אַ וואַרימער, אַ ביסעל אַ סענטימענטאַלער שפּראַך. ער דערצעהלט אונז אַ מעשה, אין דער — נאָך איינע, פערבייגעהענדיג — אַ רעיון, אַ וויץ, אַ גוט וואָרט, אַ טייטש; מיר ווייסען נישט, צי ס׳איז אַנ׳אמת, צי האָט ער עס אויסגעטראַכט פון קאָפּ; צי דערצעהלט ער עס גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, די צייט צו פאַרברייגען, אָדער ער האָט עפּיס אַ מיין, אַ כונה. מיר פיהלען, אַז ער מאַטערט זיך נישט, ער האָט הנאה פון שמועסען, און אויך מיר קלייבען נחת און הערען, ווי ער, אונזער געשפּרעך-פיהרער, שפּרינגט פון ענין צו ענין, פון גע-דאַנק צו געדאַנק; מיר האָבען קיין צייט נישט אַ טראַכט צו טאָן ווע-גען דעם בילד, וואָס ער האָט אונז נאָר וואָס אויסגעמאָלט, און מיר

ער ווייכט נישט אָב אין זיי פון דער הויפּט-טעמע, זעלטען ווען די אַסאָציאַציעס פאַרפיהרען איהם נישט צו גאַנץ אַנדערע ענינים. אפילו אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען“, וואו די טעכניק איז בעסער, אויסגעהאַלטענער ווי אין אַנדערע זאַכען, וואו דער שטאָף אַליין שאַפט די איינהייטליכקייט פונ׳ם ווערק, — אפילו אין די „פאָלקסטימליכע געשיכטען“ זענען פאַרהאַן זאַכען, וואָס זענען נישט מעור-אחד, נישט פון איין גוס: „ביי׳ן גוסס צוקאָפּענס“ בעשטעהט פון צוויי העלפטען, וואָס די אידעע, נישט די פאַבולע, בעהעפט זיי אינאיינעם; די דריי געשיכטען פון די „דריי מתנות“ זענען אויך נאָר דורך דעם געדאַנק פערבונדען איינע מיט די אַנדערע; „אַראָבגעלאָזטע אויגען“ איז ווידער אַ פאַראַלעל פון צוויי בעזונדערע מעשיות; היינט פון וויפיעל מעשיות איז צונויפגעשטעלט דאָס שענע און שענסטע „מסירות נפש“, די פאַנ-טאַסטישע „דריי חופות“? פון די חסידישע ערצעהלונג איז בעזונדער כאַראַקטעריסטיש פאַר פּרצ׳ס שטייגער צו דערצעהלען „אַ גלגול פון אַ ניגון“: דאָ זעהט מען בחוש, ווי ער האָט ליעב צו שילדערן נישט ווי אַזוי אַ זאַך ווערט, נאָר ווי אַזוי זי ווערט מגולגל. „מיט די אייגענע ציגעל, זאָגט ער, קאָן מען שטעלען אַ שוהל און אַ קלויס-טער, אַ פּאַלאַץ און אַ תּפיסה, און גאָר אַ הקדש“; און ער ווייזט אונז אַלץ, וואָס פונ׳ם ציגעל קאָן ווערען, אַלע גלגולים זיינע... אויף דער קראַפט פון אַסאָציאַציעס, אויף דעם אינעווייניגסטען זכרון פון מוח און נשמה, מעהר ווי אויף דעם אויסווייניגסטען געדעכטניש פון ראיה און שמיעה — האַלט זיך דער גאַנג פון זיינע געדאַנקען, פון זיין פאַנטאַזיע. די ריינע פּלאַסטיק פון דעם פאָרם ליידט ביי איהם דעריבער פון די אָנגעוואָרפענע, נישט גאָר גוט בעהעפטע פּלאַסטען פונ׳ם אינהאַלט. אַמאָל דוכט זיך, אַז ער זעהט פאַר זיך אין דער וויטעניש איין שטערן, אַ העלען און אַ ווינקענדיגען, ער געהט צו איהם, גלייך-אָט דערנעהנט ער זיך צו איהם, אָבער ניין, ער קאָן לאַנג אין איין פּינטעל נישט קוקען, ער מוז זיך אָבקעהרען, זיך אומקו-קען... דער שטערן ווערט צורינען, אַ נעפּיל פערשטעלט איהם, עס בלייבען נאָר שטראַהלענדיגע פעדים, בעגילטע פּאַסיקלעך... אַזוי-ווי ביי אַלע שרייבער, וואָס אַ חיל פון רעיונות בעלאַגערט זיי פון אַלע זייטען און זיי מוזען זיך איהם אונטערגעבען, — אַזוי ווערט ביי איהם אויך די טעמע בעשאַפען אינ׳ם עצם פּראָצעס פון איהר בעאַרבייטונג, ווי שניי אַ הייפעל, וואָס מען קייקעלט איבער אַ פריש בעשנייטען אָרט:

אַרום, אָבער ער כאַפּט זיי נישט-אויף פרעמדע, קאַלטע, ווי זיי זע-גען, ער נעהמט זיי אַריין אין זיך, זיי ווערען זיינע, — מאַכען זיי רייכער, פאַרביגער זיין אייגען בילד, פערוועבען זיך מיט זיין אייגענער מעלאָדיע... איז עס אַ חסרון? ניין, אודאי אַ מעלה, אַ זעלטע-נע מעלה פאַר אַ יודישען שרייבער, וואָס אָהן דאָס אַרויסקוקען, דאָס אַרויספליהען איבער די מויערן פון געטא, וואָלט ער געבליבען איינ-געשלאָפען אינעוועניג אין דער דונקעלער ענגקייט.

אין דער מעלה אָבער שטעקט דאָך אַ געפאַהר: די צו-גרויסע רייכקייט פון פאַרבען קאָן אַמאָל פערבלענדען דאָס אויג, אָנשטאָט צו דערפרעהען; אינ׳ם שפע פון טענער איז שווער אַמאָל צו כאַפּען דעם גרונד-טאָן — פיעלקאַנטיגקייט איז שען, פיין, ווען ס׳איז די פיעלקאַנ-טיגקייט פון אַ פּיראַמידע, וואו אַלע קאַנטען געהען זיך צונויף, גיסען זיך צונויף אין איין שפּיץ. אָבער בעהאַלט זיך דען נישט די שפּיץ פון פרצ׳ס פּיראַמידע, פערלירט זי זיך דען נישט אין די וואָלקענס ערגעץ? מיר זעהען פיעל מעהר און וועניגער שאַרפע קאַנ-טען, מיר זעהען אויך ווי זיי ציהען זיך אַלע אין איין זייט, — צי איז קענטיג אָבער אויך די שפּיץ, דאָס פּינטעל, וואו זיי בעהעפ-טען זיך אַלע אינאיינעם, גיסען זיך צונויף אין איין גאַנצע אָבגעשלאָ-סענע פיגור? צי דוכט זיך אונז נישט אַמאָל, אַז, אַזוי ווי אין בע-ריל הנצה׳ס זיצען עטליכע פּאַרשוין, אַזוי זיצען אויך אין פרצ׳ן עטליכע פרצ׳ס? צי דוכט זיך אונז נישט, אַז דאָס אונדורכזיכטיגע געוועב פון זיין שאַפען איז געוועבט פון פערשידענע שטאָפען, גע-שפּונען פון פערשידענע פעדים, — איז נישט פון איין שטיק?

מיר האָבען דערמאָנט די פערשידענע קוואַלען, וואָס ער האָט געטרונקען פון זיי: די השכלה און דאָס חסידות; די פערשידענע סטילען פון זיינע ווערק: דעם רעאַליסטישען און דעם ראָמאַנטישען; די פערשידענע פאָלקס-גרופּען, וואָס ער האָט געשילדערט: דעם פּראָסטען עולם — און די יחסנים, די לומדים, די גוטע יודען; מיר האָבען געזעהען פערשידענע סתירות פון זיין שאַפען: זיין דעמאָקראַ-טיזם, זיין ווילען שרייבען פאַר׳ן פאָלק — און זיין געטריי בלייבען דעם גייסטיגען אַריסטאָקראַטיזם, — אָט די גאַנצע פיעלזייטיגע רייכקייט אינאיינעם מיט דער אונקאָנצענטרירטקייט ווייזט זיך אַרויס ביי איהם אָבער אין די איינציגע ווערק, אַזוי ווי אין זיין שאַפען בכלל. נעהמען מיר די ערצעהלונגען, די מעשה׳לעך. זעלטען ווען

אַזוי שאַרף אויסגעלאַכט אין „כּל-בו”... וואָס איז עס פאַר אַ חיה, אָט דער כל-בו? „אָהן ביינער, פון סאַמע ווייך פלייש, און דאָס קעפּיל האָט זיך לויז געדרעהט אויפ׳ן האַלז, ווי אויף אַ גוט געשמירט שרייפעל! ער האָט זיך נישט געריהרט פון אָרט און מיט׳ן קעפּיל געדרעהט קיין מזרח, קיין מערב, קיין צפון, קיין דרום — וואו איהר ווילט נאָר אַליין!” אַז דאָס דאָזיגע „פּיעל-זייטיגע” בעשעפעניש שטאַרבט אַוועק, און דער מלאך המות פרעגט איהם, ווער איז ער, שווייגט ער: ער ווייס אַליין נישט, ווער ער איז. „טויזענד אויגען האָט דער מלאך המות, און מיט יעדען אויג זעהט ער אינ׳ם כל-בו איין אַנדער בעשעפעניש”. פון די אַנדערע מינים נשמות, צו וועלכע דער מלאך ווענדט זיך מיט זיין פראַגע, רעכענט אויך קיינער דעם כל-בו נישט פאַר אַנ׳אייגענעם: יעדער מין זעהט אין איהם אַ קליין פּיצעל זיינס, נאָר אַזוי פּיעל פרעמדס. צום סוף גיט דער כל-בו אַרויס אויף זיך אַליין אַ פּסק: „איך געהער דאָך, זאָגט ער, שטיקליכווייז צו אַלע מינים, זאָל יעדער מין זיך צו-נעהמען זיין חלק”... פרץ׳ס שאַפען געהערט אויך שטיקלעכווייס צו מינים, אין איהם איז אויך פאַרהאַן עפּיס אַ בויגעוודיגקייט, עפּיס אַ מין געהערען צו אַלעמען און צו קיינעם נישט, דאָך וועט קיינער, פערשטעהט זיך, נישט זאָגען, אַז ס׳איז דאָס „זיין אויף אַלע ירידען”, דאָס חבר׳ן זיך מיט אַלעמען פונ׳ם אָהנביינערדיגען כל-בו. ווען איי-נער פון די, אין וועמענס חדר פרץ איז געגאַנגען, וואָלט געפּרובט וועלען „צונעהמען זיין חלק”, וואָלט ער איהם נישט געפונען, נישט דערקענט, וואָרום פרץ גיסט איבער אַלץ, וואָס ער נעהמט ביי אַנדע-רע, אין זיין אייגענעם, אין זיין פרצ׳שען פורעם!

דער דילעטאַנט, דער כל-בו, לעבט נישט מיט זיין אייגענעם לע-בען, ריכטיגער, זיין אייגען לעבען איז דאָס לעבען פון אַנדערע, ער שמייכעלט-צו אַנדערע, ער קוקט אַהין, וואו זיי קוקען, בויגט זיך אַהין, וואו זיי בויגען זיך, קיין אייגענעם שמייכעל, קיין אייגענעם קוק, קיין אייגענעם בויג אַפילו האָט ער נישט, אָהן אַ חוט השדרה איז ער, דער ווינט שאָקעלט איהם. פרץ אָבער האָט זיין אייגען לעבען; זיין פערזענליכקייט, ווי רייך אין געשטאַלטען, ווי בויגעוודיג זי זאָל נישט זיין, קוקט זי דאָך אַרויס צו אונז פון יעדער שורה, פון יעדעם קנייטש... מעהר נישט — ער בעהאַלט זיך נישט אין זיין שאָלעכץ, ער שטעהט אין דער וועלט מיט אַנ׳אָפענעם אויג און אַנ׳אָפענעם אויער. ער זעהט צַלע פאַרבען און הערט אַלע קלאַנגען, וואָס קומען פון

אין זיין לירִיק געפינען מיר נישט קיין קלענערע רייכקייט פון מינים. ווי אין זיין עפּיק: מאָדערנעס און היסטאָרישעס, ראָמאַנטיק און סאַטירע, פאָלקס-ליעדער, באַלאַדען און פּאָעמעס און אַלעגאָריען און סצענעס און דיאַלאָגען, — און וואָס נישט?

יאָ, מיט רעכט קאָן מען אָנרופען פרצ׳ן: דער פּראָבענ-מייסטער; ער האָט אונז געגעבען פּראָבען כמעט פון אַלע ליטעראַטור-פאָרמען. מיר געפינען ביי איהם מוסטערן אויך פון דעם, וואָס אויף דער גרעניץ צווישען דער שענער און דער פּובליציסטישער ליטעראַטור, — מוסטערן פון פעליעטאָן-דיכטונג. „אַ פעליעטאָן, זאָגט ער אין איינעם פון זיינע „פעליעטאָנישע געדאַנקען״, — אַ פעליעטאָן איז אַ קלוג נאַרישקייט, פּובליציסטיק — נאַרישע חכמה״. און ער האָט געפּרובט אויך דאָס לעצטע: ער שרייבט פּובליציסטיק. איינפאַכע פּובליציסטיק, אויפקלערערישע („וועגען געשיכטע״) און ליריש-פילאָזאָפישע („דער דיכטער, דאָס בוך און דער לעזער״). און פּאָפּולער-וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען שרייבט ער נישט? אַז מען האָט געדאַרפט אַ בראָשיורע וועגען... כאָלערע, האָט עס אָנגעשריבען פרץ. „סאָציאָלאָגיע״ אין די בעריהמטע „בלעטליך״ האָט געשריבען — פרץ. „קיין זאַך, וואָס האָט אַ שייכות צו ליטעראַטור, קאָן זאָגען וועגען זיך פרץ, איז מיר נישט פרעמד״. אפילו די ווערק, וואָס אַנדערע האָבען געשאַפען, זענען איהם „נישט פרעמד״; וועגען אַ סך פון זיי האָט ער געשריבען רעצענזיעס און קריטישע אַרטיקלען; אויך רעפעראַטען האַלט ער וועגען יודישע שרייבער... נישט איינמאָל איז ער געווען אַרעדאַקטאָר און אַן אַרויסגעבער פון זאַמעל-ביכער און זשורנאַלען... ערשט דער היסטאָריקער וועט אָבשאַצען, ווי געהעריג איז, די ראָליע, די אַלזייטיגע ראָליע, וואָס פרץ האָט געשפּיעלט אין דער ענטוויקלונג פון דער יודישער ליטעראַטור.

## II.

אונז אינטערעסירט דאָ די פּסיכאָלאָגישע זייט פון אָט דער פיעלזייטיגקייט.

פאַרהאַן אַדילעטאַנטישע פיעלזייטיגקייט, די, וואָס פרץ האָט

„ער און זי" און די שטימונגס-רייכע „סצענע מיט מוזיקאַלישער בעגליי-טונג" — „נאָך קבורה", אויך די איבריגע איינאַקטערס פּרצ׳ס דאַרפען אַלע בעטראַכט ווערען נישט ווי דראַמעס, נאָר ווי מעהר אָדער ווע-ניגער געלונגענע דיאַלאָגישע ערצעהלונגען. שלום-עליכם׳ן האַלט מען פאַר׳ן בעסטען מאָנאָלאָגען-שרייבער, פּרץ איז דער מייסטער פון דיאַלאָג אין דער יודישער ליטעראַטור. אָבער אויך די פאָרם פון בריעף, וועלכע שלום-עליכם האָט אויף זיין שטייגער געוואוסט צו בענוצען אַזוי גליקליך אין „מנחם מענדיל", „מאַריענבאַד", „בלאָנ-דזשענדע שטערן" און ביי אַנדערע געלעגענהייטען, — אויך די בריעף-פאָרם געפינען מיר ביי פּרצ׳ן: „האשה מרת חנה", „פיער דורות — פיער צוואות". איהר באַגעגענט ביי איהם אָבער אויך די אַרכאַאי-זירענדע ערצעהלונגס-פאָרם, אינ׳ם נוסח פון די פאַרצייטיגע ספרים, מיט אויפשרייבעכצען אין קעפּיל פון יעדען קאַפּיטעל בעזונדער: „בשעת מגפה", „יוחנן מלמד׳ס מעשה׳לעך", „דריי חופות"... פּרצ׳ן איז נישט איינמאָל געלונגען אויך דאָס, וואָס טורגעניעוו האָט אָנגערופען אַ ליעד אין פּראָזע... אויך רייזע-בילדער האָט ער אונז געגע-בען... אָבער וואָס פאַר אַ נאָמען וועט דער, וואָס האָט ליעב נעמען, געבען אַזוינע זאַכען, ווי די „קלאָץ-געשיכטען"? און וואָס זענען אַזוינס די מעשה׳לעך פּרצ׳ס? אין געמייזעכטס? לאָמפּען-מוסר? דער גולם? זענען עס אַלעגאָריען? ליעדער אין פּראָזע? קליינע פּאָ-עמעס? סתם פאַנטאַזיעס? זיי זענען דאָס אַלץ אינאיינעם, אָבער פריהער ווי אַלץ זענען עס מעשה׳לעך, — אַנ׳אייגענאַרטיגע ליטעראַרישע פאָרם, וואָס פּרץ האָט זי אַליין, פאַר זיך, בעשאַפען און אַליין איהר אַ נאָמען געגעבען. דער, וואָס וועט שרייבען אַ יודישען ליטעראַטור-לעהרבוך און וועט נישט נאָכטאַנצען אַנדערע, וועט צווישען אַלע פּער-שיעדענע ליטעראַרישע מינים, דערמאָנען אויך דעם מין מעשה׳-לעך, וואָס דערוויַיל געפינען זיי זיך נאָר ביי פּרצ׳ן...

אָבער אַלץ, וואָס מיר האָבען אויסגערעכענט איז נאָר אַ טייל פון די סאָרטען עפּיק, וואָס פּרץ האָט אויסגעפּרובט: ער האָט געשרי-בען, אַ חוץ דעם, שטימונגס-בילדער, אידיליען, הומאָ-רעסקען, אויך פּאָעמעס און — זעהר אַ געליעבטע פאָרם פּרצ׳ס — אַלעגאָריען...

אויך דראַמעס שרייבט פּרץ. דראַמעס רעאַליסטישע און (כ׳וויים נישט, ווי זאָל איך עס אָנרופען... נישט-רעאַליסטישע).

איז אַ יודישע ליטעראַטור-געשיכטע אין מיניאַטור...
דען נישט נאָר דער אינהאַלט איז ביי איהם אַ רייכער און אַ פערשיעדענאַרטיגער, — אויך די פאָרם.
עפּאָס, ליריק און דראַמע — אַלץ האָט ער אויסגעפּרובט.
פון די עפּישע פאָרמען פעהלט ביי איהם איינע זעהר אַ וויכטיגע — דער ראָמאַן; דער ראָמאַן, וואָס הויבט זיך אָן איצט בעוויי-זען אין דער ליטעראַטור, האָט זיין שורש נישט אין פּרצ׳ן. דערפאַר אָבער רעכענט מען איהם פאַר׳ן פאָטער פון דער נאָוועלע אין דער יודישער ליטעראַטור. אויב נאָוועלע איז אַ קורצע ערצעהלונג, איז עס ריכטיג כמעט: פּרץ האָט געשריבען דורכאויס קורצע זאַכען. איך זאָג „כמעט ריכטיג", ווייל אויך ביי אייזיק מאיר דיק געפינט מען שוין קורצע ערצעהלונגען. אין דער אמת׳ן אָבער איז די קורצקייט אין דער נאָוועלע נאָר אַן אויסוועניגסטער סימן. קינסטלעריש גע-נומען קאָן מען פּרצ׳ס „ערצעהלונגען און בילדער", ווי עס רופט זיך אין דער ערשטער אויסגאַבע פון זיינע ווערק, פּונקט אַזוי נישט רופען סתם נאָוועלען, אַזוי ווי מען קאָן דעם „ווינשפינגעריל" אָדער „פישקע דעם קרומען" נישט אַ נאָמען געבען סתם ראָמאַן אָדער סתם עפּאָס.
דער אמת אָריגינעלער שרייבער גיסט אויס זיינע ווערק אין זיין איי-גענעם פורעם און די סקאַרבאָווע נעמען פערדונקלען אָפט מעהר, ווי-פיעל זיי פערטייטשען. [illegible] דער ערצעהלער, אַזוי ווי פּרץ דער לירי-קער און דראַמאַטיקער, האָט זיך אויך זיין אייגענעם פורעם. דער חילוק צווישען איהם און אַזאַ שרייבער ווי מענדעלי, אַ שטייגער, איז דער, וואָס מענדעלי האָט זיך אויסגעאַרבייט אַ פורעם, וועלכער ער האָט נישט אויפגעהערט, אמת, צו שלייפען, וועלכער איז אין תוך גע-נומען אָבער געבליבען ביי איהם איינער און דער זעלבער, אין דער צייט ווען פּרץ האָט, פערקעהרט, נישט אויפגעהערט צו בייטען זיינע פאָרמען, נישט אויפגעהערט אויסצוזוכען אַלץ נייע און נייע. זאַכען ווי „דער משולח", „מענדיל בריינעס" און אַנדערע זענען נאָהענט טאַ-קע צום טיפּ פון נאָוועלען; „וואָס הייסט נשמה?", „אַ משוגענער בטלן" זענען פּסיכאָלאָגישע שטודיען, וואָס האָבען שוין אַריין פּרצ׳שע פאָרם... אינ׳ם „משוגענעם בטלן" איז דער מאָנאָלאָג נאָך פערוועבט מיט׳ן דיאַלאָג, שפּעטער טיילען זיי זיך אָב איינס פונ׳ם אַנדערען, און פּרץ שרייבט אַ גאַנצע שורה ערצעהלונגען — מאָנאָ-לאָגען, און אויך דעם ריינעם דיאַלאָג בענוצט ער: נישט נאָר

דענער קייט אינ׳ם טאָל פון רעאַליסטישער וואָכעדיגקייט, האָט ער דערגרייכט מיט׳ן אַנדערן ברעג די שפּיצען פון ראָמאַנטיק, דאָס ליכ־טיגע קעניגרייך פון די „שבת-און-יום-טוב׳דיגע יודען״...

השכלה און חסידות, קריטיק און ראָמאַנטיק — זענען אָבער נישט די איינציגע צוויי עקען פון זיין שאַפען.

אָט האָט איהר נאָך: אין איהם איז פאַרהאַן עפּיס אינדיווידואַליס־טישעס, ביי איהם איז אַנ׳אַריסטאָקראַטישער סטיל, — און דאָך האָבען אין איהם איבערגעלאָזען שפּורען אי דער דעמאָקראַטיזם, אי דער סאָצ־יאַליזם, וואָס אין די ניינציגער יאָהרען פון פאָריגען יאָהרהונדערט האָ־בען זיי אָנגעהויבען צו געוועלטיגען איבער אַ געוויסען טייל פון דער יודישער אינטעליגענץ. צוריק אָבער האָט איהם דער דעמאָקראַטיזם נישט געשטערט צו שרייבען זאַכען, וואָס דאָס פאָלק פערשטעהט נישט (ער האָט זיך שטענדיג צוגעפּאַסט צום גייסט פון פאָלק, נישט צו זיין איינגעבילדעטקייט); דער סאָציאַליזם איז קיין מניעה נישט געווען, ווען עס האָט זיך איהם געגלוסט אָנצושרייבען אַ בייזע סאַטירע געגען דער „קומענדיגער האַרמאָניע״: „אַ רייזע אין די צייט״...

און ווייטער:

ער קען די פּראָסטע, געזונטע, „יאָדערדיגע״ שפּראַך פון בעל־עגלה און טרעגער, די קללות און געשרייען פון דער מאַרק-יודענע, די גראָבע וויצען פונ׳ם שניידער-יונג, — נישט וועניגער בעקאַנט איז איהם אָבער דער-זוהר-לשון, די איידעלע, שאַרפע, קורצע, רמזים פון מקובלים, לומדים און גוטע יודען. ער האָט געשילדערט די קעלער-שטוב — און די הויכע פענסטער. דאָס פּרימיטיווע פאָלקס-ליעד און די טיעפע תורה פון חסידות —ביידע זענען קוואַלען פון זיין שאַפען... דעם אַלטען יודישען נביא און... היינע׳ן — ביידען האָט ער נאָכגעזונגען. און דען נאָר זיי?

אין זיינע ווערק האָבען אַנ׳אָבקלאַנג געפונען די פערשיעדענסטע ריטמען און פערשיעדענסטע מאָטיווען: סאָציאַלע און פּסיכאָלאָגישע, רעליגיעזע און פילאָזאָפישע. דעם גרונד-מאָטיוו פון זיין שאַפען איז פונקט אַזוי שווער צו געפינען, ווי די גרונד-ריכטונג זיינע... צו וואָס־ער ריכטונג אין דער יודישער ליטעראַטור געהערט פּרץ? אָבער נישט אין דער יודישער ליטעראַטור דאַרף מען זוכען די ריכטונג פּרצ׳ס, נאָר פערקעהרט, אין איהם — די ריכטונגען פון דער נייער יודישער ליטעראַטור; אין איהם איז דער אָנהויב פון זיי אַלע כמעט: פּרץ

ער האָט, ווי די ביהן, זי געזוינגען, האָט ער, אויך אַזוי ווי די ביהן, נישט בעפרוכטעט?

איז דען נישט געוועזען אַ מאָל קיין נאָהענטע קרובה'שאַפט צווישען איהם און די משכילים? הערט זיך נישט דער (איצט אַ ביסעל פערזייערטער) השכלה-ריח פון זיין „שטריימעל", פון „ל"ג בעומר", פון דער סקיצע, וואָס רופט זיך „צום עולם התהו"? „זאָגט מיר אויך, ווער פון אייך וועט זיך מאַכען פון דער תורה אַ סחורה און וועט זי פערקויפען אויפ'ן קווינט און אויפ'ן לויט, אויפ'ן גלעזיל, ווי בראָנפען אין שענק... ווער פון אייך וועט מאַכען מאָנאָפּאָלען אויף כשר'ן ווייַן, האַנדלען מיט הכשרים אויף מעהל, אַריינשטעקען דאָס גאַנצע יודישקייט אין אַ חליצה-שוך אָדער צומאַכען נאָך דאָס קלענסטע חומרה'לע, צו-וואַרפען נאָך אַ דראָבנע שטויבעלע צו דער גלות-טאַטשקע, — זאָגט מיר, ווער, וועל איך איהם אַרויסשטעלען אָהן רחמנות פון בויד און וואַרפען די פערד אונטער די פיס, ווייל נאָר פערדס פּאָדקעוועס קאָנען אַרויסשלאָגען אַ פונק פון אַזוינע פינסטערע קערפּער!" דאָס זענען נישט די איינציגע שורות ביי פרץ'ן, וואו מען פאַרנעהמט דעם נאַאיווען משכיל'ישען פּאַטאָס; אין דער פובליציסטיק ביי איהם זענען פאַרהאַן נאָך אַ סך ציילען, וואָס אויך זיי זענען משכיליש-קלאָר, מתנגדיש-קאַלט און פאַר אונזער איצטיגער צייט טויט, איז עס דערפאַר, ווייל— קלאָר איז שניי —

און שניי איז קאַלט, שניי איז טויט, — ווי עס האָט זיך שפּעטער ערשט אַרומגעזעהן (אין דער „גאָלדענער קייט") לאה, וואָס פריהער איז זי אַליין געווען אַ משכיל'טע און געשריען: „ליכט זאָל זיין, ליכט!"...

צו דען איז אָבער פרץ אַפילו אין די משכיל'ישע מאָמענטען זיינע נישט העכער מיט אַ קאָפּ פון די אַמאָליגע משכילים? האָט ער דען דעם בעגריף פון דער השכלה גופא נישט ברייטער, נישט טיעפער געמאַכט?

און האָט ער דען שפּעטער נישט געלערנט אין חדר ביי דעם שאַרפסטען פיינד פון דער השכלה — ביי דעם חסידיזם? ער, דער קריטיקער פון די אַלטע פאַרצייטיגע נאַרישקייטען, איז געווען דער ענטפּלעקער פון די אַלטע פאַרצייטיגע שענהייטען; ער, דער פאַרווערטס-געהער, איז איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען געזוכט אַ בריק פון היינט צום אַמאָל; רוהענדיג מיט איין ברעג פון זיין גאָל-

פערגלייכן. אַזאַ קיילעכדיג-אָבגעטאָקטען שטעמפּעל, ווי מענדעלי'ס, האָט נאָך קיינער אויף דער יודישער שפּראַך און ליטעראַטור נישט אויסגעלייגט, קיינער האָט אונטער דעם לעבען, אונטער דעם פיהלען און דענקען פון'ם יודישען פאָלק אַזאַ ברייטען סך-הכל נישט אונטער-געפיהרט. דאָס יודישע פאָלק אָבער איז ביי'ן סך-הכל נישט שטעהן געבליבען, די פריהערדיגע שורות האָט עס אין פּנקס געלאָזען — און געשריבען נייע. נייע ציעלען האָבען אין דער ווייטעניש דורכ'ן גע-פיל גענומען לייכטען, נייע וועגען זוכט מען... נייע פאָרמען... מענ-דעלי וועט אונז שטענדיג זיין איינגעבאַקען אין האַרצען, ער וועט אונז תמיד זיין מעהר ווי אַנ'ערשינערונג פון דער קינדהייט, נישט בלויז ווי ירושה-אוצרות וועלען אונז זיינע ווינשפינגערלעך טיי-ער זיין. מיר פיהלען נאָך איצט, ווי דער שטאָלצער גרויער קאָפּ גיט אַכטונג אויף אונז פון ווייטען, ווי אַ זיידע. פּרץ, כאָטש ער האָט שוין אויך „אייניקלעך", איז ער נאָך זיי אָבער קיין זיידע נישט געוואָרען, ער זיצט אויבענאָן צווישען זיי, אָבער אויך געהן געהט ער פאָראויס, ווי אַ וועגזוכער, אויב נישט ווי אַ פיהרער... צום הימעל קוקט דער גרויער קאָפּ מיט הייסע אויגען און זוכט דאָרט, ווי אַ וואַנדערער, זיין שטערן... נישט אין שענע, נישט אין אומגעריכטע זאַך האָט ער אויף זיין וואַנדער-וועג געפונען, — נאָר נישט די רוה... ער איז „אַ פערבענקטע, אייביג זוכענדיגע פּערזאָן", אַזוי ווי יואל דער כליזמר; אַזוי ווי דאָס זוכען וואָלט איהם מעהר צופריעדענגע-שטעלט, ווי דאָס געפונענע. עפּיס לעבט אין איהם אַ דורשטיגקייט. כ'האָב שיער נישט געזאָגט — אַ זשאַדנעקייט פון גייסט, אַ מורא, טאָ-מער לאָזט ער עפּיס דורך, טאָמער פאַרפעהלט ער עפּיס, אַ פערלאַנג, כמעט אַ תאוה אַלץ אויסצופּרובען, נישט גלאַט צולייגען די הענד, ווי אַ דילעטאַנט, נאָר זיין דער ערשטער, דער מייסטער אומעטום; ער ווערט נישט מיעד צו זוכען פעהלערן ביי זיך אַליין, צו קאָריגירען זיינע אייגענע ווערק, ער איז גרייט שטענדיג אָנצוהויבען פון דאָס ניי. ער, דער לעהרער פון אַ סך, הערט נישט אויף צו לערנען; אַזוי ווי אַ ביהן, זויגט ער פון יעדער בלום, אַזוי ווי אַ קנאָספּע אין פריה-לינג עפענט ער זיך אויף און שיקט זיין דופט אַנטקעגען יעדען זונען-שטראַהל... וואָס האָט אויף פּרצ'ן קיין רושם נישט געמאַכט? וואָס האָט איהם נישט פרוכטבאַר געמאַכט? און וועלכע אידעען-בלום, וואָס

# י. ל. פּרץ.

## I.

ווער עס זוכט דעם ברענפּונקט, וואו אַלע, סיי די העלע, סיי די בלאַסע שטראַהלען פון אונזער ליטעראַטור אין דער היינטיגער צייט קלייבען זיך צונויף, — בלייבט שטעהן ביי פּרצ׳ן... אַבראַמאָוויטש איז דער אָנהויב, דער יסוד, נישט דער מיטען, נישט דער מיטעלפּונקט פון דער נייער ליטעראַטור. אין די צייטען פון השכלה און שטראָפרייד און בייזע קריטיק און עזות, ווען דאָס אַלטע גוטע און פרומע לעבען איז נאָך פעסט געווען, און מען האָט געקעמפּפט געגען דעם, און אַז מען האָט עס געשילדערט, איז עס נאָך רעאַליזם, נישט ראָמאַנטיק געווען ווי איצט, אין יענע צייטען, ווען די שענע ליטעראַטור איז ביי אונז נאָך נישט אָבגעשיידט געווען פון דער נוצליכער, און דער יחיד דער יודישער, די פּערזענליכקייט, האָט נאָך געשטעקט אינגאַנצען, אַזוי ווי אַ קערענדיל אינ׳ם זאַנג, אין כלל, — אין יענע צייטען איז מענדעלי דער לעהרער, דער שטראָפער, נישט נאָר דער קינסטלער, געווען דער העכסטער און טיעפסטער אויסדרוק פון דער יודישער ליטעראַטור, איהר פונדאַמענט און טורם צוגלייך. די נייע דורות האָבען דעם טורם נישט העכער געמאַכט, זיי האָבען ברייטער געמאַכט אָבער דעם פונדאַמענט: צו מענדעלי׳ן מיט דער טיעפער אייגענאַרטיגקייט פון זיין שפּראַך, וואָס איז די שפּראַך פון אַלעמען און פון קיינעם נישט, אַ חוץ פון איהם אַליין, מיט דער האַרמאָנישער אָבגעשלאָסענקייט פון זיין גאַנצער געשטאַלט, וואָס מען דערקענט זי שוין פון ווייטען, צו מענדעלי׳ן מיט זיין שטאָלצען און שענעם געטריי זיין זיך אַליין קאָן זיך נאָך עד היום קיינער נישט

דליגער, אויב נישט הונדערטער, איינציגע בירגער פון דער דאָזי-גער יודישער מלוכה... דער, וואָס וועט האָבען דעם מוט זיך צו נעה-מען פאַר אָט דער אַרבייט (ער וועט מוזען בעוואָפּענען זיך מיט גע-דולד און מיט... אַ מיקראָסקאָפּ), וועט בעקומען זיין לוין. איך וויל דאָ נאָר אין סוף זאָגען, אַז אויב אין שלום-עליכם'ן איז פאַרהאַן עפּיס אַ לייכטקייט, להיפוך צו מענדעלי'ן, וואָס וועגען זיינע כתבים האָט ביאַליק וואונדערליך-שען געזאָגט, אַז זיי האָבען וואָג, — שפּירט זיך די דאָזיגע לייכטקייט נאָר, ווען מען נעהמט יעדעס איינציגע ווערק בעזונדער; נעהמט מען זיי אָבער אַלע אינאיינעם, דאַן האָבען זיי אויך אין זיך אַ אונגעהויער קינסטלערישעס און נאַציאָנאַלעס געוויכט. אַ זעהר פעסטען און חשוב'ען בנין זעהט מען פאַר זיך, ווען מען נעהמט אַרום מיט איין קוק אַלע זיינע ווערק, — אַ בנין, וואָס האָט נישט קיין פיעל גאָרענס און קיין הויכע טורעמס, דערפאַר אָבער אַ ברייטען פונ-דאַמענט און אָהן אַ שעור קאַמערן, וואו אין אַ שפּיעלעוודיגער, ריטמי-שער אונאָרדנונג רוהען און עטעמען, ווער שטאַרקער, און ווער שוואַכער צעהנדליגער, הונדערטער לעבעדיגע נפשות — — אַ זאַמלונג פון „יודישע אַנעקדאָטען” איז שלום-עליכם פאַר אַ טייל פון דער יודישער אינטעלי-גענץ; אָבער פאַר דעם יודישען פאָלק איז ער דער אוצר פון יודישען הומאָר, דער שפּיגעל פון יודישע העויות, דאָס מוזעאום פון יודישע פרנסות, די ענציקלאָפּעדיע פון יודישער פאָלקסטימליכקייט, דער פּנקס פון יודישע וואָגלענישען, דער פריינד פון דעם יודישען קינד...

בען: אי דער אייביגער ריטמוס פונ׳ם כלל, פון דער סביבה, אי דאָס מאָמענטאַנע פונ׳ם פרט. מעהר נישט דער אונטערשיעד איז, וואָס דער כלל-ריטמוס איז די אומבעוואוסטע קראַפט, וואָס ווירקט אין איהם, אין דער צייט, ווען דאָס אַכטונג-געבען אויף די אינדיווידועלע פרטים איז ביי איהם אַ בעוואוסטזיניג קונסט-מיטעל, אַ מעטאָדע, וואָס איז פערשפיצט ביי איהם ביז צו דער לעצטער מעגליכקייט. זעלטען ווען, צום ביישפיעל, ווערט איהר בעגעגענען ביי איהם אַ פּאַרשוין, וואָס עס זאָל נישט בולט זיין ביי איהם אַ וועלכער נישט איז קענטיגער, כאַ-ראַקטעריסטישער טייל פון זיין חצוניות, הגם פאַר דעם גאַנג פון דער געשיכטע איז עס גאָרנישט וויכטיג, נאָר גאָרנישט: זאָל מען וויסען, מיט וועמען מען האָט דאָ צו טון (ביישפיעלען דערצו קאָן מען גע-פינען אויף יעדען בלעטיל פון שלום-עליכם׳ס ווערק).

און אָט דאָס שאַרפע אויג, וואָס אונזער שרייבער האָט פאַר דאָס אָבגעזונדערטע, און בעזונדערס פאַר דאָס קאָמיש-אָבגעזונדערטע, איז אויך איינע פון די אייגענטימליכקייטען, וואָס גיבען איהם די מעגליכקייט צו וואַריאירען זיין כתרילעווקע-טעמע אַ אויף טויזענד-ערליי אופנים און צו געבען אונז אָפט אָהן אַ שיעור מאָמענט-בילדער פון איין זעלבען דערזעלביגער פיגור, אַזוי, אַז אין דער יודישער ליטעראַטור איז נישטאָ קיין איין שרייבער, וואָס זאָל האָבען בעשאַפען אַזאַ גרויסע משפחה, אַזאַ עדה, קאָן מען זאָגען, פון אינדיווידואַליזירטע פּאַר-שוינען, ווי שלום-עליכם.

דעריבער איז דאָס אויפזוכען די אורבילדער, אַזוי צוזאָגען די טאַטעס פון דער „בעפעלקערונג", וואָס פילט אָן די ערד, וועלכע שלום-עליכם האָט בעשאַפען, — נאָר אַ האַלבע אַרבייט; די אַנדערע העלפט איז — דאָס אויפצעהלען און סאָרטירען און בעשרייבען די צעהנ-

---

אבער זיכטליך די לאַנגע פערפלאָנטעטע מאָנאָלאָגען פון זײנע פּאַרשוינען, איז — דאָס לאָזען איבערחזר׳ן נאָך געוויסע הפסקות איין און דאָס זעלבינע וואָרט אָדער ווערטיל; דאָס „צוטשעפען זיך" צו איין וואָרט איז בכלל כאַראַקטעריסטיש פאַר דער פאָלקס-שפּראַך און ש. ע. נוצט עס אָפט אויס. א שטייגער.. . אז ס׳איז געקומען צו דער רעטאָנדע, מען זאָל פערקויפען די רעטאָנדע, זאָגט די מאַמע: אלסדינג וועט זי פערקויפען, נאָר נישט די רעטאָנדע; פרעגט זי דער טאַטע: אויף וואָס דאַרפסטו די רעטאָנדע? אין אמעריקע דאַרף מען נישט קיין רעטאָנדע א. אז. וו. (מאָטעל דעם חזנ׳ס).

טרעפֿ העכֿער 'און וואָס ער טראָגט זיך אַרום שוין אפילו מיט אַלגע-מיינע פלענער (הגם עס בלייבט ביי די פלענער) צו רעפאָרמירען דעם יודישען טעאַטער און צו שאַפֿען אַ יודישע קונסט — לעאָ ראַפּאַלעסקאָ איז אַ שאָטען, נישט קיין לעבעדיגער מענש; לעאָ ראַפּאַלעסקאָ איז די לעצטע און די העכֿסטע מדרגה, וואָס שלום-עליכם האָט געפּרובט אַרויסברענגען אויף איהר זיין קינסטלער-טיפּ, און אָט דער לעאָ האָט זיך איהם גאָרנישט איינגעגעבען.

און אַ חוץ דעם דאַרף מען געדענקען, אַז אויך דעם דאָזיגען טיפּ, אַזוי ווי דעם מנחם-מענדיל'שען, האָט ער געמיהט זיך צו אינדי-ווידואַליזירען. וואָרום הגם דער פידעלשפּיעלער סטעמפּעניו, דער זינגער יאָסעלע און דער שוישפּיעלער ראַפּאַלעסקאָ זענען אין גרונד גענומען איין און דערזעלביגער טיפּ, זענען זיי דאָך דריי גאָר בעזונדערע פּאָרטרעטען. — —

און מען קאָן זאָגען דעריבער, אַז שלום-עליכם, ווען ער וואָלט געווען אַ מאַלער, וואָלט ער געווען אַ ערשט-קלאַסיגער קאַריקאַטוריסט און פּאָרטרעטיסט און עס איז קיין קשיה נישט, ווי אַזוי קאָן מען פעראייניגען די קאַריקאַטור, וואָס שטעלט די טראָפּ אויף דאָס טיפּישע, מיט דעם פּאָרטרעט, וואָס דער עיקר ביי איהם איז דאָס אינדיווידועלע געזיכט. אין שלום-עליכם'ן זענען פּאַקטיש פעראייניגט אָט דיביידע סתירות, ער האָט די פעהיגקייט אויסצוטיילען און אָבצוזונדערן יעדען פּאַרשוין פון דער קופּע מענשען, וואו ער בעגעגענט איהם, אָנצובינדען איהם ערגיץ אויף אַנ'אבר אָדער אויף אַ בגד אַ סימן, מיר זאָלען איהם דערקענען און נישט פערבייטען אויף אַנ'אַנדערן, — און אין דער זעל-ביגער צייט לאָזען אין זיין אינדיווידועלען בילד עפּיס אַלגעמיינעס, אַ פערבאָרגענעם פאָדעם, וואָס פערבינדעט איהם מיט דער סביבה, פון וואַ-נען ער שטאַמט.

און דאָס אייגענע איז ביי איהם אויך אין דער שפּראַך. דאַכֿט זיך יעדער רעדט ביי איהם אויף זיין אייגענעם לשון, יעדערער האָט זיך זיינע אייגענע ווערטליך מיט זיינע אייגענע פסוקים, דאָך פיהלט זיך אין זיי אַלעמען דער אַלגעמיינער אונטער-טאָן, די נשמה פון דער פאָלקס-שפּראַך *). ביידע זאַכֿען זענען פאַראַן, אַלזאָ, אין זיין שריי-

*) אייגנס פון די מיטלען, דורך וועלכע שלום-עליכם מאַכֿט ריטמיש און קאָמיש

אויב נישט קיין אינדיווידואַליזירטע פּאָרטרעטען פון דעם טיפּ מנחם-מענדיל?

אַ חוץ מנחם-מענדיל האָט שלום-עליכם נאָר נאָך איין טיפּיש געשטאַלט (ווען מען זאָל נישט רעכענען די געשטאַלט פון אַ יודי-שער פרוי, וואָס ער האָט אונז געגעבען אין די „יודישע ראָמאַנען" און וואָס איז נישט איבעריגס אינטערעסאַנט) געפּרובט שאַפען אין דער ראָמאַן-טרילאָגיע: „סטעמפּעניו" — „יאָסעלע סאָלאָוויי" — „בלאָנדזשענדע שטערן": דאָס איז די קינסטלער-געשטאַלט, וואָס שטאַמט פון דער שוין פריהער כאַראַקטעריזירטער יודישער באָהעמע. זי שפּיעלט ביי איהם די ראָליע פון אַ העלד, נישט פון אַ געוועהנליכען פּאַרשוין. אין איהם איז נישטאָ קיין קאָמישע שטריכען, און ער איז אויך נישט הומאָריסטיש, — ער איז פערקעהרט, פּאַטעטיש, הערא‌איש. ער איז אָבער נישט קיין אַקטיווער העלד, נאָר, פערקעהרט, אַ ליי-דענדער, אַ פּאַסיווער (דאָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר שלום-עליכמ'ן). פון קינדהייט אָן שוועבט ער אַרום אין אַ וועלט פון חלומות — און כל זמן ער לעבט בלייבט ער אַ קינד און אַ בעל-חלומות: מיט שטאַרקע געפיהלען און אַ שוואַכען כאַראַקטער; מיט אייביגע שטרעבונגען — און אָהן אַ ציעל; מיט אַ אייביגען זוכען — און אָהן אַ וועג; מיט אַ שטענדיגער בענקעניש — און אָהן אַ בעפרידיגונג; מיט די אויגען, מיט דער נשמה אין הימעל, אין די עולמות עליונים פון קונסט און פּאָעזיע און נגינה, און מיט די פיס — אין זומפּ, וואוהין עס פערפיהרען איהם אַנדערע, שטאַרקערע, פּראַקטישערע, וואָכעדיגע-רע פון איהם... קורץ, אַ שענער, אַ הויכער סאָרט העלד, נאָר אַנ'אומ-גליקליכער, אַזאַ, וואָס רופט אַרויס ביי'ן לעזער מיטלייד און בעוואונ-דערונג, אַזאַ, וואָס שטעלט צופריעדען אי די פאַנטאַזיע, אי דעם סענטימענטאַליזם פונ'ם פאָלקס-מענשען... אָט דעם מין קינסטלער-טיפּ האָט שלום-עליכם געפּרובט שאַפען, אָבער די דאָזיגע פּראָבע האָט זיך איהם נישט גאָר גוט איינגעגעבען, זי האָט זיך איהם נישט געקאָנט גוט איינגעבען! דאָס הומאָריסטישע און דאָס סענטימענטאַלע לאָזט זיך נאָך פאָרען, אָבער דאָס הומאָריסטישע און דאָס פּאַטעטישע — דאָס נישט! אין סטעמפּעניו און יאָסעלע סאָלאָוויי איז נאָך פאַרהאַן אַ ביסעל קינסטלערישעס פלייש און בלוט: זיי שטעקען נאָך אינ'ם אַרומי-גען מיליע און זענען נאָך נישט אַזוינע „העלדען"; לעאָ ראַפּעלעס-קאָ אָבער, וואָס שלום-עליכם האָט געוואָלט איהם אויפהויבען מיט אַ

צניעות׳דיג אין בעכּערל, נאָר אָט האָט זיך ברייט און יוגענדליך און לוסטיג צעלאַכט דער ווייטער מאַי... וואָרום אויב עס איז ריכטיג, וואָס איינער אַ קריטיקער האָט געזאָגט, אַז אין מענדעלי׳ן לעבט אַ וואָלינער מיט אַ ליטוואַק צוזאַמען, איז אַנ׳אמת אויך דאָס, אַז אין שלום-עליכם׳ן איז קיין קיין זכר נישטא פונ׳ם כּמו-רען, אין גדאַנקען פּערזענלעכקייט ליטוואַק, און אויב מענדעלי האָט אונז געגעבן אַ סך-הכּל, אַזוי צו זאָגן, אַנ׳אַלגעבּראַאישע פאָרמעל פונ׳ם יודישען לעבען, האָט אונז שלום-עליכם געוויזען נאָר איינציגע (לערפאַר אָבער קאָנקרעטערע) שורות ציפער, וואָס מען דאַרף זיי ערשט בע׳חשבונ׳ען... דער דאָזיגער אונטערשיעד צווישען מענדעלי׳ן און שלום-עליכם׳ן ווייזט אונז דעם עצם מהות, דאָס אונטערשטע און אינווייניגסטע פון זייער ביידענ׳ס שאַפען. מיט אַנדערע ווערטער קאָן מען עס אויסדריקען אַזוי: ביי מענדעלין ווערן מיר געפיהרט פון כּלל צום פּרט; ביי שלום-עליכם׳ן, פערקעהרט, פון פּרט צום כּלל; מענדעלי גראָבט זיך צום שורש, וואָס פון דאָרט ציהט זיך דער זאַפט צו די צווייגען; שלום-עליכם פערקוקט זיך אויף די צווייגען און אויף יעדעס איינציג בלעטיל אַפילו; הכּלל — ביי מענדעלי׳ן הערשט דאָס טיפּישע, ביי שלום-עליכם׳ן, — דער פּאָרטרעט.

אויך ביי מענדעלי׳ן איז פאַרהאַן ווייניג אָבּגעזונדערטע טיפּען, ביי איהם איז אָבער אַלץ טיפּיש, „אַלגעבּראַאיש״, פונ׳ם ערשטען וואָרט ביז׳ן לעצטען. ביי שלום-עליכמ׳ן איז אויך דאָס טיפּישע פּאָרטרעטיזירט (אינדיווידואַליזירט). אַנ׳אויסנאַהם איז מנחם-מענדיל מיעהופּעץ. אינטערעסאַנט איז אָבער, אַז דער דיכטער האָט זיך נישט בערוהיגט, וואו ער האָט געבען דעם טיפּ מנחם-מענדיל נישט אויסגעמאָלט אויך אַ גאַנצע שורה פּאָרטרעטען זיינע: מנחם-מענדיל אַליין צייגט אונז אין זיינע בריוועלעך אַ גאַנצע קאָלעקציע פון זיינע חברים מעקלערס און שפּעגעלאַנטען („דער יודעל פון קאַמעניץ״, „דער יוד פון די זאַוואָדען״, „טענדעווערענדעס״, „טודרוס״, „לייבע לעבעלסקי״). איינעם פון זיי, דעם „מוצלח״, האָט ער זיך געפּרובט אפילו „בעשרייבען״, ווען ער האָט זיך שפּעטער גענומען פאַר דער „בכבוד׳יגער פּרנסה״; און וואָס איז מאַלקין פונ׳ם „מבול״, אָדער אליהו, מאָטעל דעם חזנ׳ס ברודער, אָדער בראָנזענטאַלער פון דער „פּרעהליכער קאָמפּאַניע״, אָדער מיה׳טער שוואַלב פון די „בלאָנדזשענדע שטערן״,—

געוואויגען, ווי ביי מענדעלי׳ן. ווען מיר לייענען אין „פעסיל דעם רבינ׳ס״, ווי פ י י וו ע ל „שיט ווי פון אַ זאַק, עס גיסט זיך ביי איהם ווי פון אַ פאַס, און עס ציהט זיך ביי איהם אָהן אַנ׳אָבשטעל און אָהן אַנ׳אויסלאָז, ווי ביי יענעם פּאָקוסניק, וואָס ציהט אלערליי סטענגעס פונ׳ם מויל, רויטע, גרינע, געלע, בלויע און מען ווייסט נישט, ווען לאָזט זיך אויס ביי איהם רויטע, און ווען הויבט זיך אָן גרינע, ווען לאָזט זיך אויס געלע און ווען הויבט זיך אָן בלויע״, — דוכט זיך אונז, אַז אַזוי ריידען אייגענטליך אַלע פּאַרשוינען שלום-עליכם׳ס, נישט נאָר פייוועל כל-בו׳ניק, —און אַזוי שרייבט אויך שלום-עליכם אַליין. ער גיט דעם שטאָף זיינעם די פולע פרייהייט, ער עפענט איהם אויף טהיר און טויער, ער ווייזט איהם קיינע גרענצען נישט אָן, און זעהר אָפט גיסט ער זיך אַריין, דער שיטערער פליסיגער שטאָף, אין זיין ווערק און פערפלייצט איהם פון אַלע זייטען ביז איבער די ברעגען, און עס דוכט זיך אויס, אַז מיר געפינען זיך נישט אין אַ טעמפעל פון קונסט, נאָר אינ׳ם כאַאָס פון לעבען, אַזוי ווי ווען נאָך איידער עס האָט אַרויס-געקלונגען דאָס געטליכע גרענצען-און-פאָרמען-שאַפענדע „יהי אור!״, וואָלט שוין דער שטאָף, דער כאַאָס, בעקומען לשון און אָנגעהויבען צו ריידען.

און אויך דאָ איז שולדיג געוויס נישט נאָר די צורודערטקייט, דאָס נע-ונד זיין, דער תהו-ובהו צושטאַנד פונ׳ם „נייעם כתרילעווקע״, וואָס שלום-עליכם שילדערט, און נישט נאָר דער נ אַ ט ו ר אַ ל י ז ם, וואָס איז ביי איהם אַ קונסט-מעטאָדע, נאָר אויך אַלץ די אייגענע פ אַ ס י ו ו י-ט ע ט פון דער הומאָריסטישער נאַטור, וועלכע האָט נישט אין זיך די שטייפקייט צו נעהמען דעם צולאָזענעם „שטאָף״ אין האַנד אַריין און לערנען איהם דרך-ארץ...

און פון אָט דער פ ע ר ש י ע ד ע נ ע ר ב ע צ י ה ו נ ג צום שטאָף (נישט נאָר פון דער פערשיעדענהייט פונ׳ם שטאָף גופא) ביי שלום-עליכם׳ן און מענדעלי׳ן — נעהמט זיך דאָס, וואָס ביים ל ע צ ט ע ן אין די ווערק פיהלען מיר זיך, ווי אין אַ סאָד זומער, וואו מען הערט דעם זאַפטיגען רוהיגען אָטעם פון די צייטיגע פירות, וואָס קוקען שווער און מיט חשיבות אַראָב פון די צו דער ערד אַראָבגעזונקענע צווייגען. אין דער צייט ווען אין שלום-עליכם׳ס לוסטיגען גאָרטען פלאַטערט אום לייכט און פריש די גרינע גרינקייט פון אָנהויב פריהלינג. די שטילע שפעטערדיגע בליהונג פונ׳ם פרוכט-בוים בעהאַלט זיך נאָך

אויפ׳ן וועג, דער שטעקן אין האַנד, דאָס פעקיל אויף די פּלייצעס, אַנ׳עדה, וואָס שטעהט אויף דער גרעניץ צווישען פערשיעדענע לענדער און פערשיעדענע תקופות,—קאָן מען נישט זיין אַזוי איינגעשלאָסען אין זיך און אַזוי ריטמיש, ווי ווען מען שטעהט, ווי מענדעלי, אין אַ סביבה, וואָס הגם זי מאַכט שוין איהר סך-הכל, ליעגט זי דאָך נאָך אין די אייגענע גרעניצען און קיין שאָטען פון דרויסען פערשטעלט נישט איהר נאַטירליכע פּאַרב... פערגלייכט מען די שפּראַך,—ריכטיגער: די שפּראַכען — וואָס שלום-עליכם געברויכט אין די פערשיעדענע ווערק זיינע, מיט דעם שטרענגען, געשטעלטען, געטאָקטען, אומפערענדערליכען, סטיליזירטען לשון מענדעלי׳ס,—זעהט מען ערשט דאַן דעם חילוק צווישען אַ שפּראַך פון מענשען, וואָס זיצען אויפ׳ן אָרט, אָבגעטיילט פון דער גאַנצער וועלט אַרום, און אַ וואַנדער-שפּראַך, וואָס אויפ׳ן וועג מישען זיך צו צו איהר כל׳ערליי עלעמענטען פון אַרום.

דער וואַנדער-וועג פון שלום-עליכם׳ס שפּראַך פיהרט אָבער נישט נאָר פון שטאָדט צו שטאָדט און פון לאַנד צו לאַנד, נאָר אויך פון קלאַס צו קלאַס און פון תקופה צו תקופה: נישט נאר רעדען ביי איהם די ניויאָרקער יודען אַנדערש ווי די מאַזעפּעווקער, די יעהופּעצער אַנדערש ווי די כתרילעווקער, די בעסראַביער אַנדערש ווי די ליטוואַקעס,—אויך די פאַרשוינען פון פערשיעדענע קלאַסען, פון פערשיעדענע פּראָפעסיעס זענען פאָרגעשטעלט ביי איהם יעדער מיט זיין לשון, און די דאָזיגע פאַרשוינען גופא האָבען אָהן דעם ציוניזם גערעדט אַנדערש ווי מיט איהם, פאַר דער רעוואָלוציע — נישט אַזוי ווי נאָך איהר.

און נישט נאָר די פאַרשוינען זיינע, — ער אַליין האָט זיין שפּראַך געענדערט, געבויגען אין אַלע זייטען פאַר דאָס לעצטע צעהנדליג יאָהר. און דאָ האָט שוין געוויס געווירקט נישט אַליין די אָביעקטיווע סבה, וואָס מיר האָבען פריהער דערמאָהנט, נאָר אויך די אינוועניגסטע עלאַסטיציטעט פון זיין נאַטור, יענע פעמינינישע בייגעוודיגקייט און צופּאַסונגס-פעהיגקייט, דורך וועלכער ער שיידט זיך אַזוי שטאַרק אָב פון מענדעלי׳ן מיט זיין שטרענגען, געשטעלטען, פונדאַמענטאַלנעם, מענליכען כאַראַקטער.

די דאָזיגע בויגעוודיגקייט שרום-עליכם׳ס ווייזט זיך אַרויס נישט נאָר אין דער פּאַסיוויטעט פון זיין סטיל, וואָס לאָזט צו צו זיך כל׳-ערליי ווירקונגען פון דער זייט; זי ווירקט אויף זיין גאַנצען שטייגער שרייבען, וועלכער איז, ווי געזאָגט, קיינמאָל נישט אַזוי געמאָסטען און

אַזוי, אַז פון דעם אָרימען איינטאָניגען כתרילעווקע איז געוואָרען אַ אונענדליכע פּאַנאָראַמע פון מאַלערישע סצענעס, בילדער, פּאָרטרעטען און קאַריקאַטורען; די איין-און-איינציגע טעמע איז, אַזוי ווי יענעס קריגעל בוימעל, געבענשט געוואָרען און זי שעפּט זיך גאָר נישט אויס... זי בייט די קאָליערען און ענדערט זיך, אַזוי ווי גלאָז-ברוך געגען זון, אויף טויזענדערליי אופנים... אָט זעהען מיר זיי, די כתרילעווקער פּאַרשוינען, ביי זיך אין דער היים, ווי זיי לעבען איינס פון׳ם אַנ-דערן, האָבען נחת פון קינדער און צער גידול בנים, קריעגען זיך פּאַר דרייפוס׳ן און דערצעהלען פון רויטשילדען; אָט בעגעגענען מיר זיי אין בויבעריק אויפ׳ן דאַטשע; און אָט ווערט אויף זיי פּלוצלונג אַ בהלה און זיי אַנטלויפען פון כתרילעווקע און טרעפען זיך אָן אויפ׳ן וועג מיט קאָזאָדאָיעווקע, און אָט שפּרעכען זיי אויפ׳ן פּתח דייטש אין „לעמ-בערג", האָבען צו טון אין וויען מיט דער „אַליאַנץ" און מיט „עזרא" אין אַנטווערפען און אָט כאַפּט גאָר איינער פון זיי „די גראָבע עט-ליכע טויזענדער" און לאָזט זיך אַוועק אין די „וואַרעם-בעדער", און עס וואַקסט גאָר אַ שפּאָגעל נייעס כתרילעווקע און עס רופט זיך „מאַר-יענבאַד"... אָט אַזוי פערשפּרייט זיך כתרילעווקע גאָר להבדיל אַזוי ווי לעתיד לבא ארץ ישראל, איבער אַלע לענדער פון דער וועלט, און אויב מיר האָבען געזאָגט פריהער, אַז שלום-עליכם און מענדעלי — ביי-דע שילדערן כתרילעווקע, מוזען מיר צוגעבען, אַז נאָר אין דער צייט פון „סטעמפעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי" איז געווען נאָך ביידענס כתרילעווקע גלייך, נאָר דאַן, ווען אַ חוץ די אָרימע לייט, וואָס געה-ען איבער די הייזער, זענען די חזנים, שפּיעלער און מגידים געווען כמעט די איינציגע כתרילעווקער, וואָס האָבען „געררייזט". שפּעטער אָבער, אַז די כתרילעווקער זענען כמעט אַלע געוואָרען היימיש אין די וואַגאָנעס און האָבען זיך אַ לאָז געטון מיט קינד און קייט אין דער וועלט אַריין, שפּעטער האָט שלום-עליכם׳ם כתרילעווקע, הגם עס איז אין תוך גענומען געבליבען די אייגענע, וואָס ביי מענדעלי׳ן, אָנגעהוי-בען דאָך צו ענדערן איהר געשטאַלט און צו ווייזען זיך יעדע ווײַלע אין אַ נייעם קאָסטיום, מיט אַ נייער מאַסקע...

און עס קאָן זיין, אַז טאַקע דאָס איז די סבה, וואָס ביי שלום-עליכם׳ן איז נישטאָ יענע שענע, הגם עטוואָס איינאַרטיגע קיילעכדיג-קייט, יענע קלאַסישע אָבגעשלאָסענקייט און יענע געזעצטקייט, וואָס ביי מענדעלי מוכר ספרים. ווען מען שילדערט אַנ׳עדה, וואָס שטעהט

יודען האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען זייערע געשעפטען אין וואַגאָן, און יעדעס מאָל, ווען מנחם-מענדיל האָט זיך געקליבען צו קומען צוריק אַהיים צו שיינע שיינדלען מיט די קינדערליך, פלעגט זיך איהם מאַכען מעשה-שטן עפּיס אַ גילדענעס געשעפט אין וואַגאָן, און ער פלעגט בלייבען ווידער ווייט פון כתרילעווקע — — — אָבער כתרילעווקע אַליין האָט זיך אָנגעהויבען צו רוקען אַלץ נעהנטער צו יעהופּעץ, זי האָט זיך געמאַכט אויף איהר אייגענעם שטייגער אַ טראַמוויי („כתרילעווקער טראַמוויי") און אפילו אַ טעאַטער („כתרילעווקער טעאַטער"), און זינט מען האָט אויפגעהערט צו בעטען זיך ביי כתרילעווקער קינדער, זיי זאָלען געהען אין די „שקאָלעס" אַריין, האָבען זיי זיך אָנגעהויבען צו שטופען אַהין אַליין מיט מסירת נפש, און אַפילו שיינע שיינדעל די יענטע האָט אָנגעהויבען זיך נאָכצופרעגען אין איהרע בריוועלעך אויף דרייפוס'ן און אויף די, וואָס פערשרייבען זיך קיין ארץ-ישראל, — און מנחם מענדיל אין זיין לעצטען בריוועל מאַכט שוין גלייך אַ שפּרונג קיין האַמבורג, און פון דאָרט וועט ער פאָהרען קיין אַמעריקאַ, וואוהין „די גאַנצע וועלט פאָהרט איצט", און פון אַמעריקאַ וועט ער שיינע שיינדלען שיקען שיפסקאַרטען פאַר איהר און פאַר די קינדער... קורץ, כתרילעווקע האָט זיך געלאָזען אין וועג אַריין... און וועגען אָט דער נייער רייזע פון די נייע „בנימין השלישי'ס" איז ביי שלום-עליכם'ן פאַראַן שוין אַ גאַנץ בוך, — דאָס זענען די שוין פריהער דערמאָהנטע גאָלדענע כתבים פון מאָטעל דעם חזנ'ס יונגעל... אַמעריקאַ, און ווי כתרילעווקע זעהט דאָרט אויס, האָט ער אונז געשילדערט אין זיין גרויסען ראָמאַן „בלאָנדזשענדע שטערען" — — — און אָט דערפאַר, וואָס ער פערנעהמט זיך שוין נישט אַזוי מיט דעם אַלטען, רוהיגען, פערגליווערטען, פערשלאָפענעם כתרילעווקע, ווי מיט כתרילעווקע אויף דער רייזע, מיט כתרילעווקע, וואָס מיט געוואַלד האָט מען עס אויפגעוועקט פון שלאָף, געגעבען אַ שטעקען אין דער האַנד און געהייסען זיך לאָזען אין וועג אַריין, — אָט דערפאַר נעהמט זיך נישט אויס ביי איהם קיין שטאָף, וואָרום הגם מיר זעהען אומעטום אַלץ די אייגענע פּאַרשוינען, און עס שפּיעלט זיך אָב פאַר אונז אַלץ די אייגענע קאָמעדיע, — די טרויעריגע קאָמעדיע פונ'ם כתרילעווקער יודען, וואָס בלייבט געטריי זיין כתרילעווקער היים, הגם ער איז שוין לאַנג פון איהר פּעריאָגט געוואָרען, —ביימען זיך דאָך, אַ דאַנק די וואַנדערונגען, — די דעקאָראַציעס, דער הינטער-גרונד און די בעלייכטונג,

לעבן דעם פאָרהאַנג פון דער צעזייט-און-צעשפּרייט-קאָמעדיע, לאָזט נאָך אַלץ נישט שטיל ווערען דעם — צווישען שטעדטיל און שטאָדט געבוירענעם — מאָנאָלאָג פון „גימנאַזיע", צו ענדע ברײנגען די — אויך דאָרט אויסגעוואַקסענע — כּתבים פון מאָטעל דעם חזנ'ס, מעשיות פון סביה דעם מילכיגען, בריעף פון מנחם-מענדיל מיעהופּעץ...

ווען כּתרילעווקע וואָלט געווען די אייגענע כּתרילעווקע, וואָס אַ מאָל, שטיל און אונבעוועגליך, ווי דאָס געמויזאַכטס, וואָלט שלום-עליכם אפשר גאָר נישט געהאַט אַזוי פיעל שטאָף פאַר זיינע מעשיות. אומשטיינס-געזאָגט, וואָס מען קאָן דאָרט הערען און זעהען ביי די קליינע מענשעלעך מיט די קליינע השגה'לעך; איז אָבער דער דיכ-טער מיט'ן שאַרפען אויג און נאָך שאַרפערען חוש השמיעה געקומען דוקא אין דעם מאָמענט, ווען כּתרילעווקע האָט זיך גענומען ריה-רען פון אָרט, ווען אַזוי ווי עפּיס אַ פרעמדע פערבאָרגענע האַנד האָט אַריינגעוואָרפען אַהין אַ שטיק הייוען, און עס האָט אָנגעהויבען צו „יאוירען". די כּתרילעווקער האָבען אָנגעהויבען צו בעקומען פון דער וועלט אַלץ פרישערע און אַנדערע נייעס: — אַז ס'איז פאַרהאַן דאָרט אַ באַהן, האָבען זיי אין אָנהויב אַפילו נישט געוואָלט גלויבען: „וויס איך, האָבען זיי געזאָגט, דאָס האָבען פוסטע מענשען אויסגע-טראַכט", און אַז איינער האָט זיי געשוואוירען, אַז ער איז אַליין מיט דער באַהן געפאָהרען, האָבען זיי זיך דאָך געהאַלטען פאַר דאָס זייעריגע, אַז „ס'וועט נישט אויסגעהאַלטען ווערען". פאַוואָלינקע אָבער האָט זיך צוגערוקט די באַהן ביז צו כּתרילעווקע, זיי האָבען עס דערזעהן מיט די אייגענע אויגען, און צי עס איז זיי געפעלען געוואָרען, צי נישט, — נאָר פלוצלונג האָט זיי אָנגעהויבען ענג צו ווערע אין כּתרילעווקע, און עס האָט זיי אָנגענומען דער חשק זיך דורכצופאָהרען מיט דער באַהן, און ביסלעכווייז האָט מען זיי אָנגעהויבען צו בעגעגענען אין די וואַגאָנעס, און ביסלעכווייז האָבען זיי זיך אָנגעהויבען דאָרט צו פיהלען, ווי פיש אין וואַסער, זענען געוואָרען אַזוי היימיש, אַזוי ברייטליך האָבען זיי זיך צולעגט דאָרט, אויף די בענק, אַז דער וואַגאָן האָט אָנגעהויבען אויסצוזעהען, ווי אַ שטיק כּתרילעווקע, וואָס האָט זיך אָבגעריסען פון פונדאַמענט און געלאָזען זיך לויפען, הענדום, פּענדום, ווי אַ ווילדער רוח, אין דער וועלט אַריין, ער האָט אָנגעהויבען אויסצוזעהען, ווי כּתרילעווקע אויף דער רייזע, — און שלום-עליכם האָט די כּתרי-לעווקער געשיכטען געקאָנט שוין אָנרופען פשוט „אייזענבאַהן-געשיכטען"...

און קיין יעהופעץ איז ער נאָר-וואָס געקומען — מעהר נישט דערפאַר פיהלט ער שוין די קליינקייט און קליינליכקייט פון כתרילעווקע, נאָך נישט אָבער די פוסטקייט פון יעהופעץ. די אונגעהויערע פוסטקייט קומט איהם פאַר דעריבער, ווי אַ אונגעהייערע רחבות, די שפעקולאַנטען- און מעקלער-שטאָדט ווערט אין זיין פאַנטאַזיע אַ שטאָדט פון גילדענע מעגליכקייטען, אַ שטאָדט פון טויזענד און איין נאַכט... דאָס איבערוואַקסען די ענג געוואָרענע גרעניצען פון קליינשטעדטיל און דאָס נישט-דערוואַקסען זיין צום נייעם גרויסשטעדטישען לעבען — אָט דאָס איז די אָביעקטיווע און סאָציאַלע זייט פון מנחם מענדיל׳ס קאָמעדיע, און אָט דער אָביעקטיווער און סאָציאַלער יסוד מאַכט די קאַריקאַטור פון מנחם מענדיל מיעהופעץ פאַר אַ קאַריקאַטור אויף דער גאַנצער געשיכטע פונ׳ם יודישען פאָלק אין מזרח אייראָפּע פאַר דער לעצטער תקופה, וואָרום סיי דאָס גשמיות, סיי דאָס רוחניות פונ׳ם יודישען פאָלק אין געטא לעבט איצט איבער אַ קריזיס טאַקע צוליעב דעם, וואָס דער חורבן פונ׳ם שטעדטיל, פון דער ביזהעריגער רעזידענץ פון דער יודישער אייגענאַרטיגקייט, האָט זיך אָנגעהויבען, ווען די שטאָדט, דער נייער מרכז פונ׳ם יודישען לעבען, איז מסוגל געווען אַריינצונעהמען אין זיך נאָר אַ טייל פון דער שטעדטיל-וואַנדערונג... אָט דאָ, אויפ׳ן וועג, וואָס פיהרט — און ברייננט נישט — פון שטעדטיל אין שטאָדט אַריין, אָט דאָ מאַכט איהר אָפּטען און פרעהליכען שפּאַציר די מוזע פון שלום-עליכמ׳ס הומאָר; אָט דאָ בעגעגענט זי זיך, נישט נאָר מיט מנחם-מענדלי׳ן, נאָר אויך מיט די אַנדערע פאַרשוינען; אָט דאָ קוקט זי זיך צו צו זייער קאָמישען הילוך, צו זייערע פעקלעך מיט די קלומקעס; אָט דאָ הערט זי זיך איין אין זייערע פערשפּיצטע און נאַרישע רייד, קוקט זיי אַריין אין די דערשראָקענע כיטרע און צוגלייך תמ׳עוואַטע בלאָנדזשענדיגע אויגען — גיט שטיל און אַמאָל בייזער אַ שמייכעל — און פליהט אַוועק... יאָ, קלאָר און דייטליך דאַרף געזאָגט ווערן, אַז דער חורבן פון כתרילעווקע, נישט כתרילעווקע, איז דער הויפּט-שטאָף פון שלום-עליכמ׳ס הומאָר, — דער חורבן פון כתרילעווקע, וועלכער איז אַ פּראָצעס, וואָס האָט זיך נאָך ביז איצט נישט געענדיגט און וואָס לאָזט נאָך אַלץ נישט צו-זיך-קומען דער צורודערטער און דערפאַר קאָמיש געוואָרענער מאַטעריעלער און גייסטיגער קולטור פונ׳ם יודישען פאָלק, לאָזט נאָך אַלץ נישט פאַ-

טראַסט צווישען אָט די בייזע וועלטען מאַכט יעדער איינציגע פון זיי קענטיגער, בולט'ער. ווען מען געהט איבער פון מנחם-מענדעל'ס אַ בריוועלע צו שיינע שיינדיל'ס, דערפיהלט מען תיכף גאָר אַנ'אַנדער לופט... דאָך איז פאַרהאַן עפּיס אַ אינוועניגסטע קרובה'שאַפט צווישען אָט די צוויי סאָרטען בריעף: אין איינעם ווערט געוויזען, וואָס ווערט פון די יעהופּעצער נייס, וואָס מנחם-מענדיל שרייבט, אין כתרילעווקע, וואָס פאַר אַ פּנים בעקומען זיי דאָרטען; אין דעם אַנדערן, פערקעהרט, זעהען מיר, וואָס ווערט פון אַ כתרילעווקער, ווען ער פאַלט אַריין אינ'ם הו-האַ פון יעהופּעץ. און אָט דאָס קרומע-לאָהמע אָבשפּיגלעניש, וואָס איין שטאָדט בעקומט אין דער שיין פון דער אַנדעדער, — מאַכט, אַז זיי זאָלען ווערעןביידע עהנליך איינס צו דאָס אַנדערע: אַז זיי זאָלען ווערען ביידע קאָמיש. און עס איז זעהר גוט (הגם עס איז מעהר נישט ווי אַ צופאַל, קאָן זיין), וואָס אין די לעצטע טיילען פון „מנחם-מענדל" זענען שוין נישטאָ מעהר קיין בריוועלעך פון שיינע שיינדיל: אין די לעצטע בריוועלעך זיינע הויבט מנחם-מענדיל אַליין אָן צו פיהלען זיין דערשלאָגענקייט, זיין שלים-שלימזל. ער ניכטערט זיך אויס אַ ווייל פון די יעהופּעצער גליקען און עס וואַכט אויף אין זיהם צוריק דער כתרילעווקער קליין מענשעלע מיט קליינע השגות, — עס ווערען אונז געוויזען די פעדים, וואָס ציהען זיך דאָך פונ'ם יודישען יעהופּעץ צו כתרילעווקע, און ממילא איז קיין אָרט נישטאָ דאָ פאַר די בריוולעך פון שיינע שיינדיל, וועלכע ווייזען, פערקעהרט, די פערפרעמדקייט צווישען אָט די ביידע מקומות... ערשט ווען מיר לייענען דורך מנחם-מענדיל'ס בריעף ביז'ן סוף זעהען מיר, ווי ווייט ער איז נאָך נישט אינגאַנצען קיין יעהופּעצער, קיין גרויסשטעדטיגער; ערשט דאַן זעהען מיר, אַז דער חילוק צווישען איהם און זיין ווייב בעשטעהט טאַקע נאָר אין דעם, וואָס זי איז נאָך אַנ'איינגעפונדעוועטע, אַנ'איינגעוואָרצעלטע כתרילעווקער'ן, וואָס זיצט, ווי אַ וואָרעם אין חריין און מיינט, אַז קיין זיסערס איז נישטאָ, ווערענד ער, וואָס שטאַמט אויך פון כתרילעווקע, איז ווי אַ הערבסט-בלאַט, וואָס דער ווינט האָט איהם שוין אָבגעריסען פון בוים, און איצט שוועבט ער אין לופטען, דער ווינט טראָגט איהם און יאָגט איהם אין אַלע פיער עקען, אָהן אַנ'אָבהאַלט און אָהן אַנ'אָנהאַלט..... און עס איז נישטאָ גאָר קיין ספק, אַז מעהר נישט דערפאַר, וואָס ער איז אָקאָרשט אַוועק פון כתרילעווקע

ביטען און קאָמבינירען איז געוואָרען אַ טויטע אויטאָמאַטישע רגילות, „אַבי נישט לעדיג צו זיצען", — זעהען מיר, ווי די זעלביגע געוועהנהייט וואַקסט אויס ביי מנחם-מענדיל פון יעהופעץ ביז צו אַ קולט, ביז צו אַ בלינדער און זיסער אמונה... צווישען די אַלע מינים ליגנערס, וואָס שלום-עליכם רעכענט אויס אין זיין „ערשטען ראָמאַן" איז פאַרהאַן איינער, „וואָס בשעת ער זאָגט אָב דעם ליגען מיינט ער אַליין, אַז ער האָט געזאָגט אַנ'אמת, און איז איבערצייגט, אַז יענער מיינט אויך, אַז ס'איז אַנ'אמת און בשעת מעשה האָט ער באמת הנאה". אָט צו דעם מין „ליגנער" געהערט מנחם-מענדיל, אָבער אייגענטליך איז ער שוין גאָרנישט קיין ליגנער, ער איז נאָר אַ „מענש, וואָס לעבט אינ'ם עולם הדמיון, אַ מענש, וואָס פאַנטאַזירט", אַ מחבר, אַ פּאָעט, אַ טרוימער: ווען ער רעדט וועגען געשעפטען, טראָגט איהם דער קאָפּ און עס ברענען איהם די אויגען, ווי אין אַ היץ-קרענק, ער איז שכור פון דער האָפנונג אויף „מיליאָנען", ווי פון אָפּיום, און ער איז קיין קאָפּ נישט מגזם, ווען ער שרייבט דעם ווייב, אַז מאָרגען געהט ער איהר קויפען בריליאַנטען און, אגב, וועט ער זיך אַראָבכאַפּען קיין וואַסילקאָוו און מאַכען דאָרט גילדע און באַלד וועט ער איהר קויפען אַ הייזעל אויף איהר נאָמען „פאַר אַ קערביל צוואַנציג טויזענד"... ער איז קיין האָר נישט מגזם, ער מיינט עס גאַנץ ערנסט, מיט'ן גאַנצען האַרצען, מיט'ן גאַנצען ברען פון זיין מזרח-פאַנטאַזיע, — און וואָס איז ער שולדיג, וואָס זיין ווייב שיינע-שיינדעל איז אַ כּתרילעווקער פּקחית, און הגם אין האַרצען גנב'ט זיך איהר אַריין אַ האָפנונג, וואָלט זי דאָך וועלען זעהען זיך מיט מזומנים, ווארום קרעפּלעך אין חלום, זאָגט די מאַמע איהרע, איז נישט קיין קרעפּלעך... נאָר אַ חלום... וואָס איז ער שולדיג, וואָס אינ'ם קליינשטעטדטיל כּתרילעווקע איז נאָך געבליבען אַ זכר פון יודישע געשטעלטקייט און איינגעזעסענקייט און וואָס דעריבער זענען די כּתרילעווקער חכמים טאַקע נישט מסוגל צו פערשטעהן די „מיליאָנען"-פלענער און די רויטשילד-פאַנטאַזיעס פון די יעהופעצער מעקלערס? ער אַליין אָבער מיינט עס זעהר ערנסט מיט די גילדענע געשעפטען, און פון אָט דעם קאָנטראַסט צווישען דעם פּראָזאַאישען כּתרילעווקע און די שיער נישט פּאָעטישע יעהופעצער לופט-שלעסער נעהמט זיך איינער פון די פיעלע קינעטלערישע חנ'ען, וואָס ליעגען אויסגעגאָסען אויף דער קאָרעספּאָדענץ צווישען מנחם מענדיל און שיינע שיינדעל: דער קאָנ-

לעווקער רעאַליזם; און אַזוי שטאַרק איז ער איינגעגלויבט אין די „מיל-יאָנען״, אַז ווען זיין גטליעבטע אָדעס, זיין פריהערדיגע דולציניאַ, נאַרט איהם אָב און ער כאַפּט אַ מאוס׳ען פּסק פון איהר מיט איהר בערזע, פערלירט ער נישט דעם מוט, ער גלויבט זיך איין גלייך אין יעהופּעץ, און אַז פון יעהופּעץ ווערט אויך גאָרנישט מיט נישט, האָפּט ער אויף וואַרשוי, — ער הערט נישט אויף צו האָפען און צו פאַנטאַ-זירען: יעדעס נייע בריוועלע זיינס צו זיין ווייב שיינע שיינדיל איז אַ התפעלות׳דיגע ענטפּלעקונג פון אַ נייער „אינזעל-אוטאָפּיע״! ניין, דאָס איז נישט קיין פּאַראָדיע אויף דעם יודישען בטחון: דער בטחון איז פּאַסיוו און רוהיג; מנחם מענדיל אָבער האַוועט און שמאַיעט און נישטערט און קאָכט זיך און זוכט אַלץ נייע גליקען. די יודישע מדה, וואָס איז פערקערפּערט אין איהם, ווי אין אַ גלענצענדער קאַריקאַטור, איז די מדה פון אוטאָפּיזם, וואָס ווירקט ביי אונז אי אין׳ם געזעל-שאַפטליכען, אי אין׳ם אינדיווידועלען לעבען; פון יענעם אומפראָ-דוקטיווען אוטאָפּיזם, וואָס טראָגט אַריין אַ ברען און אַן׳אימפּעט און אַן׳איילעניש און אַ זעלבסט-נאַרעריי און אַ גיכע אָבקיהלונג אין אַלץ, וואָס מיר טוען; פון יענעם היסטאָרישען אוטאָפּיזם, וואָס זעהט אויס ווי אַן׳אַנעמיש קינד מיט אַ גרויסען קאָפּ און דאַרע, ווי שטרוי-דינע פּיסלעך, און וואָס נעהמט זיך דערפון, וואָס זייענדיג אַ העני-דלער-און-פערמיטלער-פאָלק האָבען מיר זיך צוגעוועהנט צו קוקען אויפ׳ן לעבען נישט ווי אויף אַ פראָצעס (אַזוי ווי עס קוקט אויף איהם דער אַרבייטס-מענש), נאָר ווי אויף אַ שורה פון איינציגע אַקטען, וואָס אָדער זיי גיבען זיך איין אָדער נישט — עס ווענדט זיך אָן דער מזל׳דיגער שעה און אָן דער גליקליכער קאָמבינאַציע.

מנחם-מענדיל, ברייט פערשטאַנען, איז אָבער נישט נאָר אַ ביי-זע קאַריקאַטור אויף אָט דער „אוטאָפּיע״, וואָס זיין גאָט איז דער איינפאַל און זיין גאָטעס-דיענסט — די קאָמבינאַציע: אין מנחם מענדליי׳ן איז פאַראַן נאָך עפּיס אַזוינס, וואָס מאַכט איהם אונז שיער נישט סימפּאַטיש אין אַ געוויסען גראַד: דאָס איז דאָס, וואָס ער רעדט ווע-גען זיינע אונמעגליכסטע ווילדסטע פּלענער און פּראָיעקטען מיט דער אוי־פריכטיגקייט און תמימות פון אַ גלויביגען. יאָ, איך חזר איבער: אָט דאָס גופא, וואָס מאַכט איהם אַזוי לעכערליך, מאַכט אויך, אַז מיר זאָלען אַן׳אַנדער מאָל פון איהם פשוט גערירט זיין; וואָרום אויב ביי אלתר יכנה׳ן האָבען מיר געזעהען, ווי פון דער געוועהנהייט צו

איז אַ בלבול אָדער אַ נישט פערדינטער שבח... שוין מענדעלי מו"ס דערצעהלט אונז, ווי ער האָט מיט אלתּר יכנה"ז, ווען ער האָט זיך בעגעגענט מיט איהם אין וועג, געביטען תּחינות אויף בבאָ-מעשיות, מענה-לשון'ס אויף טויזענד און איין נאַכט, שיר-המעלות'ן אויף קמיע'-לעך... ביידע צדדים האָבען פונ'ם גאַנצען משא-מתּן. קיין גראָשען אין די אויגען נישט געזעהען און געבליבען שטאַרק צופריעדען, גלאַט פונ'ם האַנדעל אַליין; מען האָט דאָך געטון, געהאַנדעלט, געמאַכט געשעפ-טען, נישט געזעסען ליידיג.

שוין ביי מענדעלי'ן האָבען מיר געזעהען אַלזאָ, אז דאָס, וואָס מיר האָבען נישט קיין וואורצלען אין דער ערד און דאָס, וואָס אין אונזער פאָלקס-אָרגאַניזם לעבט איין פונקציע, די האַנדעלס-און בייט-פונקציע, אויפ'ן חשבון פון אַלע איבעריגע, מוז עס פיהרען דערצו, אַז דער ענין פון בייטען, פון קויפען-און-פערקויפען, פון מעקלערן און סרסור'ן און שווינדלען (אויך אין דער גייסטיגער ספערע) זאָל ווע-רען ביי אונז אַ געוועהנהייט, אַ הצטרכות, אַ ליידענשאַפט, אַ קליפּה, אַ כּח, וואָס טרייבט אונז צו טון עס מיט גוואַלד, על פּי אימפּעט, צי מיר דאַרפען עס, צי נישט... נאָר ביי מענדעלי'ן איז עס מעהר נישט, ווי אַ שטריך אינ'ם כאַראַקטער פונ'ם יודען; ביי שלום-עליכם'ן איז עס אויסגעוואַקסען ביז צו דער מדרגה פון אַ טיפּ. פון דער „נישט אויסגעקלערטער פיגור", וואָס דער אויטאָר האָט, ווי ער דערצעהלט אין דער פריהער-דערמאָנטער פאָררעדע, בע-געגענט „אינ'ם 1892 יאָהר אויף דער אָדעסער קליינער בערזע", — איז געוואָרען די אַלגעמיינע „פלאַטאָנישע אידעע" פון דער יודישער „פּרנסה"; מיר האָבען דערזעהן פאַר זיך נישט סתּם אַ שלימ'מזל'ניק, וואָס פערשטעהט נישט קיין געשעפט און וואָס איהם געהט שלעכט אין געשעפט, נישט סתּם אַ לופט-מענשען, אַ דרעה-קאָפּ; מיר האָבען דערזעהען פאַר זיך דעם בלינדען ענטוזיאַסט פון דעם עקאָנאָמישען מעשה-עונן, דעם דאָן-קישאָט פון דער „קליינער בערזע" אין אָדעס, דעם נאַאיווען און איינגעשפּאַרטען פאַנטאַסט, וואָס ווען שיינע שיינדעל פון כּתרילעווקע, דער ווייבערשער סאַנטשאָ-פּאַנטשאָ, שרייבט איהם, ער זאָל נישט זיין קיין משוגע'נער, זאָל „אָבשניידען פון די געשעפטען" און קומען צוריק אַהיים, קיין כּתרילעווקע, — ענטפערט ער איהו' גאָר אפילו נישט אויף דעם, דערמאָהנט גאָר וועגען דעם נישט. אַזוי ווייט איז ער פון זיין כּתרילעווקער ווייב מיט איהר כּתרי-

יאָ, דער ווערט פונ׳ם איינציגאַרטיגען „בריעפּענשטעלער״, וואָס רופט זיך אָן „מנחם-מענדיל״, ליגט דערין, וואָס פון דעם פּרנסה-קאָמיזם פון דעם קלאַס לופט-מענשען איז געוואָרען אַ גייסטעס-קאָמעדיע פון אַ גאַנ-צען פאָלק. און געשעהען איז עס נישט צוליעב דער גרויסער ראָליע, וואָס דער דאָזיגער קלאַס מענשען שפּיעלט אין דעם לעבען פונ׳ם גאַנצען פאָלק, נאָר וויייל אַזוי ווי אין „טביה דעם מילכיגען״ האָט דער דיכטער אונזערער פון דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם וואָלינער ישוב׳ניק זיך אויפגעהויבען ביז צו אַלגעמיין-מענשליכע געפיהלען, אַזוי האָט ער זיך דערגרונטעוועט אין די בריוועלעך פון דעם יעהופּע-צער שלימ-מזלניק ביז צו אַלגעמיין-יודישע כאַראַקטער-שטריכען. „די יודישע פאָלקס-משוגעת אין דער געשטאַלט פון אַ יודישען סוחר׳ל״, — אַזוי כאַראַקטעריזירט מנחם-מענדל׳ין בעל-מחשבות, וואָס זיין (ערטערוויז פּאַרטייאישער) אַרטיקעל וועגען אָט דעם ענין איז אַנ׳אוצר, פון וועלכען עס מוז שעפּען, ווילענדיג נישט ווילענדיג, יע-דערער, וואָס פּרובט געבען אַ פאָלשטענדיג בילד פון שלום-עליכם׳ס שאַפען... „אַ פאָלקס-משוגעת״, וואָרום שוין תיכף אינ׳ם ערשטען בריעף מנחם-מענדעל׳ס ווען איהר לייענט: „שטעל דיר פאָר, איך געה מיר אַרויס מיט׳ן שטעקיל אין גרעצק אַריין, אַזוי הייסט דאָ אין אָדעס די גאַס, וואו יודען האַנדלען, האָב איך צוואַנציג טויזענד גע-שעפטלעך; וויל איך ווייץ — איז ווייץ, קלייען — איז קלייען, וואָל — איז וואָל, מעהל, זאַלץ, פעדערן, ראָזינקעס, זעק, הערינג, — הכלל, וואָס אַ מויל קאָן אויסרעדען, געפינסטו אין דעם אָדעס״, — ווען איהר לייענט אָט די התפעלות׳דיגע רייד מנחם-מענדעל׳ס וועגען דעם רחבות פון אָדעסער געשעפטען, דערפיהלט איהר גלייך, אַז איהר האָט דאָ צו-טון נישט מיט אַ יודען, וואָס זוכט נעבאַך פּרנסה צו שפּייזען ווייב און קינדער, נאָר מיט עפּיס אַ מאַניע, מיט עפּיס אַ דיבוק, אַ ווילדען יצר-הרע, וואָס קלייבט זיך פלוצלונג אַריין אינ׳ם יודען און נישט נאָר אינ׳ם לופט-יודען, און טרייבט איהם: לויף, יאָג-זיך, האווע, שמאַיע, שווינדעל, פערגעס אָן ווייב און קינד, פערגעס אָן זיך אַליין, שטאַרב פאַר אַ גראָשען — און וואַרט אויף מיליאָנען! איהר פיהלט, אַז איהר האָט דאָ צו טון מיט אַנ׳האַזאַרד, מיט אַ תאווה צופיהרען געשעפטען (און נישט דוקא מאַטעריעלע געשעפטען) צוליעב די עצם געשעפטען, אָהן קיין שום ציעל און תכלית. איהר פיהלט, אַז דער בעריהמטער „טעלעאָלאָגיזם״ דער יודישער (דאָס האָבען אַ מיין, אַ ציעל אין אַלץ)

## III.

וועגען די הומאָריסטישע העלדען האָבען מיר גערעדט שוין: זיי זענען וועניג. אונז בלייבט זיך אָבצוגעבען אַ רעכנונג פון די קאָמי-שע פאַרשוינען, וואָס זענען זעהר פיעל ביי שלום-עליכם׳ן.

דער הומאָר איז אין זיינע ווערק, אַזוי ווי אויך אין לעבען, אַ טאַלאַנט פון איינציגע פערזענליכקייטען, דער קאָמיזם איז אָבער אַנ׳ענין, וואָס ליעגט נישט אין פערזאָנען, נאָר אין זאַכען; ער גע-הערט צו דער סיטואַציע, צו דער סביבה, וואָס אַרום; דערפאַר איז ער נישט אַזוי פערזענליך, ווי דער הומאָר, ער איז אַ מאַסען-זאַך; און דעריבער ליעגט אויף איהם מעהר, ווי אויפ׳ן הומאָר, די אַלגע-מיינע, לאָקאַלע פאַרב, די מיליע-פאַרב, און עס איז פאַרהאַן דערי-בער נישט נאָר „נאַציאָנאַלער“ קאָמיזם, נאָר אויך קאָמיזם פון איינציגע סאָציאַלע גרופען, אפילו פון איינציגע פראָפעסיעס. שלום-עליכם שיל-דערט אונז אייגענטליך נישט דעם „נאַציאָנאַלען“, נאָר דעם פראָווינ-ציעלען יודישען קאָמיזם, דעם כתרילעווקער קאָמיזם; אין זיין ספע-ציאַליזירונג געהט ער אין פלוג נאָך ווייטער: ער שטעלט די טראָפ אויף איין פונקט פון דעם כתרילעווקער חוכא-וטלולא-לעבען — אויף די יודישע פרנסות פון כתרילעווקע, און נישט אויף די פרנסות סתם, נאָר אויף יענע גאַנץ בעזונדערע פרנסות, וואָס „אָנהויבען הויבען זיי זיך אָן (ווי מיר לייענען אין דער פאָררעדע צו דער צווייטער אויפ-לאַגע פונ׳ם „מנחם מענדיל“), דאַכט זיך, גאַנץ בישקשה׳דיג, מיט אַזוי פיעל בטחון און גלענצענדע האָפנונגען, און אויסלאָזען לאָזען זיי זיך אויס צוממיינסטען מיט שלים-שלים-מזל, ווי ביי מנחם מענדלי׳ן“, — אויף יענע פרנסות, הייסט עס, וואָס געהערען צו דער נאַציאָנאַל-פאַ-טאָלאָגיע מעהר ווי צו דער נאַציאָנאַל-עקאָנאָמיע, און וואָס טאַקי דער-פאַר גיבען זיי אונז אַ בילד, אָדער — וואָס איז אַמאָל נאָך וויכטיגער, ווי אַ בילד — אַ קאַריקאַטור — נישט נאָר פונ׳ם „ווירטשאַפטליכען“, נאָר אויך טאַקע פונ׳ם אינוועניגסטען פסיכאָלאָגישען לעבען פון דער כתרי-לעווקער וועלט, און דער פראָטאָטיפ פון אַ סך קאָמישע פאַרשוינען שלום-עליכמ׳ס — מנחם מענדיל מיהופעץ, וואָס אין פלוג איז ער דאָך מעהר נישט, ווי דער רעפרעזענטאַנט פון אַ געוויסער יודישער „פראָ-פעסיע“, ווערט דער פאָרשטעהער פון אַ גאַנצער לעבענס-קולטור...

מאַכט הייס די לופט אַרום, דער הומאָר מאַכט זי קיהל און היימיש — אַ מחיה...

פאַטעטיש ווערט דער הומאָריסט נאָר, ווען ער שטעהט פאַר אַ קראַפט, וואָס ער האָט זי נאָך נישט „איינגעביסען״, נישט בייגעקו-מען, פאַר אַ קראַפט, צו וועלכער ער האָט נאָך אייגענטליך נישט קיין הומאָריסטישע בעציהונג: אַזוי קאָן שלום-עליכם נישט שרייבען אָהן מליצה און התפעלות וועגען דער ליעבע און איהר מוטער — דער נאַטור; פאַר אָט דיביידע קרעפטען האָט ער נאָך אַראָבפאַל, דרך-ארץ, ער לאָזט נאָך אַראָב פאַר זיי די אויגען. פאַר דער נאַטור-קראַפט אינ׳ם מענשען, פאַר דער ליעבע, קריגט איהר נאָך ביי איהם אָפט אַנ׳איינפאַל, פראָסט, נאַאיוו, שמייכעלדיג וואָרט; פאַר דער אויסערליכער נאַטור — זעלטען; זי איז שטענדיג כמעט „הימליש״, „געטליך״ און ווערט זי איינפאַך, פראָסט געשילדערט, איז זי גאָר לאַנגווייליג... (דאָ האָבען מיר ווידער אַ חילוק צווישען דעם „זיי-דען״ און דעם „אייניקעל״: דער ערשטער האָט צוויי „העלדען״, וואָס מיט זיי בעשעפטיגט ער זיך תמיד: די מאַטעריע, וואָס געהט אום איבער דער וועלט מיט דעם נאָמען „יוד״, — און די נאַטור; זי פערנעהמט ביי איהם דעם אויבען-אָן. שלום-עליכם גיט איהר אויך אָב גרויס כבוד, אָבער מעהר נישט דערפאַר, ווייל זי איז ביי איהם אַ גאַסט — נישט קיין תושב, ווי ביי מענדעלי׳ן, — אַ גאַסט, וואָס מען מוז איהם פיין צונעהמען און מאַכען אַ מינע, אַז ער איז שטאַרק אָנגעלייגט, און דער אמת׳ן אָבער פיהלט מען זיך מיט איהם גאָרנישט אַזוי היימיש...).

היימיש פיהלט זיך שלום-עליכם נאָר, ווען ער איז נישט מחויב צו רעדען מיט התלהבות און כאַפען התפעלות, ווען ער נעהמט זיך נישט אָן צו זאָגען מוסר און עצות צו געבען, ווען ער קאָן שמייכ-לען, לאַכען און זיך שפּיעלען, — זיך שפּיעלען מיט׳ן לעזער און מיט זיך: דאָס איז, ווען ער האָט צו טון מיט זאַכען אָדער מענשען, וואָס ווערען אונטער זיין פען הומאָריסטיש אָדער קאָמיש.

עליכם׳ס ווערק אָבער געניסט ווילענדיג נישט ווילענדיג די שענהייטען, וואָס די דאָזיגע ווערק פערמאָגען, און דאָס גופא, וואָס ער לאַכט און שמייכעלט אינאיינעם מיט׳ן דיכטער, שוין דאָס גופא בעפרייט איהם, ווי בעל-מחשבות האָט בעמערקט, פון דער וואָכעדיגער וועלט, אין וועלכער ער געפינט זיך שטענדיג, פון דער וועלט, וואָס איז פול מיט דאגות און תכליתים-זוכעניש; שוין דאָס גופא שטעלט איהם העכער פון יענעם יודען פון אַלטען דור, וואָס פרעגט ביי פרק׳ן „אינ׳ם פּאָסט-וואַגאָן": „וואָס טויגען זיי, די מעשיות? וואָס פאַר אַ תכלית שטעקט דערינען?" דער יודישער לעזער, וואָס איז געוועהנט צו קנייטשען דעם שטערן, האָט זיך אויסגעלערנט נישט צו זוכען קיין כונות, ער איז געוואָרען אַ ביסעלע הומאָריסטישער, האָט געקריגען אַ ביסעלע געמיט, און אַזוי האָט ביסליכווייז די יודישע ליטעראַטור אָנגע-הויבען אַריינצודרינגען אין דער יודישער פאַמיליע, אין דעם יודישען גאַסט-צימער: ביידע, אי די יודישע ליטעראַטור, אי דער יודישער לעזער זענען פריינדליכער, געמיטליכער געוואָרען, ביידע האָבען זיך צוגערוקט נאָהענטער איינס צום אַנדערן.

ווי עס איז פריהער דערמאָנט געוועזען האָט אויך שלום-עליכם ליעב אַמאָל אָבצורוקען זיך פונ׳ם לעזער און אַ מוסר-טון איהם. בעזונ-דערס אין די ערשטע ווערק זיינע פלעגט ער זיך מתקנא זיין אָפּט אָן דעם אויפקלערונגס-טייטעל, וואָס אַנדערע שרייבער אין יענער צייט האָבען אין האַנד געהאַלטען; אָבער שוין דעמאָלט פלעגט ער זיך פער-גינען דעם פערגניגען זיך אויפצוהויבען מיט זיין שמייכעל נישט נאָר איבער די פאַרשוינען, וואָס ער האָט זיי געשילדערט, נאָר אויך איבער זיך אַליין מיט זיין מוסר; שוין דעמאָלט פלעגט ער טון אָפּט, וואָס אַלע הומאָריסטען טוען: אַריינמישען די אייגענע פערזאָן אין דעם גאַנג פון דער ערצעהלונג — און קלענער מאַכען אויף דעם אופן די דיסטאַנץ צווישען זיך און דעם לעזער...

אַריינמישען די אייגענע פערזאָן אין דער ערצעהלונג — דאָס טוען אַלע הומאָריסטען און שלום-עליכם אויך בתוכם, נישט ווייל די צניעות, נאָר, פערקעהרט, ווייל די גדלות פעהלט זיי, צוליעב וועלכער מענשען האָבען ליעב אָפּט צו פערדעקען זיך אַליין... עס איז שווער צו זאָגען אין צוויי ווערטער, וואָס אַזוינס ליעגט אינ׳ם הומאָר, נאָר וואָס אין איהם איז נישטאָ — דאָס קאָן מען זעהר לייכט אויסדריקען: אין איהם איז נישטאָ קיין דיסטאַנץ-געפיהל און קיין פּאַטאָס. דער פּאַטאָס

געזעהען, אַ טרויעריג פּנים; ס׳איז אָבער פערשטעלט: אָפען איז דאָס דאָזיגע, וואָס לאַכט און מאַכט לאַכען; אין דעם ליגט דער חן, דער כשוף שלום-עליכם׳ס. פרעהליכע געשיכטען פרעהליך דערצעהלען קאָנען אויך אַנדערע; אָבער קיינער, אַ חוץ איהם, קאָן נישט נעהמען אומעטיגע, אָפּט זאָגאַר לאַנגווייליגע מעשיות און דערצעהלען זיי אַזוי, אין אַזאַ טאָן, מיט אַזוינע ווערטער, אַז מיר זאָלען הנאה האָבען, לעקען די פינגער און גאָר נישט טראַכטען שוין וועגען דער עצם זאַך, און גאָרנישט פרעגען קיין קשיות, אַזוי ווי עס פרעגט נישט אַ קינד, ווען מען דערצעהלט איהם אַ מעשה׳לע: וואָס איז דער שכל, דער תכלית דערפון. אַבי ס׳איז שען! די טרויעריגסטע געשיכטען, וואָס ער דערצעהלט אונז פון יודישען לעבען (און ער דערצעהלט אונז דאָך שטענדיג כמעט טרויעריגע געשיכטען) רופען אַרויס נישט קיין זיפץ פון טיעפען האַרצען, נאָר אַ שמייכעל אויף די ליפען און אָפּט גאָר אַ ברייטען געלעכטער. ער קאָן שטענדיג אַריינטון אין זיין דער-צעהלען עפּיס אַזוינס, וואָס מאַכט דעם שמערץ ווייכער, שטילער, אָדער עפּיס אַזוינס, וואָס פערשטעלט איהם פון אונז, וואָס מאַכט, מיר זאָלען איהם פערגעסען. מיר זאָגען אַ דאַנק שלום-עליכם׳ן נישט דער-פאַר, וואָס ער וועקט אין אונז געדאַנקען און געפיהלען, נאָר, פער-קעהרט, דערפאַר, וואָס ער פערטרייבט אונז די רעיונות, וואָס ער קעהרט אונז אום אונזער רוהיגקייט. מיר דאַנקען איהם דערפאַר, וואָס ער האָט געמאַכט דאָס קינד פאַר זיין לעזער, אָבער אויך דערפאַר, וואָס ער האָט זיין לעזער אויסגעלערנט צו ווערען צוריק אַ קינד אויף אַ ווײלע... אינ׳ם ערשטען קאַפּיטעל, רעדענדיג וועגען שלום-עליכם׳ס מיהען זיך צו זיין אינטערעסאַנט פאַר׳ן לעזער, האָבען מיר צו-געפּגעבונדען די דאָזיגע שטרעבונג מיט דער „שמ״ר״-טענדענץ און האָ-בען געזעהען, אַז זי האָט געהאַט די מעלה, וואָס זי האָט צוגעצויגען נייע לעזער צו דער יודישער ליטעראַטור; מען מוז אָבער צוגעבען, אַז שלום-עליכם האָט נישט נאָר געשאַפען נייע לעזער פאַר זיך, ער האָט איבערגעאַנדערשט אויך דעם אַלטען יודישען לעזער: ער האָט איהם איינגעוועהנט צו לייענען פון פערגניגען וועגען, צו זוכען (אפשר אונבעוואוסטערהייט) אין דער ליטעראַטור עסטעטישען גענוס, נישט נאָר מאָראַלישען נוצען. געוויס איז נישט יעדער, וואָס לייענט פון פער-גניגען וועגען, אַ מענש מיט אַ עסטעטישען געשמאַק. די שונד-לעזער לייענען דאָך אויך ס׳רוב פון פערגניגען וועגען! דער לעזער פון שלום-

ליעבען איהם, ווייל ער נויטיגט זיך נישט אין אונזער הילף, ווייל מיט זיין שמייכעל, פול מיט ליכט און טרייסט, קאָן ער אונז אפשר אליין פון אונזער נויט אַרויסהעלפען; מיר ליעבען איהם, ווייל אין איהם לעבט די געבענשטע קראַפט, וואָס מיט איהר כשוף קאָן דער מענש זיך אַליין פון זומפּף אַרויסציהען, די געבענשטע קראַפט, וואָס ווען זי איז נישט קיין מתנה פון גאָט, איז זי פאַרהאַן נאָר אָדער ביי די, וואָס זענען שוין זעהר געניט אין לעבען, אָדער ביי די, וואָס זענען נאָך גאָרנישט געניט: — דאָס איז די קראַפט פון׳ם געטליך רו-היגען הומאָר, די קראַפט, וואָס נאָר אַ דאַנק איהר קאָן אונז מאָטיל דערצעהלען אָט די אַלע אונענדליכע, אונבעשרייבליכע וואָגלענישען און קלעמענישען און מאַטערנישען — אינ׳ם טאָן פון אַ אידיליע!

אַז ער וועט אויסוואַקסען, מאָטעל, וועט ער אויסוואַקסען אַ טביה; שוין איצט שטעקט אין זיין נאַטור אַ שטיק טביה, — איז ער דערווייל נאָך אָבער אַ יונגעל, איז זיין נאַטירליכער הומאָר נאָך נישט אַזוי פערוואָלקענט, ווי ביי טביה׳ן, וואָס איז אַ טאַטע פון קינדער און האָט צער גדול בנים; ביי איהם איז דער הומאָר אַ סך אונשולדיגער, ריינער, ליכטיגער, ווי ביי זיין נאָהענטען קרוב טביה: „איך וויים נישט, זאָגט ער, וואָס די מאַמע בעוויינט אַזוי די קינדער. די קינ-דער זענען, דאַכט זיך, גאַנץ פרעהליך; אַז זייער מאַמע הויבט אָן רע-דען נאַרישקייטען, צולאַכען זיי זיך". און אַזוי ווי אַלע קינדער, אַזוי קאָן אויך ער לאַכען, נישט נאָר שמייכלען, ווי טביה — — —

און אַז מיר פרעגען זיך: שלום-עליכם אַליין — צו וועמען שטעהט ער נעהנטער, צו טביה׳ן, צי צו מאָטעל דעם חזנ׳ס יונ-געל? — ענפערן מיר: צום לעצטען. ווארום אויך ער אַליין קען זיך נישט צופריעדענשטעלען מיט׳ן טראַגישען, מיט׳ן טביה׳שען שמיי-כעל, אויך ער אַליין האָט ליעב צו לאַכען פראָסט און אָהן קיין שום כוונות; „לאַכען איז געזונד — דאָקטוירים הייסען לאַכען" — איז דאָס מאָט-טאָ פון זיינע ווערק; „אַלע דריי האָבען געלאַכט, געשמאַק גע-לאַכט, הנאה געהאַט פון זייער לאַכען" („דער בלוטיגער שפּאַס") — אָט אַזוי לאַכט מען ביי שלום-עליכם׳ן; געשמאַק און מיט הנאה! ראַיאַ מאַנאַ, דער נביא, וואָט נאָמבערג דערצעהלט פון איהם אין זיין אינדישער לעגענדע, — האָט געזעהען דעם גאָט פון געלעכטער: האָט ער צוויי פנימ׳ער געהאַט; איינס האָט געלאַכט, דאָס אַנדערע — געטרויערט... אויך ביי שלום-עליכם׳ן איז פאַרהאַן, ווי מיר האָבען

אָבקומעניש. קינדער געהען אַזוי גיך, אַזוי גרינג איבער פון געוויין צו געלעכטער!

און וואָס פאַר אַ טייער געשענק דער יודישער ליטעראַטור און דעם יודישען לעזער איז אָט דאָס קינדישע געלעכטער! יודען מיט בערד, ווען זיי לאַכען שוין אַמאָל, איז עס דאָך אַ לאַכען מיט קרעכ-מענעס, אַפילו טביה דער הומאָריסט קאָן נאָר שמייכלען, ווייך און האַרציג, אָבער נישט לאַכען ברייט און פריי און הויך אויפ'ן קול, נישט לאַכען, אַזוי ווי די קינדער לאַכען ביי שלום-עליכם'ן — מיט'ן גאַנצען כח, מיט'ן גאַנצען האַרצען!

וואָס פאַר אַ ליעבע מתנה איז עס פאַר אונז, קלאָגמוטערס, אָט דאָס קינדישע געלעכטער! און ס'איז גאָר קיין צופאַל נישט, וואָס דוקא שלום-עליכם האָט פערמאָגט אונז צו שענקען אָט די האַרציגע מתנה. דער הומאָריסט און דאָס קינד האָבעןביידע איין גרויסע מעלה בשותפות: דאָס איז די אינוועניגסטע זאָרגלאָזיגקייט. דאָס קינד ווייס נישט פון לעבענס זאָרגען, דער הומאָריסט האַלט נישט פון זיי; דערפאַר פערשטעהען זיי איינס דאָס אַנדערע אַזוי גוט, דערפאַר זענען אַלע הומאָריסטישע שרייבער — שרייבער פאַר קינדער... ס'איז אינטע-רעסאַנט, וואָס אַ חוץ טביה'ן האָט אונזער דיכטער נאָר נאָך זיינעם פון זיינע וויכטיגערע פאַרשוינען בעשענקט מיט אַ הומאָריסטישען קוק אויפ'ן לעבען, און דער דאָזיגער איינער איז — מאָטעל, פייסי דעם חזנ'ס יונגעל. איג'ס ליעבען בוך, וואָס טראָגט דעם דאָזיגען נאָמען מיט דעם אונטער-קעפּיל „כתבים פון אַ יונגעל אַ יתום", — איג'ם דאָזיגען אויסגעצייכענטען בוך זענען, ווי תמיד ביי שלום-עליכם'ן, כמעט אַלע אַלע פאַרשוינען קאָמיש און טראַגי-קאָמיש. און נאָר איינער איז הו-מאָריסטיש, נאָר איינער קוקט אויף זיי אַלעמען אַראָב פון עפּיס אַ הויכקייט, מיט עפּיס אַ איידעלען שמייכעל, וואָס איהר ווייסט נישט, צי לייכט פון איהם אַרויס איינפאַכע קינדישע אונשולד אָדער אַ טיעפער נאָר געלייטערטער שמערץ; נאָר איינער שיידט זיך אָב פון אַלעמען און שטעהט אַזוי ווי אָן אַ זייט פון זייערע ליידען און פריידען: — דאָס איז מאָטעל! אויף די אַלע כתרילעווקער, וואָס זייערע פּיינען און יסורים זענען בעשריבען דאָ אין די „כתבים", האָבען מיר רחמנות, אָבער נישט מעהר ווי רחמנות; אויף מאָטעלען, כאָטש ער שטעהט אויס נישט וועניגער, אויב נישט מעהר נאָך צרות פון אַלע איבעריגע, אויף מאָטעלען האָבען מיר קיין רחמנות נישט: מיר ליעבען איהם! מיר

פרעהליכֿסטע, לוסטיגסטע געשיכֿטען. פֿאַרוואָס? וויעדער אַמאָל, ווייל שאַצקעס דער משכּיל, דער אפּיקורס האָט געקוקט אויף דער וועלט סוף-כּל-סוף מיט די אומרוהיגע, מידע, פער׳פּלפּול׳טע, פערהאַוועטע אויגען פון די בית-המדרש- און פריץ-יודען, פון די מאַרק- קראָם- און קיך-יודענעס מיט זייערע ברוגז׳ע, פערשמייעטע, פערהאָרעוועטע צורות, ער האָט געפּיהלט אויף דעם זעלביגען שניט וואָס זיי, מעהר נישט, ער האָט זיך פערהאַלטען צו דעם קריטישער; שלום-עליכם אָבער האָט נע-בען דעם כֿמורען יודען, דעם טאַטען, וואָס איז ברוגז אויף דער „עמיגראַציע״ פון אַלקער אין קיך און פון קיך אין קעלער און פון קעלער אויפ׳ן בוידעם, און נעבען דער מאַמען, דער יודינע, וואָס איז שרעקליך אַריינגעטון אין כּשר׳ן און רייניגען לכבוד פּסח — דער-זעהען אויך דאָס קינד, דעם חדר-יונגעל, דעם קונדס, וואָס פֿאַר איהם איז די ערב-פּסח׳דיגע „עמיגראַציע״ אַ גאַנצע שמחה, אַנ׳אמת׳ער יום-טוב. „מיר דאַכֿט, זאָגט ער, איך וואָלט אַ בעלן געווען, ס׳זאָל זיין אַלע וואָך ערב פּסח און מען זאָל אַלע וואָך דאַרפען קריכֿען אויפ׳ן בוידעם. ערשטענס, איז דאָס קריכֿען אַליין עפּיס אויך אַ שטי-קעל עסק. אַ שטייגער, אין מיטען וואָך איך זאָל מיך אויסציהען, ווער מען מיך לאָזען קריכֿען אויפ׳ן בוידעם? און איצט שפּאַן איך אויף די טרעפּ, ווי אַ מזיק. אונטען שפּאַנט מיר נאָך דער טאַטע און זאָגט מיר: „פּאַוואָלינקע, פּאַמעליכֿען״. וואָס מיר פּאַוואָלינקע, וואָס מיר פּאַ-מעליכֿען? איך פּיהל, אַז ביי מיר זענען אויסגעוואַקסען פליגלען, איך פליה, איך פליה!״ און אין אַ מינוט אַרום, אַז עס טרעפט זיך אַ סבה און ער טוט זיך נעבאַך אַ לאָז צו דער טהיר פונ׳ם בוידעם און... „טראַך-טאַראַראַם מיט׳ן קאָפּ אַראָב און מיט די פיס אַרויף איבער אַלע טרעפּ״ — איז אויך אָהן בייז! „ווי איהר זעהט, דערצעהלט ער, בין איך געבליבען געזונד און שטאַרק. הלואי וויטער נישט ערגער, בלתּי נאָר (לאָזט ער אויס אויף טביה׳ס — שלום-עליכמ׳ס שטייגער —) דער איינער שראַם, וואָס ביי מיר אויפ׳ן פּנים און וואָס דער אָטעם איז מיר געוואָרען פון דעמאָלט אָן קירצליך און וואָס אַז איך רייד פּינ-טעל איך מיט די אויגען עד היום הזה״... און אייך לאַכֿט זיך פונ-דעסטוועגען, אַז איהר לייענט עס, הגם עס איז גאַנץ טרויעריג; איהר פּיהלט, אַז דער יוד, וואָס דערצעהלט עס, ווען ער וואָלט געווען נאָך איצט אַ קינד, וואָלט ער וויעדער געקראָכֿען אויפ׳ן בוידעם און וויעדער געוואונדערט זיך אויפ׳ן טאַטען, וואָס ביי איהם איז עס אַנ-

נען אָדער דאַוונען. שוין-זשע האָט איהם קיינמאָל נישט געצויגען, ווי מיך, אין דרויסען אַרויס זומער אין דערפריה, בשעת די זון ברענט נאָך נישט אַזוי שטאַרק, הויבט ערשט אָן אַרויסטרעטען אויפ'ן גרוי-סען הימעל א. אַז. וו.? וואָס פאַר אַ טעם, פרעג איך אייך, האָט אין אַזאַ געטליכען פריהמאָרגען דאָס וואָכעדיגע דאַוונען? וואָס פאַר אַ טעם האָט נאָך דעם דאָס זיצען און לערנען אינ'ם ענגען וויסטען חדר א. אַז. וו. א. אַז. וו." דער זוהן פיהלט נישט דעם טעם, וואָס דער טאַ-טע האָט אין לערנען און אין דאַוונען, ווארום ער לעבט גאָר אין אַנ'אַנדער וועלט, אין אַ וועלט, וואו ס'איז נישטאָ קיין ענגשאַפט און קיין אומעט, קיין גלות און קיין יאָך פון גלות, קיין יוד און קיין גוי. ווען הדר-יונגלעך פיהרען מלחמה מיט שקצים („ל"ג בעומר"), איז עס נאָר, ווייל זיי, „די שקצים", זענען „פלשתים", דאַרפען די „בני ישראל" מיט זיי מלחמה האַלטען. ווי זשע אַנדערש? אָבער אָט שפּיעלט זיך פייטיל זעהר פריינדליך מיט פעדקאַ'ן, און אַז עס קומט פריהלינג כאַפּען זיי זיך ביידע אַרויס „אויף גאָט'ס וועלט, וואָס האָט זיך געעפענט פאַר זיי ביידען גלייך", און ביידע נעהמען זיי זיך פאַר די הענד און מע לאָזט זיך לויפען אַהין צום באַרג, וואָס שמייכעלט צו זיי ביידען גלייך: קינדער, אַהער! און מע שפּרינגט אַקעגען דער זון, וואָס גריסט זיי ביידען גלייך און רופט זיי ביידען צו זיך: „קינ-דער, אַהער! און אַז זיי מיעדען זיך איין לויפענדיג, זעצען זיי זיך ביידע אַוועק אויף גאָט'ס ערד, וואָס ווייס נישט קיין יוד, וואָס ווייס נישט קיין גוי,—קינדער, צו מיר, צו מיר!" („פסח אין דאָרף"). זאָ-לען דאָרט די טאַטעס מיט די מאַמעס מאַכען בלבולים איינע אויף די אַנדערע, בלוט-בלבולים; זאָלען זיי מורא האָבען, ציטערן איינע פאַר די אַנדערע, — וואָס געהט עס אָן זיי, די קינדער? זיי, וואָס האָבען נאָך נישט פערזוכט דאָס גיפטיגע עפּעל פון עץ-הדעת, זיי, וואָס לע-בען נאָך ריין און געזונד, ווי אין גן-עדן? וואָס געהט עס זיי אָן? און אויב מיט אונז, דערוואַקסענע, קעהרט עס זיך יאָ אָן,—זאָלען מיר נישט ווינשען, וועניגסטענס, צו האָבען אַ האַרץ, וואָס פיהלט, און אַנ'-אויג, וואָס זעהט כאָטש די אונשולד פון די קינדער? שלום-עליכם האָט אַזאַ האַרץ, אַזאַ אויג. אָט האָט דער כמורנער משכיל, דער פערבי-סענער ליטוואַק שאַצקעס געמאַכט אַ גאַנצע טראַגעדיע, רחמנא לצלן, פון דעם יודישען פאַר פסח; און ביי שלום-עליכמ'ן איז געוואָ-רען דערפון די „ערב-פסח'דיגע עמיגראַציע", דוקא איינע פון די

דאַרף נאָך אַליין אין זיך פּיהלען דעם יונגעל, כּדי צו זעהען דעם טיעפען אונטערשיעד, וואָס איז פאַרהאַן צווישען דעם לעצטען און דעם דערוואַקסענעם יודען, וואָס האָט שוין געוומען אויף זיך דעם יאָך פון גלות, דעם יאָך פון תורה און מצוות און פון צער גדול בנים און דאגת הפּרנסה; מען דאַרף נאָך אַליין אין זיך פּיהלען דעם יונגעל, כּדי צו קאָנען איהם אַוועקשטעלען ווי אַ קאָנטראַסט, ווי אַ פּראָטעסט געגען דעם דערוואַקסענעם גלות-יודען...

— וואָס דרעהסטו זיך, ווי אַ דייטש אויפ'ן קאָרעק? — מאַכט צו מיר דער טאַטע, בשעת מיר געהען אַלע אינאיינעם צום זיידען רב מאיר צו דער סעודה, און איך דערזעה פון דערווייטען די כאַליאַסטרע (די פורים-שפּיעלער).

— ביזט שוין, קיין עין הרע, אַ היבש יונגעל, קאָנסט געהען אַ ביסעל גיכער, — זאָגט די מאַמע, — אם ירצה השם שבת הגדול ווערסטו אַכט יאָהר, ביז הונדערט און צוואַנציג.

—געה! געה! — מאַכט צו מיר דער רבי'ס רב איצי, מיין מלאך המות, און דערלאַנגט מיר אַ שטורך פון הינטען, — אַט אַזוי מוסטערט דער אַלט-פרענקישער יוד זיין אַכט יאָהריג קינד און וויל איהם „מאַכען פאַר אַ מענשען", פאַר אַ קליין יודעלע. אָבער דאָס קליינע יודעלע איז גאָר נישט צופריעדען דערמיט. ער לאָזט אַראָב, ווי ער זאָגט, די אויגען אין דער בלאָטע און געהט גלייך מיט אַלע, פערטיעפט אין אומעטיגע מחשבות, טרויעריגע געדאַנקען: „תּמיד מיט אַלע גרויסע! שטענדיג מיט'ן רבי'ן!... אין דערפּריה און ביינאַכט און שבת און יום-טוב!... רב איצי'ס רויטע נאָז מיט טאַבאַקע, איינגעזונקען זאָל זי ווערען!" מען לאָזט איהם נישט געהן צו דער „כאַליאַסטרע", צו קעניג אחשורוש, ד. ה. צו קאָפּעל דעם שניידער מיט דער גאָלדענער קרוין". און דער נסיון איז צו גרויס; זיין קינדיש האַרץ, וואָס איז געוועהנט זיך נאָכצוגעבען, האַלט עס נישט אויס, און ער גנב'ט זיך סוף כּל סוף אַרויס פון זיידענס שטוב און געהט אַוועק מיט די שפּיעלער; ער מאַכט פּשוט אַ מרידה געגען דעם שטרענגען און לאַנגווייליגען רעזשים פון די דערוואַקסענע.

און דאָס איז נישט די איינציגע מרידה.

„לאָז ער מיר מוחל זיין, דער טאַטע מיינער אויף יענער וועלט (דערצעהלט נאָך אַ יונגעל שלום-עליכמ'ס). איך האָב איהם נישט געקאָנט פערשטעהען, וואָס איז ער געווען פאַר אַ מענש, וואָס ווערליג די מאַמע דערצעהלט זיך אָן פון איהם, פלעגט ער כסדר אָדער לער-

„די יודישע יונגלעך, וואָס וואַקסען אויס און ווערען אַלט פאַר דער צייט, פאַרטיגע יודעלעך", נאָר דאָס איז מעהר נישט געווען, ווי אַנ'-אָבצאָהל דער טראַדיציע צו קלאָגען זיך אויף — דער יודישער מערכה; מיט זיינע אַנדערע ווערק האָט ער אונז געוויזען, אַז ער פערהאַלט זיך צו יודישע קינדער גאָר נישט, ווי צו די „פאַרטיגע יודעלעך"; ער האָט אונז געוויזען, אַז ער האָט קיין רחמנות נישט נעבעך אויף זיי, ווי מענדעלי, נאָר פערקעהרט, ער שפירט דעם לעבעדיגען לוס-טיגען קוואַל, וואָס שלאָגט אין זייערע הערצער, ער איז גרייט אַליין זיך אָבצוטונקען און אָבצופרישען זיך אין אָט דעם חיות'דיגען קוואַל, אין דעם קינדערשען געלעכטער, אין דער קינדערשער זאָרגלאָזיגקייט; ער זעהט אין דעם די איינציגע פרייד, די איינציגע טרייסט פונ'ם יודישען לעבען. זיי, די קינדער, זענען די איינציגע כתרילעווקער, וואָס זענען נישט קיין כתרילעווקער, זיי זענען די איינציגע כתרילעווקער, וואָס חכמ'ענען זיך נישט, וואָס וויצלען זיך נישט, וואָס קאָנען לאַכען פון גאַנצען האַרצען, וואָס קאָנען שפּיעלען און פרעהען זיך, — און ער לאַכט מיט זיי אינאיינעם און שפּיעלט זיך מיט זיי און פרעהט זיך מיט זיי אינאיינעם: ער איז מעהר אַ זייעריגער, ווי אַ אונזעריגער. ווער ווייס, צי איז עס נישט קיין עולה פון אונז, דער-וואַקסענע, וואָס מיר האָבען צוגענומען ביי זיי, ביי די קינדער, שלום-עליכם'ן; ווער ווייס, צי האָט ער נישט געדאַרפט שרייבען פאַר זיי, נאָר פאַר זיי:

— הערט, יודישע קינדער, איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ מעסערל; נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר אַנ'אמת'ע, וואָס האָט זיך געטראָפען מיט מיר אַליין...

— היינט וועל איך אייך, קינדער, שפּיעלען אַ ביסעל אויפ'ן פידעל. נישטאָ, אַזוי דאַכט זיך מיר, קיין שענערס און קיין בעסערס, ווי אַז מען קאָן שפּיעלען אויפ'ן פידעל...

אָדער:

— טרעפט, קינדער, וואָסער יום-טוב איז דער בעסטער פון אַלע יום-טובים? חנוכה!...

אָדער:

— קינדער, איך וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה מיט אַ פאָהן...

מען דאַרף האָבען אַליין אין זיך עפּיס קינדישעס, כדי צו קאָ-נען זיך אויפרעדען מיט קינדער אַזוי פראָסט, אַזוי איינפאַך; מען

געגענט זיך, פֿאַרהאַן נאָך אַ סך, אַ סך צו זאָגען; נאָר עס איז צייט איבערצוגעהן צום צווייטען געליעבטען העלד פֿון אונזער דיכטער: דאָס קינד.

טביה, האָבען מיר געזאָגט פֿריהער, האָט קיין גלייכען נישט צווישען די פֿאַרשוינען שלום-עליכם׳ס (בעריל דער רויטער, דער „פֿרעהליכער קבצן" פֿון דער פֿרעהליכער ערצעהלונג „מיט׳ן טעאַפּ", דער-מאָנט אַ ביסעל אָן טביה׳ן, ער איז דאָך נישט גלייך צו איהם). נאָר דאָס איז אַלץ צווישען די דערוואַקסענע כתרילעווקער; די קינ-דער פֿון כתרילעווקע אָבער שילדערט שלום-עליכם פּונקט מיט אַזאַ ליעבע און אַזאַ פּאָעטישער צערטליכקייט, ווי טביה׳ן. אַזוי ווי דאָס גרויסע קינד—טביה, אַזוי זענען אויך זיי, די קליינע קינדער, ביי איהם קיינמאָל נישט קאָמיש, נאָר, פֿערקעהרט, ריהרענד.

און איין זאַך קומט דאָ צו ביי די קינדער, וואָס ביי טביה׳ן איז נישטאַ: טביה איז סוף כל סוף נישט קיין אַבסאָלוטע אויסנאַהם אין דער יודישער ליטעראַטור; זיינע געשיכטען, ווי געלייטערט זיי זאָלען נישט זיין דורכ׳ן הומאָר, זענען זיי פֿאָרט אומעטיגע, טרויעריגע געשיכטען; אומעט און טרויער איז דאָך אָבער די שטימונג פֿון דער גאַנצער יודישער ליטעראַטור ביז שלום-עליכם׳ן, שוין נישט גערעדט דערפֿון, וואָס אין טביה דעם מילכיגען, אַז מען זאָל זיך גוט אַ גריבעל טון, קאָן מען געפֿינען אַ פּאָר בעקאַנטע שטריכען פֿון אונזער אַלטען ב[illegible]טען רב מענדעלי מוכר ספרים. מיט זיינע קינ-דער-ערצעהלונגען אָבער האָט שלום-עליכם אַריינגעטראָגען אין דער יודישער ליטעראַטור גאָר אינגאַנצען אַ נייע לופֿט. קינדער האָט אויך דער זיידע ליעב, האַרציג ליעב, אָבער אין גלופּסק און אין קאַבצאַנסק זעהט ער נישט קיין קינדער, נאָר קליינע יודעלעך, קינדער אָהן קינדהייט; „הערשעלע איז געווען אַ פֿערשייט קינד, אַלע-בעדיגס, אַ ריהרעוודיגס", אָבער זיין יוגענד, דערצעהלט אונז מענדעלי ווייטער, זיין יוגענד „איז פֿערגאַנגען געשווינד, אָבגעבליהט גיך, און ער איז קינדווייז נאָר געוואָרען אַ קליין יודעל! דערשלאָגען, פֿערטראַכט, מיט אַ פֿערזאָרגט פּנים און אַלע פּאָסטעמקעס פֿון אַ גרויסען בעווייבטען יודען. עס האָט איהם נאָר געפֿעהלט אַ בערדיל". און נישט נאָר מענ-דעלי. אויך פּרץ זעהט נאָר די „בלאַסע, גרינע, געלע און איינגעריכ-טע פּנים׳לעך" (ל"ג-בעומר) פֿון די יודישע קינדער. אַפילו שלום-עליכם האָט געוועסט געפּרובט מאַכען אַ רייד אין „יאָסעלע סאָלאוויי" וועגען

שלום-עליכמ׳ס, איך האָב איהם געמעגט אָבער אָנרופען דער געליעבטעסטער העלד. וואָרום הגם אונזער שרייבער האָט נישט פיינד אויך די בעריהמטע העלדען פון זיינע ראָמאַנען, ווי אַ שטייגער אַ סטעמפעניו׳ן, אַ יאָסעלע סאָלאָוויי, אַ ראַפאַלעסקאָ׳ן פון די „בלאָנדזשענדע שטערן״, איז דאָך זיין ליעבע צו די לעצטע פון אַנ׳אַנדער מין. דאָס איז אַ „העראָאישע״ ליעבע, אין דער צייט, ווען טביה׳ן האָט ער ליעב, אַזוי צו זאָגען, מענשליך. די דערמאָהנטע און אַנדערע פּאָעטיזירטע העלדען פון שלום-עליכמ׳ס ראָמאַנען שטעהען שוין דערפאַר גופא העכער פון אַלע אַרומיגע, וואָס זיי זענען ראָמאַן-העלדען; זיי זענען, קאָן מען זאָגען, העראָען „לויט דער פּראָפעסיע״. דערצו זענען זיי אַלע טאַקע נישט קיין געוועהנליכע בשר-ודם׳ס, גאָט האָט זיי געבענשט מיט אַזעלכע מעלות, מיט אַזעלכע טאַלאַנטען, וואָס קיין פּראָסטער מענש האָט עס נישט: איינער איז אַ וואונדערליכער פידעל-שפּיעלער, דער אַנדערער — אַ בעריהמטער זינגער, דער דריטער — אַ געניאַלער שוי-שפּיעלער. אָבער טביה — ער איז זיך אַ יוד פון אַ גאַנץ יאָהר, אַ געוועהנליכער האָלץ-פיהרער, אַ מילך-פערקויפער, אַ פּראָסטער ישוב׳ניק. טביה איז אונטער שלום-עליכמ׳ס פען ערשט געוואָרען טביה. וואָרום ווען די העלדען פון די ראָמאַנען לאָזען זיך אַריין אין ווייטע דרכים, שוועבען אין היוכע עולמות און „ריידען מיט פּאָעזיע״ — איז עס קיין חידוש נישט; טביה דעם מילכיגען אָבער האָט דער דיכטער געמוזט אויסלערנען צו רעדען און צו טראַכטען אָט דאָס, וואָס ער רעדט און טראַכט, ווען ער געהט אַוועק פון די גביר׳ישע קונצען זיינע און בלייבט אַליין מיט דער נאַטור, אַליין מיט זיך... טביה דעם מילכיגען האָט דער דיכטעד פערטרויט זיין אייגענע ראָליע, די ראָליע פון אַ הומאָריסטישען דערצעהלער, פון אַ מענשען-קענער, פון אַ פּאָרטרעט-מאַלער, פון אַ וויצען-זאָגער, פון אַ שפּראַך-מייסטער, קורץ, די ראָליע פונ׳ם דיכטער, — און דעריבער איז דאָס בוך „טביה דער מילכיגער״ נישט נאָר דאָס סימפּאַטישסטע אין ריהרענדסטע, נאָר אויך דאָס אינטימסטע בוך שלום-עליכמ׳ס.

דעם שרייבער פון די דאָזיגע שורות האָט טביה דער מילכיגער מיט זיינע מעשיות אַזוי געריהרט, אַז איהם וואָלט זיך וועלען נאָך ריידען און ריידען וועגען איהם, און אין דער אמת׳ן איז טאַקע וועגען איהם און זיין משפחה און די פאַרשוינען, מיט וועלכע ער בע-

מיר דוכט אָבער, אַז דוקא אין דער שילדערונג פון אָט דעם איינפאַ־כען תמ׳עוואַטען וואָלינער ישוב׳ניק, — מיר דוכט, אַז" דוקא אָט דאָ האָט שלום־עליכם זיך אויפגעהויבען איבער דאָס שפּעציפיש יודישע, און הגם טביה האָט געוויס אַלע געגג און פּאָסטעמקעס פון אַ טיפּישען יודען און כאָטש אין זיין הומאָר איז פאַרהאַן אַ שטאַרקע אָנצוהערעניש אויף דאָס טיפּיש יודישע לאַכען מיט קרעמענעס, האָט ער דאָך אין זיך עפּיס אַזוינס, וואָס איז נישט אין ערך רייכער און פרישער ווי די קאַלטע בייזע פערביסענע יודישע איראָניע, און דער גאַנצער מענש אין איהם איז מיט צעהן קעפּ העכער פון דעם געוועהנליכען פּראָסטען קליינשטעדטעלדיגען יודען.

אויב מען וועט זעהען דערין אַ אידעאַליזאַציע פון טביה׳ן, מוז מען געדענקען, אַז אָט די אידעאַליזאַציע איז נישט מעהר ווי אַ וויטער־שפּינען דעם פאָדעם, וואָס דער דיכטער האָט אונז אַליין אין האַנד געגעבען. שלום־עליכם האָט טביה׳ן אַליין אידעאַליזירט. ער פער־האַלט זיך צו איהם גאָר אַנדערש, ווי צו די איבעריגע כתרילעווקער. די יודען און יודינעס פון כתרילעווקע זענען כמעט אַלע ביי איהם קאָמיש; טביה איז הומאָריסטיש (דער חילוק צווישען די ביי־דע זאַכען איז קלאָר: דער קאָמישער פאַרשוין איז אַן אָביעקט צום לאַכען; דער הומאָריסטישער — לאַכט אַליין). צו זיינע אַנדערע פאַרשוינען לאָזט זיך שלום־עליכם אַראָב, ווען ער שילדערט זיי; טביה׳ן האָט ער אויפגעהויבען צו זיך: ער האָט איהם געשענקט די שענסטע פון די פעהיגקייטען, וואָס ער אליין פערמאָגט, — די פעהיגקייט צו לאַכען. דאָס איינפאַכע לאַכען אין „טביה דעם מילכיגען" איז אפשר נישט אַזוי ריין, נישט אַזוי שטאַרק, נישט אַזוי נאַאיוו, ווי אומעטום ביי שלום־עליכמ׳ן, דערפאַר אָבער איז דאָ דאָס גייסטיגע לאַכען, דער הומאָר, פון טיעפסטען, פון איידעלסטען סאָרט; דער הומאָר, ווי מיר האָבען געזעהען, איז דאָ אַזוי ווי אַ פרישע, אַ קלאָרע, אַ דורכזיכטיגע לופט, אַזוי ווי אַ צווייטע אַטמאָספּערע, וואָס רינגעלט אַרום טביה׳ן און נעהמט אָב ביי זיין לעבענס־לאַסט דאָס געוויכט, די שווערקייט. אינאיינעם מיט׳ן הומאָר האָט שלום־עליכם געשענקט אָבער זיין געליעבטען העלד נאָך אַ אונגעוועהנליכע בייגעוודיגקייט פונ׳ם גייסט, אַ זעלטענע וועיכקייט און צאַרטקייט און איידעלקייט פונ׳ם גע־מיט; ער האָט איהם אָבגעגעבען, קורץ, דאָס בעסטע פון זיך אַליין... איך האָב טביה דעם מילכיגען אָנגערופען דער געליעבטער העלד

נאָר דוקא אַ כּאַראַקטער, וואָס אַז מען דאַרף קאָן ער זיין שטאַר-קער פון אײַזען. אָבער אין אַ רגע אַרום פליהט איהם דורך אַ געדאַנק: „טביה! דו שטעלסט אויף זיך צופיעל! וואָס וועט דיך אָרען, אַז דו וועסט זיך אָבשטעלען אַ ווײַלע אויסהערען, וואָס וויל זי? אפשר האָט זי דיר צו זאָגען אַזעלכעס, וואָס דו דאַרפסט דאָס וויסען? אפשר, אַ קשיה אויף אַ מעשה, האָט זי חרטה און וויל זיך אומקעהרען צוריק? אפשר ליעגט זי בײַ איהם אין דער ערד און בעט בײַ דיר, דו זאָלסט איהר העלפען אַרויס פון גיהנם? אפשר און אפשר און נאָך אַ סך אַזעלכע אפשר׳ס פליהען מיר דורך אין קאָפּ, און זי שטעלט זיך מיר פאָר אַלס אַ קינד און איך דערמאָהן מיך אינ׳ם כרחם אב אל בנים — בישטאָ קיין שלעכט קינד בײַ אַ טאַטען, און איך פײַניג מיך און איך זאָג אויף זיך אַליין, אַז איך בין אסור לרחם — נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט מיך! וואָס? וואָס קאָכסט דו, דו משוגע׳נער עקשן? וואָס טאַראַבענעסט דו? נעהם, דו אכזר אײַנער, פערקערעווע דאָס וועגעלע צוריק און בעט זיך מיט איהר איבער. זי איז דײַן קינד נישט קיי-נעמס!" אָט אַזוי אַמפערט זיך טביה מיט זיך אַליין, אָט אַזוי שוועבט ער אום צווישען זײַנע געפיהלען, טיעף בעריהרט, אָבער נישט אינ-גאַנצען בעהערשט פון זיי, — נישט קיין זיעגער, אָבער אויך נישט בע-זיעגט... זײַן שמייכעל פערקנייטשט זיך אין אַ טיעפען קנייטש פון טראַגיזם און ווערט אָבער צוגלייך בעלויכטען מיט׳ן ווייכען, רוהיגען, עלעגישען שימער פונ׳ם גאָט-געבענשטען הומאָר... עס טרעפען איהם אומגליקען אויף אומגליקען און מיר האַלטען זיך אײַן און בעליידיגען איהם נישט מיט אונזער קליינעם רחמנות-געפיהל, ווייל מיר זעהען, אַז די צרות דערשלאָגען איהם נישט, דערנידעריגען איהם נישט, נאָר, פערקעהרט, זיי מאַכען איהם נאָך טיעפער און מענשליכער...

אין טביה דעם מילכיגען האָט שלום-עליכם אונז געוויזען דאָס טיעפענישׁ פונ׳ם הומאָריסטישען טיפּ מענשען, ער האָט פאַר אונז אין די אויגען אויסגעקעהרט דעם הומאָר אויף דער לינקער זייט, און מיר האָבען דערזעהן, וואָס טוט זיך דאָרט אונטען אונטער די פסוקים מיט די ווערטלעך, מיט די המצאות. און בכלל איז טביה דער מילכיגער דאָס אייינציגע ווערק, וואו מיר האָבען דעם אונטער-שטען, דעם טיעפערען שלום-עליכם׳ן. מען האָט אין טביה׳ן געוואָלט זעהען דעם פאָרשטעהער פון דער אַלט-פרענקישער קליינשטעדטילדיגער יודישער מאַסע, מען האָט אין איהם געוואָלט זעהען נאָר דעם יודען;

איוועז טייטש-חומש-טאָן און זאָגט: — „דאָס הייסט, עס בעדאַרף זיין גוט, וואָרום פרובט זיין אַ חכם און מאַכט בעסער! אָט האָב איך געוואָלט זיין אַ קלוגער, געדרעהט דעם פסוק אַהער, געדרעהט דעם פסוק אַ הין, געזעהען עס העלפט נישט האָב איך צוגענומען די האַנד פונ׳ם האַרצען און האָב געזאָגט צו זיך אַליין: טביה, ביזט אַ נאַר! דו וועסט די וועלט נישט איבערמאַכען, דער אויבערשטער האָט אונז געגעבען צער גדול בנים, איז דער טייטש: פון קינדער האָט מען צרות און מען מוז דאָס אָננעהמען פאַר ליעב״. און ס׳איז אַ טעות צו מיינען, זאָג איך נאָכאַמאָל, אַז פון טביה׳ס מויל רעדט דאָ דער גלות-יוד, דער נעבאַך-יוד, דער נכנע, דער נחום איש-גמזו, דער באַנצע שווייג; ניין, אין טביה׳ן (ווי עס האָט ריכטיג בעמערקט ה. ד. הורוויץ אין זיין אַרטי-קעל „סאָציאַל-עקאָנאָמישע טיפען אין דער יודישער ליטעראַטור״) אין טביה׳ן זענען נישט אָבגעטעמפט, ני״ט אָבגעשוואַכט די געזונטע מענש-ליכע חושים; ער וויים, וואָס גוט איז, און ער פיהלט זעהר טיעף די ביטערקייט פון לעבען, נאָר אַזוי ווי ער קאָן זי נישט גובר זיין פון דרויסען, וויל ער זי פערזיסען פון אינווענינ, פערזיסען מיט דער זיסקייט פונ׳ם הומאָר, — און נאָר אין אָט דעם איידעלען הומאָריס-טיש-סאַרקאַסטישען זין נעהמט ער אָן די וועלט „פאַר ליעב״; נאָר דאַן ערשט, ווען ער איז זי גובר פון אינעווענינ, גיט ער זיך איהר אונ-טער אויסערליך, דען טביה, חזר איך נאָכאַמאָל איבער, איז נישט פראָסט אַ פרעהליכער קבצן, וואָס האָט זיך שוין צוגעוועהנט צו די צרות און עס אַרט איהם נישט מעהר. ניין, עס אַרט איהם זעהר שטאַרק, נאָר ווייל אין איהם לעבען פערשיעדענע געפיהלען און ער זעהט די וועלט, ווי יעדער הומאָריסט, פון פערשיעדענע זייטען, שטעלט ער זיי איינס געגען דאָס אַנדערע און ווערט אויף דעם אופן אַ האַר איבער זיי... אָט שטעלט איהם אָב אויפ׳ן וועג חוה, זיין טאָכטער, וואָס איז אַנטלאָפען מיט כוועדקען דעם שרייבער פון דאָרף. זי וויל מיט איהם ריידען, מיט טביה׳ן, הויבט זיך אָן ביי איהם אין האַרצען אַ שרעקליכע מלחמה; עס שטרייטען מיט אַנ׳אַנדער דאָס פרום יודישע האַרץ און דאָס האַרץ פון אַ טאַטען. אויף אַ רגע איז גובר דער בע-ליידיגטער שטאָלץ און די עקשנות פונ׳ם גאָטספאָרכטיגען יודען, און ער, טביה, טרייבט מיט אַ ווילדער קראַפט און האַסט דאָס פערדיל, און אַנטלויפט פון זיין אייגען פלייש און בלוט, און מיר פיהלען בשעת מעשה, אַז ער איז „נישט קיין יודענע״, ווי עס קאָן זיך אויסדוכטען,

שען. אָט קומט צו איהם מאָטיל קאַמזויל, אַ שניידער-יונג פון אַנאַטעווקע. נאָך אַ לאַנגען שמועס מיט כל׳ערליי אָנצוהערענישען, גיט ער איהם, דער שניידער-יונג, צו וויסען: „די מעשה פון דער געשיכ-טע איז אַזוי; איך און אייער טאָכטער צייטעל האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט שוין לאַנג, שוין העכער אַ יאָהר, אַז מיר זאָלען זיך נעה-מען״. טביה ווערט בייז און אַפילו שפעטער, ווען ער לאָזט זיך שוין איינרעדען, פערדריסט איהם נאָך אַלץ די מעשה און ער קאָן בשום אופן נישט פערשטעהן: וואָס הייסט זיי אַליין האָבען זיך געגעבען דאָס וואָרט? וואָס איז דאָס פאַר אַ וועלט געוואָרען? — „נאָר אַז איך האָב אַ קוק געטון, זאָגט ער, אויף מיין מאָטלען, ווי ער שטעהט זיך אַזוי דעם קאָפּ אַראָבגעלאָזט, ווי אַ זינדיגער מענש, מיינט דאָס גאַנץ ערנסט אָהן קיין שום חכמות דערביי צו האָבען, האָב איך מיר מישב געווען: לאָמיר זיך נאָר גוט בערעכענען טאַקי דאָס אייגענע וויעדער צוריק, וואָס ברעקיל איך מיך דאָ אַזוי און וואָס מאַך איך דאָ אָנשטעלען״? און אַז ער האָט גוט בערעכענט טאַקע דאָס אייגענע וויעדער צוריק, איז אַלץ געוואָרען רעכט. מאָטעל קאַמזויל איז געוואָרען „אַ גאַנץ פיין בחור׳ל, אַנ׳אַרבייטס-יונג, קאָן געבען אַ ווייב ברויט און דערצו נאָר אַנ׳עהרליך יונגעל אויך, היינט וואָס האָב איך צו איהם? — טביה, זאָג איך צו מיר אַליין, מאַך נישט קיין פוילע תנועות און זאָג באָם, ווי אין פסוק שטעהט: סלחתי כדבריך — לאָז זיין מיט גליק!״ אָט אַזוי טייטשט טביה פסוקים און אָט אַזוי קאָן ער די מלאכה פון „בערעכענען דאָס אייגענע ווידער צוריק״! ער וואָלט גע-ווען דער אומגליקליכסטער מענש אין דער וועלט, ווען ער וואָלט נישט פערמאָגט אָט די פעהיגקייט אַראָבצוקוקען מיט אַ בערוהיגטען שמייכעל אויף זיין אייגענער ביטערער מערכה, ווען אין איהם וואָלט נישט גע-לעבט די וואונדערליכע קראַפט, וואָס שטעלט אַוועק דעם מענשען הע-כער פון גליק און אומגליק; ער וואָלט געווען אַנ׳איוב, וואָס פער-שעלט דעם טאָג פון זיין געבוירען ווערען, ווען ער וואָלט נישט פער-שטאַנען צו פערבינדען, אַזוי ווי קהלת, דעם אַמאָליגען „הבל הבלים״ מיט דעם לעצטען מעהר קלוגען, ווי פרומען פסוק: „האָב מורא פאַר גאָט און היט אָב זיין געבאָט״...

„ווי אַזוי גאָט פיהרט איז גוט״, — מיט אָט דעם פרומען טאָן פון „ד׳ נתן ד׳ לקח״ הייבט אָן טביה צו דערצעהלען די טרויריגע גע-שיכטע מיט זיין טאָכטער חוה, נאָר ער פערטיעפט גלייך דעם נאַ-

בין איך דען נישט קיין גרויסער נאַר? וואָס שריי איך? וואָס פילדער איך? וואָס הייסט, זאָג איך, איך, קליין ווערימעל, וואָס פויזשע אַרום דאָ אויף דער ערד, וואָס אַ מינדסט ווינטעלע, אַז גאָט וויל נאָר, מאַכט פון מיר אַ תל עולם אין איין כהרף עין, שטעל איך מיך אַרויס מיט מיין נאַרישען שכל און וויל איהם זאָגען דעות, ווי אַזוי צו פיהרען דאָס וועלטיל זיינס? מסתמא, אַז ער הייסט אַזוי, בעדאַרף זיין אַזוי. וואָס העלפט דאָ טענות?" אין דער דאָזיגער איידעלער, אָבער טיעפער איראָניע פון דעם מילכיגען, וואו פלוצלונג האָט זיך צורעדט אין איהם דער 'פילוסוף, — אין דער דאָזיגער איידעלער און דורכנעהמענדיגער איראָניע דערקענט מען נישט דעם פרומען, נאָר, פערקעהרט, דעם קלוגען יודען; דערקענט מען נישט דעם בעל-בטחון, נאָר דעם פרעהליכען פעסימיסט, וואָס ווייס, אַז ווען מען וויל, קאָן מען אויף אַלץ האָבען אַ תירוץ און אַז מען וויל איז אויף קיין זאַך קיין תירוץ נישטאָ און אַז דעריבער איז גלייכער נישט צו פרעגען קיין קשיות און נישט אַריינצולאָזען זיך אין טענות צום רבונו של עולם... „וואָס העלפט דאָ טענות?" מען דאַרף זעהען נאָר נישט בלייבען שטעקען, ווי אַ נאַר, אין דעם אייגענעם פערדרוס, נישט נתפעל ווערען פון איהם, און דאָס איז מעגליך, ווען מען שטעלט אַוועק די אייגענעליידען און פריידען פאַר אַ העכערער אינסטאַנץ, ווי די געוועהנליכע, ווען מען גיט זיך אָב אין די העגד פונ'ם פאַטום, נישט וויל מען געטרויט בּישט די אייגענע קרעפ-טען, נאָר ווייל מען שטעלט זיך העכער פון זיי. די אומגעריכטע איידעלקייט און קאָמפּליצירטקייט פון פיהלען, וואָס מען זעהט ביי טביה'ן, וועלכער איז דאָך אין פלוג אַ איינפאַכער, פראָסטער יוד, — נעהמט זיך נאָך דערפון, וואָס אַ דאַנק דעם בעהאַלטענעם הומאָר קומט ער-ביי די בעגרענעצטקייט פון די אונמיטעלבאַרע איינדרוקען, און זיין אונטערגעבען זיך דעם לעבען הערט אויף צו זיין אַ געצוואונגענעס, אַ שקלאַפישעס און ווערט אַ אונטערגעבען זיך, וואָס בעפרייט דעם מענשען. —

דאָס דאָזיגע פונ'ם הומאָר שטאַמענדיגע, בעפרייענדיגע „לאָזען געהן מיט דער נאַטור" שאַפט יענעם מאַנטעל פון פריעדען, גנעדיג-קייט און נאָכגיביגקייט, אין וועלכען עס איז אויך אַיינגעוויקעלט טביה'ס פערהאַלטען זיך צו זיינע אייגענע ליידען און פריידען און וועלכער פערשפרייט זיך אויך אויף זיינע בעציהונגען צו אַנדערע מענ-

פערגעבען. פערשטעהן און פערגעבען איז אַ מדה טובה פון פילוסו־פים; אָבער אין יעדען עכּטען הומאָריסט שטעקט אַ שטיק פילוסוף; אויך טביה דער מילכיגער איז אַ פילוסוף, — נאָר מיט'ן האַר־צען, נישט מיט'ן קאָפּ: דאָס איז נאָך בעסער. דער קאָפּ איז ביי איהם, ווי ביי אַ ישוב'ניק אַנ'עם-הארץ, נישט שטאַרק איבערגעֿ־שפּיצט, זיין געמיט אָבער פערמאָגט די ציכטיגע ריין-פּילאָזאָפישע פע־היגקייט איבערצוקעהרען יעדע זאַך אויף דער לינקער זייט און אויסצוגע־פינען דעם שטאַנדפּונקט, פון וועלכען מען קאָן אַלץ פערענטפערן. אָט דערצעהלט ער, ווי ער פּרובט ריידען מיט זיין טאָכטער, צייטיל, וועגען לייזער וואָלפ'ען, דעם רייכען אלמן, וואָס שדכנ'ט זיך צו איהר: „נישט בעשערט, זאָג איך דיר, טאָכטער מיינע, קומען אויפ'ן גרייטען, ווערען אַ בעל-הבית'טע אויף אַלדיס גוטס, און אונז אַ שטי־קעל נחת דערלעבען, זאָג איך, אויף די עלטערע יאָהרען פאַר אונזער האָראָוואַניע, זאָג איך. טאָג ווי נאַכט אין דער טאַטשקע אייגעשפּאַנט, קיין גוטע מינוט, נאָר דלות, נאָר דחקות, נאָר שלים-שלים-מזל אַרום און אַרום"... אַזוי זאָגט ער צו איהר ווייך און מיט האַרץ און מיט רחמנות, ווי זיין שטייגער איז, נאָר מען קאָן מיינען, אַז אָט-אָט ווערט ער ברוגז און קומט אַריין אין כּעס; דערהערט ער אָבער ווי זי, צייטיל, רופט זיך אָב מיט אַ געוויין: „איך, טאַטע, איך וועל מיך שטעלען, זאָגט זי, פאַר אַ דיענסט, ליים וועל איך טראָגען, ערד וועל איך גראָבען". דערהערט אַזוינע רייד פון זיין טאָכטער, פער־שטעהט ער איהר האַרץ אויך. אַ טיעף מענשליכעס, טיעף פאָטער־ליכעס מיטלייד הערט זיך אין זיין ווייטערדיגען דערצעהלען: „וואָס וויינסטו, נאַריש מיידעל, זאָג איך צו איהר, איך זאָג דיר דען עפּיס, נאַרעלע? צו איך האָב טענות צו דיר? גלאַט, זאָג איך, ס'איז ביטער און פינסטער, רעד איך מיר אויס דאָס האַרץ, שמועס מיך אויס מיט איהם, מיט'ן רבונו של עולם, ווי אַזוי ער פיהרט מיט מיר; ער איז, זאָג איך, אַנ'אב-הרחמן, האָט רחמנות אויף מיר, פיינט זיך אויס גע־גען מיר, ר'זאָל נישט שטראָפען פאַר די רייד, זאָג איך, רעכענט זיך, ווי מיט אַ טאַטען, און געה שריי חי-וקים! נאָר מסתמא, זאָג איך, בעדאַרף אַזוי צו זיין; ער איז אויבען אין דער הויך, זאָג איך, און מיר זענען דאָ אין דער ערד, טיעף, טיעף אין דער ערד, מוזען מיר זאָגען, אַז ער איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט, וואָרום, אַז מיר זאָלען וועלען שמועסען טאַקע דאָס אייגענע ווידער צוריק.

שמייכל, יענעם שמייכל, וואָס איז נישטאָ אויף די ליפּען, ווייל עס איז צוגאָסען איבער׳ן גאַנצען וועזען, ווייל עס איז אַליין דאָס גאַנ-צע וועזען... שמשון הגבור׳ס קראַפט איז געווען בעהאַלטען אין די לאָקען; אויך שרייבער זענען פאַרהאַן, וואָס זייער גאַנצע גבורה ליעגט אין איין פּונקט. צו דעם מין שרייבער געהערט אויך שלום-עליכם, וואָס זיין קראַפט איז — זיין הומאָריסטישער קוק אויפ׳ן לעבען. און דער הומאָריסטישער קוק איז פערבונדען מיט דער פריהער שוין דער-מאָהנטער פּאַסיוויטעט. פּאַסיוויטעט איז אָפט דער טייטש — זיך אונטער-געבען דעם לעבען: דאָס איז אַ וואָכעדיגע, אַ טרויעריגע פּאַסיוויטעט; פאַרהאַן אָבער אַ העכערע, אַ ליכטיגערע, אַ יום-טוב׳דיגערע, — די, וואָס נעהמט זיך, פערקעהרט, פונ׳ם שטעהען העכער פאַר׳ן לעבען: דאָס איז די הומאָריסטישע פּאַסיוויטעט. דער הומאָריסט איז נישט צופריעדען מיט דער וועלט, אָבער זיין אונצופריעדענהייט, ווייס ער, איז אויך נישט מעהר, ווי אַ טייל פון דער וועלט, מיט וועלכער ער איז נישט צופריעדען... ער איז אַ קינד פונ׳ם פּעסימיסט, אָבער ער איז אַ שמייכלענדיג קינד, וואָס גלעט אויס די קנייטשען אויפ׳ן כמורען געזיכט פונ׳ם פאָטער. ער זאָגט צו איהם: דו נעהמסט די וועלט צו ערנסט, דו האַלטסט פון איהר און פאָדערסט פון איהר מעהר, וויפיעל זי האָט; קוק אויף אָט די קליינינקייטען פון ווייטען (פון אַ געהעריגער ווייטקייט זעהט אויס אַלץ קליין), וועסטו זעהען, אַז ס׳איז פאַרהאַן מעהר פון וואָס צו לאַכען, וויעדער וויינען — דו ביזט גערעכט, וואָס זי געפעלט דיר נישט, די וועלט; אָבער פאַר-האַן אַ זאַך, וואָס איז גערעכטער פאַר גערעכטיגקייט: דאָס איז די דערבאַרעמדיגקייט... דו ביזט פּעסימיסטיש, ווייל... דו ביזט צופיעל אָפּטימיסט. דו מיינסט, די וועלט פערדיענט, מען זאָל זי שטראָפען; אָבער זי פערדיענט נישט מעהר, ווי פערגעבונג... אַזוי לאָזט אויס דער קאָנזעקוועטער און דערפאַר פרעהליכער פּעסימיסט און לאַכט, וואָס ער האָט זיך בענאַרישט און געוואָלט אויף אימיצען ווירקען, אי-מיצען קליגער מאַכען; ער לאַכט, — ווייל די אייגענע נאַרישקייטען פערגיט ער פונקט אַזוי גוט, ווי די פרעמדע...

פערגעבונג — יאָ, אָט דאָס איז דער ביטערסטער וואורצעל און צוגלייך אויך די זיסעסטע פרוכט פון יעדען אמת׳ן הומאָר. דער טיי-ערסטער, דער מענשליכסטער שטריך אין טביה דעם מילכיגען איז טאַקע דאָס, וואָס ער, דער פּראָסטאַק, קאָן אַלץ פערשטעהן און

ער איז עס טאַקע גאָר נישט מחויב, אַז עס איז גאָר נישט זיין זאַך איבערצרמאַכן די וועלט, — אין דער צייט, וואָס מענדעלי, ווען ער איז מוסיף צו אַזוינע שטיקלעך מוסר זיין — „נישט דאָס בין איך אוי-סען", זייט איהר, פערקעהרט, זיכער, אַז ער איז עס זעהר און זעהר אויסען.

**און אָט דאס איז דער ערשטער אונטערשיעד צווי-שען די ביידע שרייבער.**

מענדעלי וויל „איבערמאַכן די וועלט", שלום-עליכם — נישט. מענדעלי, אַלס שרייבער, איז אַן אַקטיווער, אַ מאַנסבילשער כאַראַקטער, שלום-עליכם, פערקעהרט, אַ פּאַסיווער, אַ פעמינינער כאַראַקטער.

אין די מינוטען, ווען ער איז נאָר קינסטלער האָט אויך מענ-דעלי אין עצם ליעב זיך אונטערגעבען דער ריין עסטעטישער פאָרם (און אין איהר איז שטענדיג פאַרהאַן עפּיס אַ רוהיגקייט, אַ פּאַסיווי-טעט). נאָר דאָס איז די מעשה, וואָס, צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען, איז מענדעלי נישט נאָר קינסטלער; אָפט וואַכט אין איהם זיין צוויי-טעס איך, זיין אונרוהיגעס, קעמפפערישעס, פּובליציסטישעס איך, וואָס איז אַזוי שטאַרק, אַז עס צווינגט דעם קינסטלער מענדעלי זיך איבערצוגעבען אין זיינע הענד, זיך בעהעפטען מיט איהם און ווע-רען מיט איהם איינס, און אָט דאַן ווערען עס בעשאַפען יענע וואונ-דערליכע אייגענאַרטיגע בילדער, וואָס שלום-עליכם זאָגט אויף זיי אין זיין הקדמה צו „סטעמפעניו", אַז „זיי האָבען אין זיך צוויי געשטאַל-טען, אַ רעכטע זייט מיט אַ לינקע זייט, איין אויבערצייג מיט אַן׳ אונ-טערשלאַג"; דאַן טרעט עס אַרויס פאַר אונז יענס דאָפּעלט און דאָך גאַנץ געזיכט, וואו פון דעם רוהיגען קוק פונ׳ם קינסטלער לייכט אַרויס די אומרוהה פונ׳ם מוסר-זאָגער, וואו דאָס זיסע שמייכעל פונ׳ם הומאָ-ריסט בעהעפט זיך מיט דעם ביטערן — פונ׳ם סאַטיריקער... ביי שלום-עליכם׳ן זענען אויך פאַרהאַן נישט ווייניג סאַטירישע און פּובליציסטישע שטעלען; נאָר אין דער צייט, ווען מענדעלי איז מיט זיין סאַטירע און פּובליציסטיק אַזוי צונויפגעוואַקסען, אַז איהר קאָנט איהם גאָרנישט אָב-טיילען פון זיי, איז, פערקעהרט, פאַרשטעלען זיך שלום-עליכם׳ן אין דער געשטאַלט פון אַ מוסר-זאָגער און אַן׳עצות׳געבער — זעהר אַ שווערע זאַך: **שלום-עליכם איז אַ הומאָריסט, און נאָר אַ הומאָ-ריסט.** דער מאַלער, וואָס ווערט אונז ווערען ווייזען אין אַ פּאָרט-רעט דעם עצם, דעם תמצית פון זיין איך, ווערט אונז ווייזען זיין

דאָך פאַרהאַן ביי אונזער שרייבער, וואו דער שניט און דער שטייגער פון מענדעלי׳ס שרייבען האָט זיך אויפגעהיט אין זיין ריינער גע-שטאַלט — איז אָט דאָרט קאָן מען זעהען די פעדים, וואָס ציהען זיך פון ז ײ ד ע ן צום א י י נ י ק ע ל; אַזוינע ערטער זענען פאַרהאַן אין דער בעשרייבונג פון דער „שטאָדט כתרילעווקע", אין „עולם הבא", אפילו אין אַזאַ עכט שלום-עליכם׳ישער זאַך, ווי „אַ מעשה אָהן אַנ׳עק"; איך וועל דאָ ברענגען אַ ציטאַט פון דער ערצעהלונג „אויפ׳ן פידעלע": „דאַכט זיך, וועמען בעדאַרף עס אָנגעהן, למשל, אַז אַ יודיש בחור׳ל געהט זיך שבת בייטאָג שפּאַצירען אַ ביסעל ווייטער אונטער דער שטאָדט? צי ס׳איז טאַקע מעהר נישטאָ וואָס צו טון, נאָר נאָכקוקען, אין זינען האָבען יענעם? וואָס העלפען אָבער די אַלע טענות, אַז עס ליגט שוין אַזוי ביי אונז אין דער נאַטור, ביי יודען, הייסט דאָס, גוט צוקוקען זיך צו יענעם, אַכטונג געבען, געפינען חסרונות און גע-בען עצות. למשל: צוגעהן צו אַ ווילד פרעמדען בשעת ער דאַווענט און צורעכט מאַכען איהם דעם „של ראש" פון די תפילין; אָדער אָב-שטעלען איהם, בשעת ער לויפט און איז פערטראָגען, אַז עס האָט זיך ביי איהם ד אַ כ ט. ז י ך פערקאַטשעט אַ הויז; אָדער אָנווייזען יענעם מיט׳ן פינגער, ער זאָל נישט וויסען, וואָס איהר מיינט: צי די נאָז, צי די באָרד, צי וועלכע גוטע יאָהר? אָדער צונעהמען ביי יענעם פון די הענד, בשעת יענער מוטשעט זיך און וויל עפּיס עפענען און זאָ-גען איהם: איהר קאָנט נישט, לאָזט מיך; אָדער אָבשטעלען זיך בשעת יענער בויט אַ שטוב און אויסזעצען איהם אַ חסרון, אַז די סטעליע איז, דאַכט זיך, צו הויך, די חדרים צו גראָם און די פענסטער אומגעלומ-פערט ברייט, כאָטש נעהם צעוואַרף די שטוב און שטעל זיך בויען גאָר איבער אַ נייס!... אָט אַזוי, הערט איהר, איז שוין ביי אונז איינ-געפיהרט פון קדמונים. פון ששת ימי בראשית".

איך האָב געבראַכט אָט דאָס לאַנגע ציטאַט נישט נאָר, ווייל מיר האָבען אין איהם אַ פיין שטיקעל מענדעלי מו"ס, נאָר אויך ווייל דאָס לאָזט זיך אויס מיט אַ שורה, וועלכע ווייזט אונז צו גלייכער צייט, אַז די עהנליכקייט צווישען די ביידע פאָלקס-שרייבער איז דאָך מעהר נישט ווי אַ אויסערליכע; „מיר וועלען מיט אייך, לאָזט אויס שלום-עליכם דעם אָקאָרשט געבראַכטען שטיקעל מוסר: מיר וועלען מיט אייך די וועלט נישט איבערמאַכען, מיר זענען דאָס גאָר נישט מחויב". און הגם ער זאָגט עס איראָניש, גלויבט איהר איהם מיט׳ן גאַנצען האַרצען, אַז

כתרילעווקע (קאַבצאַנסק). פּרטים, יחידים, וואָס האָבען זיך אָבגעטיילט פון קהל, זיך דערווייטערט פון כתרילעווקע, זענען פאַראַן אויך ביי איהם, און אַ סך מעהר, ווי ביי מענדעלי׳ן, נאָר, אַזוי ווי ביי׳ן לעצטען, זענען זיי אויך ביי איהם מעהר נישט ווי אויסנאַהמען, און סוף-כל-סוף זענען זיי נאָר אַ קאָנטראַסט צו דער גאַנצקייט פון דער אינדיפערענצירטער מאַסע, וואָס פילט אָן דעם חלל פון זיינע ווערק. און דערצו, אַז ס׳קומט טאַקע צו מאָלען אָט די יחידים, זענעןביידע, אי מענדעלי, אי שלום-עליכם בריות, נאָר אויף וויפיעל קאַבצאַנסק און כתרילעווקע שטעקט נאָך אויך אין זיי, אין אָט די אינטעליגענטען, די יחידים. כתרילעווקע און קאַבצאַנסק מאָלט אונז שלום-עליכם אויך דאַן, ווען ער קלייבט זיך אַריבער מיט זיינע פאַרשוינען אין וויען, אין אַנטווערפען, אין לאָנדאָן אָדער אין ניו-יאָרק: אַזוי ווי דער „זיידע״, אַזוי איז אויך ער געווען און געבליבען דער שילדערער פון׳ם געטא-יודען, אַלץ איינס, צי דאָס געטא איז אַרום אָדער אין דעם יודען.

אָבער נישט נאָר אין דער אַלגעמיינער טעמע פיהלט זיך די קרובה׳שאַפט צווישען מענדעלי׳ן און שלום-עליכם׳ן; זי שפירט זיך אויך אין איינציגע פארשוינען: אריה-לייב אינ׳ם „ערשטען אַרויספאָהר״, ווען ער קומט אָן מיט זיין חבר אין דער גרויסער שטאָדט אַריין, דערמאָנט נישט ווילענדיג אָן בנימין השלישי; די בעל-הבית׳טע פון דער אכסניה, וואו די קליינשטעדטילדיגע משכילים פון דער נאָר וואָס דערמאָנטער ערצעהלונג שטעלען זיך אָב, איז אַ נאָהענטע קרובה פון רייזע דער בעל-אכסניה׳טע אין „ווינשפינגעריל״: בייביידען אונטער די געוואַלדען און קולות און קללות פיהלט זיך אַ שטילע, אַ ווייכע, אַ יודישליכע, אַ מוטערליכע גוטהאַרציגקייט; ווייטער, די ביאָגראַפיע פון מענדער בלאַנק איז עהנליך צו דער לעבענס-בעשרייבונג פונ׳ם „קליינעם מענשעלי״, און מנחם מענדיל מיהופּעץ — איז ער נישט קיין גלגול, קיין ווייטערדיגע, קאָנזעקווענטערע דורכפיהרונג פון אלתר יכנה״ז?

נאָר נאָך מעהר ווי אין די פאַרשוינען איז די ווירקונג מענדעלי׳ס קענטיג אין דעם סטיל שלום-עליכם׳ס. אמת, זיין סטיל איז אַזוי אייגענאַרטיג, אַז אפילו די יסודות זיינע, וואָס שטאַמען פון מענדעלי׳ן, האָבען מיט איהם זיך אַזוי צונויפגעגאָסען, אַז ס׳איז שווער זיי גאָר צו דערקענען און אָבצוזונדערן, אָבער איינציגע ערטער זענען

געווינס פאַר דער יודישער ליטעראַטור, ווי דער לעצטער; פון דער אַנדער זייט אָבער געפעהלט יענעם הויפטזעכליך די שוואַכע, די „שמ"ר'ישע, דעם אָבער, פערקעהרט, — די שטאַרקע, די „מענדעלי'-שע" זייט פון שלום-עליכם'ס שאַפען — דער הומאָר.

וועגען אָט דעם הומאָר וועלען מיר רעדען אין דעם צווייטען קאַפּיטעל, וואו פון דער מעהר אויסוועניגסטער שמ"ר-טענדענץ וועלען מיר איבערגעהן צו דער מעהר אינוועניגסטער און קינסטלערישער „מענ-דעלי"-טענדענץ.

# II.

מיט דער מענדעלי-טענדענץ אין שלום-עליכם'ס שרייבען מיין איך די אַלגעמיינע טענדענץ צו זיין פאָלקסטימליך, יודישליך-אָריגינעל. געוויס איז די דאָזיגע טענדענץ ביי אונזער שרייבער אַנ'אייגענע, אַנ'-אינוועניגסטע, נישט קיין איבערגענומענע; דאָך איז זי פערבונדען מיט דעם, אויף וועלכען שלום-עליכם האָט פון אָנהויב אָן געקוקט, ווי אויף זיין „זיידען". דער זיידע און דאָס אייניקעל, ווי מיר וועלען זעהען ווייטער, זענען נישט נאָר צוויי בעזונדערע צורות, נאָר טאַקע צוויי גאָר בעזונדערע פערזענליכקייטען; דער ערשטער האָט דעריבער נישט געקאָנט זיין קיין קוואַל, וואָס זאָל געבוג זיין אויף צו נעהרען דעם צווייטען; נאָך וועניגער האָט ער געקאָנט זיין אַ מוסטער, אַ מאָ-דעל, וואָס דער זאָל קאָנען אָדער וועלען איהם נאָכמאַכען מיט אַלע הידורים. ער איז געווען נאָר אַ שטערן, וואָס האָט בעלויכטען דעם וועג, וועלכען אונזער שרייבער האָט אַליין זיך אויסגעטראָטען. נאָך ריכטיגער איז צו זאָגען, אַז ער איז געווען פאַר אונזער דיכטער דאָס, וואָס פאַר'ן חזן דער קאַמער-טאָן: ער האָט איהם געהאָלפען „אָנשטע-לען דעם האַלז", ער האָט איהם געוויזען דעם טאָן, וואָס ער זאָל נעהמען, דעם שניט, וואָס ער זאָל זיך שניידען אויף איהם.

דער שניט מענדעלי'ס פיהלט זיך פריהער ווי אַלץ אין דער אַל-געמיינער טעמע און אין דער סביבה, וואָס שלום-עליכם בעשעפטיגט זיך מיט זיי: אַזוי ווי ביי יענעם, אַזוי איז אויך ביי איהם די הויפט-טעמע: — דאָס לעבען פון דעם יודישען כלל, די סביבה: —

נישט קיין יודישע ליטעראַטור (יודישע ליטעראַטור איז געשאַפֿן „פֿאַר דער מאַסע״, נישט פֿאַר די „אינטעליגענטען״): שלום-עליכם פֿאַר זיי איז אַ גרוס פֿון דער היים, אַ כּתרילעווקער מומע, אַ יודישער וויץ, אַ מין דערצעהלען אין פריידען קינדערשע נאַרישקייטען. שלום-עליכם איז פֿאַר זיי נישט קיין יודישע ליטעראַטור, ער איז די נאָהענטע יודישע פערגאַנגענהייט. פֿאַר דער רוהיגקייט פֿונ׳ם נאַציאָנאַלען געוויסען איז די פערגאַנגענהייט נישט אַזוי געפֿעהרליך, בפרט די נאַרישע, די כּתרי-לעווקער פערגאַנגענהייט, און בפרט די, וואָס דער הומאָר האָט אונז בעפֿרייט פֿון איהר. שלום-עליכם׳ס הומאָר — דאָס איז די וויכטיגסטע סבה, צוליעב וועלכער דער יודישער „אינטעליגענט״ שעמט זיך נישט צו לייענען אָדער, ריכטיגער, צו הערען ווי מען לייענט שלום-עליכם׳ן. נישט נאָר די פּרעהליכקייט פֿונ׳ם הומאָר איז גובר די שעמעוודיגקייט, נאָר אויך ווייל דורך דער הומאָריסטישער בעלייכטונג רוקט דער שריי-בער אָב די יודישע סביבה, וועגען וועלכער ער דערצעהלט, פֿון די, פֿאַר וועמען ער דערצעהלט עס; ער רייסט איבער די פֿעדים צווישען איהם און זיי און בעפֿרייט זיי אויף דעם אופֿן פֿון דער מאָראַלישער פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר איהר.

מען קאָן דעריבער זאָגען, אַז אויב דעם פּראָסטען, נישט גע-בילדעטען לעזער האָט שלום-עליכם צוגעצויגען דורך דעם, וואָס ער האָט זיך אַליין און די פֿאַרשוינען זיינע דערנעהנטערט צו איהם, האָט ער ביי׳ם לעזער פֿון דער „אינטעליגענץ״ אויסגענומען דערמיט, וואָס ער האָט איהם געגעבען, פֿערקעהרט, די מעגליכקייט אַ קוק צו טון אויפ׳ן יודישען לעבען — פֿון דערווייטען. שלום-עליכם איז דער איינציגער יודישער שרייבער, וואָס רוקט אונז צו אַזוי נאָהענט צום רעאַלען יודישען לעבען — און האַלט אונז דאָך אַזוי ווייט פֿון איהם; דערפֿאַר לייענט איהם אי דער נאָהענטער, אי דער ווייטער: דעם נאָהענטען, פּראָסטען לעזער פֿון פֿאָלק שרעקט ער נישט אָב דורך צו-שטרענגע ליטעראַטור-פֿאָרמען, דעם ווייטען, דעם יו-דישען אינטעליגענט, פֿערטרייבט ער נישט דורך צו-ערנסטע יודישע לעבענס-פּראָבלעמען. צום ערשטען איז ער צוגעפּאַסט דורך זיין פּרעהליכען „הערכּסט-אינטערעסאַנטען״, אויסוועניגסטען סטיל, צום לעצטען — דורך זיין נאָך פּרעהליכערען, ווייל נאָך הומאָריסטישערען אינוועניגסטען סטיל.

דער ערשטער איז אָהן קיין שום ספק אַ גרעסערער און זיכערערער

אין שלום-עליכמ׳ן, יעדערן האָט ער עפּיס צו דערצעהלען, איטליכען פּערטרייבט ער די צייט און די מחשבות. אַפילו די, וואָס לייענען קיינמאָל נישט קיין ליטעראַטור, ווייל זיי ווייסען נישט, מיט וואָס מען עסט עס, אָדער ווייל זיי האַלטען סתם נישט פון די מעשה-ביכלעך, אַפילו די, אַז זיי הערען, ווי מען לייענט פאַר שלום-עליכמ׳ן, נויגען זיי צו דאָס אויער: זיי קאָנען נישטביישטעהן בײ׳ם נסיון... אַפילו די, וואָס זענען ווייט פונ׳ם יודישען לעבען און פון דער יודישער ליטעראַטור נאָך ווייטער, אָדער די, וואָס יודישע ליטעראַטור איז ביי זיי רעכט, נאָר נישט קיין „זשאַרגאָן", און אַפילו די, וואָס האָבען זיך פערגעסען אָדער גאָר קיינמאָל נישט געקאָנט לייענען יודיש, — אַז זיי דערהערען דעם נאָמען שלום-עליכם לעבען זיי אָב! שלום-עליכם שטעהט העכער פון אַלע פּאַרטייען. ער איז אַ מין סימבאָל פון דער יודישער איינגקייט... אַמאָל פלעגט מען זאָגען, אַז אויב איינער וויל וויסען, צי עס געפינען זיך יודען אַרום איהם, זאָל ער אָנהויבען זאָגען מיט דעם ימים-נוראים׳דיגען ניגון: יתּ—ג—דל; אויב עס געפינט זיך דאָ אַ יוד ערגיץ, וועט ער גלייך גיִווּיס אונטערכאַפּען: ויתקדש; איצט קאָן מען די זעלביגע פּראָבע מאַכען מיט אַ „שטיקעל" שלום-עליכם: דער גרעסטער „אַסימיליאַטאָר", אַז ער וועט דערהערען שלום-עליכמ׳ן, וועט ער זיך נישט איינהאַלטען און בעטען: נאָך... נישט אַפּילו, נאָר דוקא דער „אסימיליאַטאָר", וואָרום ערגיץ קוויקט מען זיך נישט אַזוי מיט שלום-עליכמ׳ן, ערגיץ פיהלט מען נישט אַזאַ „פּיקאַנטען" טעם אין איהם, ווי ביי אָט די כלומרש׳ט-יודען. זיי פערשטעהען, דאַכט זיך, נישט קיין יודיש — שלום-עליכמ׳ן פערשטעהען זיי. אַ חוץ אַ פּאָגראָם, נעהמט זיי, דאַכט זיך, קיין זאַך נישט דורך אינ׳ם יודישען לעבען — שלום-עליכם נעהמט זיי דורך. אַ פּאָגראָם עפענט אין זיי אויף דעם פערבאָרגענעם קוואַל פון יודישע טרערען, שלום-עליכם — דעם וועניגער טיעפען, אָבער נישט וועניגער בעהאַלטענעם קוואַל פון יודישען געלעכטער. ווען מען זעהט, ווי זיי קאָכען זיך אין הערען עפּיס פון שלום-עליכם, קאָן מען מיינען, אַז דאָס גאַנצע יודישקייט זייערס איז אַריין אין אָט דעם בענקעניש נאָך אַ לעבעדיג בילד פון כתרילעווקע. אָדער פערקעהרט: מען קאָן מיינען, אַז אין דער קאָמישקייט פון די כתרילעווקער זוכען זיי אַ טרייסט צו דעם טראַגיזם פון די, וואָס זענען אַנטלאָפען פון כתרילעווקע; אַזוי ווי איינער זאָגט: פאָרט בעסער, ווי דאָרטען בלייבען... ווי די מעשה איז: שלום-עליכם איז פאַר זיי

אַ שטיק יודיש לעבען, אַ שטיק יודיש מיליע,—ער איז געוואָרען אַליין אַ שטיק כּתרילעווקע. אויסמעקען שלום-עליכם׳ן פון דער יודישער סביבה איז פונקט אַזוי אונמעגליך, ווי אויסמעקען פון דאָרט די בעריהמטע חזנים און שפּיעלער׳ס, די „סטעמפּעניו׳ס״ און די „יאָסעלע סאָלאָוויי׳ס״. עס איז מיר אַ וואונדער, וואָס שלום-עליכם, וואָס האָט שוין אונז דערצעהלט וועגען דרייפוס׳ן אין כּתרילעווקע און וואָס האָט שוין צייט געהאַט אונז אָבצומאָלען די „גימנאַזיע״ און דעם טעאַטער און דעם ציוניזם און די רעוואָלוציע און די דומא אין כּתרילעווקע, האָט נאָך נישט אויפגעשריבען דעם קאַפּיטעל: שלום-עליכם אין כּתרילעווקע. דאָס וואָלט דאָך געווען אַזאַ עכט-יודיש זשאַנר-בילד! ווען מיר וועלען פערמאָגען אַן אמת יודישען זשאַנר-מאַלער, און ער וועט האָבען אַ געפיהל אין אידיליע און הומאָר, בין איך זיכער, אַז איינס פון זיינע חנ׳עוודיגסטע בילדער וועט אונז ווייזען, ווי אין אַ בעל-הבתישער שטוב, וואו אויף די ווענט הענגען פּאָרטרעטען פונ׳ם גר״א און פון מאָנטעפיאָרע און פון דאָקטאָר הערצל, אַרום אַ גרויסען טיש מיט פונאַנדערגענומענע פליגלען און אַן אַלטמאָדישען ירושה-סאַמאָוואַר, וואָס האַלט אין אָבקיהלען, זיצען אין אַ חול-המועד׳יגען טאָג, אין פערשיעדענסטע פּאָזעס, מיט רוהיגע און שמייכלענדיגע פּנים׳ער, יודען מיט און אָהן בערד, איינער אין אַ יאַרמעלקע, ווייבער אין פּאַריקען און מיט די אייגענע האָהר, און ווייבער אין מאָדע-פריזורען און קינדער פון פערשיעדענער עלטער, רוהיגע און שטיפער—זיצען און הערען זיך איין, ווי איינער פון די יונגע, אַודאי אַנ׳איידעם אויף קעסט, לייענט, אָנגעלענט אויף אַנ׳אָבגערוקטען שטוהל, מיט גאָר אַ בעזונדער ברייטקייט, אַ „שטיקעל״ שלום-עליכם. דער אַלטער אין דער יאַרמולקע,—זאָל עס זיין אַ זיידע? האָט אויפגעהויבען די אויגען מיט די ברילען פונ׳ם דיקען ספר, אין וועלכען ער האָט אַריינגעקוקט; אין טהיר פון אַ זייטיגען צימער האָט זיך פלוצלונג בעוויזען מיט אַ דאַנקבאַרען פערטראָגענעם פּנים׳ל אַ יודיש טעכטער׳ל, אַ גימנאַזיסטין, מיט אַנ׳אָפענעם גוי׳עשען לעהרבוך אין האַנד, און דאָרט פון ווייטען ביי דער קיך-טיר שטעהט אַ פּאָרזיכטיגע, גרייט צו ענטלויפען, מיט פערקאַשערטע אַרבעל און אַנ׳אָפענעם מויל, די יודישע דינסט... אַלע פון קליין ביז גרויס, פרום און נישט פרום, משכיל און אָרטאָדאָקס, מאַנסביל און פרויענצימער, די בעל-הבית׳טע און די דינסט, דער בעל-הבית און זיין אָנגעשטעלטער, אָרעם און רייך—אַלע פיהלען אַ טעם

לעזער". „אין דער צייטונג, — ווען שטעהן ווייטער אַ ביישפּיעל, וואו אויף איין זייט פּלעגט זיך דרוקען „די פערשלייערטע דאַמע" און אויף דער אַנדערער „דער בלוטיגער שפּאַס", — אין דער דאָזיגער צייטונג, ווען מען זאָל זי אָבזוכען אין אַרכיוו, קאָן מען זעהען בחוש, ווי דער לעזער פון פאָלק, דער גאַסען-און-מאַסען-לעזער, האָט זיך דאַן געפונען צווישען צוויי קרעפטען, איינע האָט איהם געשלעפּט נאָר אַראָב און אַראָב, צוריק צו שמ"ר'ן און צו זיינע חברים, אין דער צייט, ווען די אַנדערע, די שלום-עליכם'שע, האָט, אַליין זיך אַראָבלאָזענדיג, איהם געצויגען ארויף"...

שלום-עליכם אָבער — און דאָס קאָנען מיר שוין זאָגען נישט וואַרטענדיג אויף דער „היסטאָריע" — שלום-עליכם האָט צוגעצויגען צו דער יודישער ליטעראַטור נישט נאָר דעם מאַסען-לעזער פון פאָלק; — זיין השפעה דערגרייכט ביז די אַזוי אָנגערופענע העכערע שיכטען: אויך דאָרט לייענט מען איהם און מען האָט פון איהם הנאה. עס זע-נען פאַרהאַן ביי אונז שרייבערס, וואָס מען האָט פאַר זיי אפשר מעהר אַראָבפּאַל, מעהר יראת-הכבוד, ווי פאַר שלום-עליכם'ן, אָבער עס זע-נען נישטאָ ביי אונז קיין שרייבערס, וואָס זייערע ווערק זאָל מען לייענען מעהר ווי שלום-עליכם'ס — פון וואַנען נעהמט זיך עס? איינער ווען זאָגען: ס'נעהמט זיך פון זיין הומאָר: הומאָריסטען ווערען שטענדיג געלייענט מעהר ווי אַלע אַנדערע; אַנ'אַנדערער ווען מוסיף זיין: ער איז פּאָפּולער ביי'ן עולם, ווייל ער שרייבט פּאָפּולער; מ'דאַרף זיך קיין איין האָר נישט אָנשטרענגען כדי איהם צו פערשטעהן. און אָט די ביידע ערקלערונגען, וואָס זענען איינס דאָס אַנדערע ממלא, זענען געוויס ריכטיג. איך מיין אָבער, אַז די ערקלערונג, די, וואָס איז כולל אויך יענע אין זיך, ליגט דערין, וואָס אין די אויגען פונ'ם דורכשניטליכען יודישען לעזער איז שלום-עליכם עפּיס אַנדערעס ווי ליטעראַטור, ער איז עפּיס אַזוינס, וואָס איז אי וועניגער, אי מעהר ווי ליטעראַטור: וועניגער — ווייל ס'איז נישטאָ אין איהם די שטרענגקייט, די אָבגעזונדערטקייט, די „געזעצטקייט" פון ליטעראַ-טור; מיט אַנדערע ווערטער, ווייל ער רופט נישט אַרויס דאָס דיס-טאַנץ-געפיהל, וואָס אַ קינסטלעריש ווערק רופט געוועהנליך אַרויס ביי די, וואָס געניסען עס; ער איז אָבער מעהר ווי ליטעראַ-טור, ווייל ער איז איינגעוואַקסען, איינגעוועבט אַזוי אינ'ם יודישען לעבען, אינ'ם יודישען מיליע, אַז ער איז שוין לאַנג געוואָרען אַליין

געשמאַק דער, ווען עס האָט דערעסן די גלאַטקייט און די קאָ-
רעקטהייט און די ליטעראַרישקייט פון די כשר'ע מיטעלמעסיגקייטען.

אויב איך האָב זיך אָבגעשטעלט אויף די ביי דער „שונד" גע-
באָרגטע אונליטעראַרישע פאָרמען פון די לעצטע שלום-עליכם'ס ראָמאַנען,
האָב איך עס געטאָן, ערשטענס, כדי דער לעזער זאָל דאָך זעהען
גישט נאָר דעם גלייכען וועג, נאָר אויך די קרומע הינטערוועגען פון
אונזער שרייבער'ס שאַפען און, צווייטענס, האָב איך עס געטון, ווייל
די דאָזיגע ראָמאַנען גיבען אונז אַ קלאָרען בעגריף וועגען די צוויי
טענדענצען אין שלום-עליכם'ס שרייבען, וועגען וועלכע מיר האָבען
אָנגעהויבען צו רעדען גאָר אין אָנהויב, וועגען די צוויי טענדענצען,
וואָס זענען אויסגעדריקט אין די נעמען מענדעלי און שמ"ר.
אין די נאָר וואָס דערמאָנטע ראָמאַנען האָט דאָס, וואָס מען קאָן אָנ-
רופען אינוועניגסטער סטיל, אַ מענדעלי-טענדענץ, און דאָס, וואָס
הייסט אויסווענדיגסטער סטיל, אַ שמ"ר-טענדענץ. נאָך מעהר: פאַר
די דאָזיגע ראָמאַנען פאַסט שוין גאָרנישט אַזוי שלעכט דער אויס-
דריק, וואָס איך האָב פריהער מורא געהאַט, ער זאָל נישט פאַלש אויס
געטייטשט ווערען, דער אויסדריק: מענדעלי איז שלום-עליכם'ס יצר-
טוב, שמ"ר — זיין יצר-הרע. אין די דאָזיגע ראָמאַנען זעהען מיר בע-
שיינפערלעך, ווי דאָס מענדעלישע, כ'מיין דאָס אָריגינעל-
פאָלקסטימליכע, ציהט איהם אַרויף, אַהין, וואו עס שוועבט זיין
גייסט, זיין טאַלאַנט; דאָס שמ"ר'ישע אָבער, דאָס טריוויאַל-פאָלקס-
טימליכע, שלעפט איהם אַראָב, צום לעזער, צום עולם-גולם — — —

דעם פריינד פון דער יודישער ליטעראַטור קאָן דאָס דאָזיגע צו-
גרויסע צוכאַטען זיך צום לעזער נישט שטאַרק געפעלען, דער היס-
טאָריקער פונ'ם יודישען לעזער אָבער וועט זעהען אויך דערין אַ פּאָ-
זיטיווע, אַ נוצליכע זאַך. פאַר דעם, וואָס וועט זיך שטעלען אויף אַנ'-
אָביעקטיוון, אויף אַ היסטאָרישען שטאַנדפונקט וועט דאָס העל-
פען שאַפען אַ לעזער פאַר דער ליטעראַטור אויסקומען פונקט
אַזוי נוצליך, ווי דאָס אָנטייל נעהמען אינ'ם שאַפען אַ ליטעראַטור
פאַר'ן לעזער. נאָך דעם, פאַר אונז דערווייל נאָך מאָדנע קלינגען-
דיגען זאַץ: „שמ"ר האָט געהאָלפען מאַכען פונ'ם ניט-לעזער אַ לע-
זער", וועט ער, דער היסטאָריקער שטעלען: „שלום-עליכם אָבער האָט,
אַ חוץ אַנדערע גרויסע פערדיענסטען, געהאַט אויך דעם פערדיענסט,
וואָס אַ דאַנק איהם איז דער שמ"ר-לעזער געוואָרען ... אַ שלום-עליכם

בלאַנק", „סטעמפעניו", „יאָסעלע סאָלאָוויי"; ווי איינפאַך און ווי שטיל! ווי רופען זיך די לעצטע ראָמאַנען? „דער מבול"! „בלאָנדזשענדע שטערן" !! „דער בלוטיגער שפּאַס"!! אַ אויסערגעוועהנליכער ראָמאַן!!! די אויסרוף-צייכענס, פערשטעהט זיך, געהערן מיר, אָבער זענען זיי דען איבריגע? בעטען זיי זיך דען נישט נאָך די דאָזיגע נעמען? פיהלט מען דען אין זיי נישט דעם גייסט פון דער טעגליכער פּרעסע, פון דער כראָניק, פון דער סענסאַציע? ווייזען זיי אונז דען נישט, אַז די טענדענץ זיך אַראָבצולאָזען צום לעזער, די טענדענץ, וואָס איז אייגענטליך געווען ביי שלום-עליכם'ן פון אָנהויב אָן, האָט זיך צופיעל פערשטאַרקט? און ווייזען זיי אונז דען נישט, אַז די פערשטאַרקונג פון אָט דער טענדענץ קאָן בריינגען צו דער געפאַהר, אַז, אָנשטאָט דער שרייבער זאָל פיהרען דעם לעזער „פון דער נידער אָן ביז אַלץ העכער און העכער", ווי עס איז פריהער געווען, זאָל פערקעהרט, גאָר דער לעזער און פערלעגער האָבען די העזה צו פיה-רען דעם שרייבער — און פיהרען נישט אַלץ העכער און העכער, נאָר פערקעהרט?

אַזאַ געפאַהר איז פאַרהאַן געוויס, און אויב זי איז נישט אַזוי גרויס, איז עס נאָר דערפאַר, ווייל זי קומט, ווי געזאָגט, פון דרוי-סען, ני־ט פון דער אינוועניגסטער ענטוויקלונג פונ'ם שרייבער. אין דעם אינוועניגסטען סטיל פון זיין שאַפען איז ער אַזוי זיכער און אָריגינעל, אַז ס'איז נישטאָ אַזוי שטאַרק וואָס מורא צו האָבען, טאָ-מער, וועט דער אויסוועניגסטער, פון זייטיגע אומשטענדען דיקטיר-טער סטיל איהם אינגאַנצען פערדאַרבען אָדער פערשטעלען. אפילו אין די אויבענדערמאָנטע ראָמאַנען מיט די „סענסאַציאָנעלע", כמעט אַמערי-קאַנישע נעמען זענען פאַרהאַנען צעהנדליגער, הונדערטער זייטען, וואָס קיינער, אַ חוץ שלום-עליכם'ן, האָט זיי נישט געקאָנט אָנשרייבען, און, ווען עס וואָלט נישט אויסגעזעהן, ווי אַ פּאַראַדאָקס, אָדער ווי אַ חנ'-דעל, וואָלט איך געזאָגט, אַז אין דער עצם זאַך, וואָס אַ שרייבער מיט אַזאַ טאַלאַנט נעהמט און געברויכט האַלב-ערנסט פרימיטיווע און פרימיטיווסטע מאַניערען פון שוהל-הויף- אָדער, ווי מען רופט עס אָן ביי די דייטשען, הינטערטרעפּען-ליטעראַטור, אין אָט דער עצם זאַך איז פאַרהאַן עפּיס הומאָריסטישעס, שלום-עליכם'דיגעס, עפּיס אַזוינס, מיט וואָס עס וועט זיך אודאי שעמען דער קליינשטעדטילדיגער „עס-כעט" און אין וואָס עס וועט אָבער דוקא געפינען גאָר אַ בעזונדער

ביי איהם אין די ווערק דאָס, וואָס געהערט איהם אַליין פון דעם, וואָס איז אינספּירירט פונ׳ם... לעזער. געוויס זענען די לעצטע ראָמאַנען פון אונזער שרייבער רייכער און פיעלפאַרביגער און אינ׳ם געזעלשאַפטליכע זין אויך אינטערעסאַנטער פון די פריהערדיגע, די „יודישע ראָמאַנען“, געוויס זענען זיי לויט זייער פּערנעהם און ברייטקייט די איינציגע אין דער יודישער ליטעראַטור. וואָלטען זיי געווען טיעפער און פסיכאָלאָגיש בעדייטענדער, וואָלטען זיי געקאָנט כמעט פערדיענען דעם נאָמען דיאַספּאָראַ-ראָמאַנען, וואָרום זיי ריהרען דאָך אָן נישט נאָר די פערשיעדענסטע גרופּען פונ׳ם יודישען פאָלק, נאָר אויך די פערשיעדענסטע לענדער, און זיי וואָלטען געקאָנט זיין אַנ׳אָנצוהערעניש אויף דעם גרויסען וואַנדער-און-וואונדער-ראָמאַן, אויף דעם אַהאַספער-ראָמאַן, וואָס די מאָדערנע יודישע ליטעראַטור איז שולדיג דעם יודישען פאָלק, און וואָס זי מוז און וועט איהם שאַפען. און דאָך — — און דאָך איז, ביי דעם גאַנצען ווערט און אינטערעס, וואָס די דאָזיגע, לויט דעם אינהאַלט מאָדערנע און לויט דעם פאָרם אַלט-מאָדישע, ראָמאַנען האָבען, — דער אָבגרונד צווישען זיי און די „העכסטאינטערעסאַנטע“ ראָמאַנען אַ סך אַ קלענערער, ווי דער, וואָס איז געווען צווישען די לעצטע און די „יודישע ראָמאַנען“. דאָרט איז די טענדענץ צו ערציהען און אויסצובעסערען דעם לעזער געווען שטאַרקער און בולט׳ער, ווי די טענדענץ איהם צו געפעלען — און דאָ איז פערקעהרט; דאָרט האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָליע, אַ חוץ דער פסיכאָלאָגיע פון די איינציגע פאַרשוינען, אויך די אידעע פונ׳ם גאַנצען ווערק, צום ביישפּיעל די אידעע פון דער יודישער ליעבע, דאָ זענען נאָר די פיעלע איינציגע פערזאָנען געשילדערט מעהר אָדער וועניגער פסיכאָלאָגיש און קינסטלעריש, דאָס גאַנצע אָבער האַלט זיך אויף צופעליגע בעגעגענישען און אינטריגעס, דאָס גאַנצע וויל זיין נישט וואָס גאַנצער, נאָר וואָס „שפּאַנענדער“, נישט וואָס איינהייטליכער, נאָר, פערקעהרט, וואָס פערשיעדענאַרטיגער און פערפּלאָנטערטער, דאָס גאַנצע, מיט איין וואָרט, שטרעבט צום שטאָפליכען, נישט צום קינסטלערישען. ראיות איז איבעריג צו ברײנגען: די, וואָס האָבען געלייענט די ראָמאַנען, בעזונדערס דעם האַלב-נאַטפּינ-קערטאָנישען „מבול“, האָבען עס לייכט געקאָנט בעמערקען. פאַר די, וואָס האָבען זיי נישט געלייענט, איז גענוג צו פערגלייכען די נעמען פון די ערשטע און די לעצטע ראָמאַנען. די ערשטע האָבען זיך גערופען: „סענדער

אין די לעצטע יאָהרען פערנעהמט אויך ביי שלום-עליכם׳ן אין די ראָמאַנען אַ גרויסען, אַ צו-גרויסען אָרט דער שטאָף. אָנשטאָט דעם וועלען אינטערעסאַנט זיין, וואָס האָט זיך געגומען אין די ערשטע ראָמאַנען פון ריין אינוועניגסטע קינסטלערישע מאָטיווען — בעווייזט זיך די שטרעבונג צו זיין העכסטאינטערעסאַנט, די שטרעבונג, וואָס איהרע סבות זענען אָהן קיין שום ספק אויסערליכע, וואָרום, ווען זיי וואָלטען געהאַט אַ וועלכע נישט איז שייכות צום אינעווענינגסטען לעבען פון אונזער שרייבער, וואָלט עס הייסען אַ ירידה פון זיינע קינסטלערישע מעגליכקייטען, אין דער צייט ווען זיי, אָט די אינעווע-ניגסטע מעגליכקייטען פון אונזער דיכטער, האַלטען אָהן קיין שום ספק אין וואַקסען, נישט אין פאַלען; אַ דאַנק די פיעלע נסיעות איבער׳ן תחום און איבער דער וועלט, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר׳ן לעצטען צעהנדליג יאָהר, האָבען געמוזט די גייסטיגע האָריזאָנטען זיינע ברייטער, די ערפאַהרונגען — רייכער און פערשיעדענאַרטיגער ווערען; דאָס האָט בשום אופ׳ן נישט געקאָנט שאַטען דער פאַנטאַזיע דער קינסט-לערישער; היינט ווער רעדט דער הומאָר, דער פרייער, בערוהיגטער קוק אויפ׳ן לעבען, ער שטאַמט דאָך געוויס פון אַ מקור, וואָס קאָן נישט פערשטאָפּט ווערען, פון אַ מקור, וואָס מוז, פערקעהרט, וואָס ווייטער אַלץ ברייטער זיך עפענען, וואָרום ער, דער הומאָר, איז דאָך איינע פון יענע מדות, וואָס, אַזוי ווי גוטער ווייז? ווערען זיי בע-סער און געשמאַקער מיט דער צייט... אלא וואָס דען? עס מוזען זיין אויסערליכע סבות, וואָס צוליעב זיי גיט אָב דער דיכטער אין זיי-נע לעצטע ראָמאַנען דעם אויבען-אָן דעם שטאָף, דעם ספור המעשה, און די וויכטיגסטע פון אָט די אויסערליכע סבות מוז זיין ־די אונגליק-ליכע מאַטעריעלע אַטמאָספערע, אין וועלכער דער יודישער ליטעראַטור קומט אויס צו לעבען, די פערפלוכטע צייטונגס-אַטמאָספערע, ביי וועלכער דער שרייבער מוז אויסשטעהען טאָג-טעגליכע נסיונות און מוז זיין בע-וואָפענט מיט בעזונדערע מאָראַלישע כלי-זיין, אויב ער וויל בלייבען אַ בעל-הבית אויף זיינע קינסטלערישע קרעפטען; אַ לאַגע, וואָס ביי איהר מוז דער שרייבער, וועלכען עס איז בעשערט צו פערבינדען זיין טאָג-טעגליך אויסקומעניש מיט זיין אייביגען לעבען, — זיין אַ קרבן, נישט קיין כהן פון זיין קונסט, און וואָס גרעסער זיין טאַלאַנט און זיין שם איז ביי דעם עולם, אַלץ שווערער איז איהם אויסצומיידען אָט דעם נאַרישען ביטערען גורל, אַלץ שווערער ווערט אָבצוטיילען

איהם, מיט׳ן עולם: „אַ פשוט׳ער, גוטער ברודער אָהן חכמות, אַ שלום-עליכם״, ווי ער האָט זיך אַליין פאָרגעשטעלט אינ׳ם „ערשטען אַרויס-פאָהר״. דער לעזער האָט איהם נישט געדאַרפט גלויבען אויפ׳ן וואָרט, אַז ער איז „אַ פשוט׳ער, גוטער ברודער, אָהן חכמות״, ער האָט עס געזעהען בחוש, בעשיינפערלעך, און פון דער ערשטער מינוט אָן איז ער איהם גרייט געווען אָבצושטעקען אַ שלום-עליכם, ווי אַן׳אייגענעם מענשען, אַן׳אַלטען בעקאַנטען.

נאָך וויכטיגער אָבער איז דאָס, וואָס פון דער ערשטער מינוט אָן איז איהם געפעֶלען געוואָרען **דער דערצעהלער**, נישט נאָר די **ערצעהלונג**. דערמיט האָט דער לעזער פון פאָלק געמאַכט דעם וויכטיגסטען טריט: דעם טריט פון דער **אונפערזענליכער** ער-צעהלונג צו דער **פערזענליכקייט** פונ׳ם דערצעהלער. שמ״ר איז מיט זיין גאַנצער „העכסטאינטערעסאַנטקייט״ געווען און געבליבען פאַר׳ן לעזער אַ טרוקענער, טויטער ראשי-תיבות; האָט איהם **אַנ׳אַנדערער** אונטער דעם זעלבען ראשי-תיבות אונטערגעטראָגען אַ שענע געשיכטע, איז עס אויך אָנגעגאַנגען פאַר גוט געלד; איז שייך, דער מענש פון פאָלק זאָל „פערעהרען״, אַ שטייגער, דעם פאָנאָגראַף אָדער דעם קינע-מאַטאָגראַף, וואָס-איז, ער זינגט איהם, אָדער ער ווייזט איהם שענע זאַכען? אַזוי איז שייך געווען דער לעזער זאָל **פערעהרען** שמ״ר׳ן! שמ״ר׳ס פערזענליכקייט האָט ער נישט געפיהלט און נישט געקאָנט פיה-לען, אַזוי ווי ער פיהלט נישט און קאָן נישט פיהלען די „פערזענ-ליכקייט״ כונ׳ם שוסטער, וואָס נייהט איהם שיך, זיי מעגען זיין ווי גוט. שמ״ר איז געווען נישט מעהר, ווי אַ רעיעלע פירמע. **שלום-עליכם׳ס** לעזער אָבער האָט נישט געקאָנט בלייבען ביי׳ם ספור-המעשה, ביי׳ם שטאָף, ווי אינטערעסאַנט און אַפילו „העכסטאינטערע-סאַנט״ עס איז נישט געווען: שטענדיג, אין יעדער שורה, אין יעדעם וואָרט האָט ער געפיהלט, אַז קיינער, אַ חוץ שלום-עליכם׳ן, וואָלט נישט געקאָנט דערצעהלען די מעשה אָט אַזוי, ווי זי איז דערצעהלט, נישט געקאָנט שטעלען די טראָפּ אָט דאָרט, וואו זי איז געשטעלט.

איך זאָג, אַז דאָס איז דער וויכטיגסטער טריט, וואָס דער יודישער לעזער האָט געמאַכט, ווייל וואָס איז דען דער אונטערשיעד צווישען אונקונסט און קונסט, צווישען שונד און ליטעראַטור, אויב נישט דאָס, וואָס דאָרט איז דער עיקר דער **שטאָף** פון דער **ערצעהלונג** און דאָ — דער **גייסט** פונ׳ם **דערצעהלער**?

געווען, אַז פריהער ווי אַלץ מוז בעפרידיגט ווערען אָט דאָס נאַטירליכע בעדערפניש פונ׳ם פאָלקס-לעזער, דאָס בעדערפניש, וואָס די שמ״ר-ליטעראַטור האָט אַזוי גוט פערשטאַנען עס אויסצונוצען, און אַז כדי אָט דאָס נאַטירליכע בעדערפניש זאָל צופרידען געשטעלט ווערען, און די „העכסטאינטערעסאַנטע״ שונד זאָל פערלירען דעם פונדאַמענט, אויף וועלכען זי האַלט זיך, — איז נויטיג, אַז צו דעם קינסטלערישען רעאַליזם, זאָל צוקומען די קינסטלערישע פאַנטאַזיע, צו דער נאַטירליכקייט — די יום-טוב׳דיגקייט און אונגעוועהנליכקייט. און שוין די ערשטע ווערק שלום-עליכם׳ס, וואו דער עיקר איז נאָך דער רעאַליזם און די נאַטירליכקייט, — זענען בעשאָטען מיט דעם חן׳עוודיגען טאָן פון אונגעוועהנליכע פאַסירונגען און כל׳ערליי פאַנטאַזיעס.

ס׳איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז שלום-עליכם האָט זיך געדאַרפט אָנטון אַ כּח צו מאַכען, זיינע ווערק זאָלען זיין „אינטערעסאַנט״, נישט נאָר „ניצליך״ פאַר׳ן לעזער. פערקעהרט אַ כח האָט ער זיך געמוזט אָנטון אין „סטעמפעניו״, וואו ער האָט נאָך אַזוי ווי געפיהלט אויף זיך דאָס שטרענגע אויג פונ׳ם ז ײ ד ע ן, וואָס צוליעב זיין כבוד וועגען האָט ער דעם ראָמאַן געדרוקט, — און ער האָט געהאַלטען זיין פען און זיין פאַנטאַזיע אויפ׳ן צוים. בטבע אָבער איז די ליעבע צום רעאַליזם, צום זשאַנר-בילד בעהעפט ביי איהם מיט דער ליעבע צו מאָלען פאַנטאַזיעס און צו דערצעהלען וואונדערליכע מעשיות, און אויך דער ווייכער סענטימענטאַלער ליריזם (וואָס די שונד-ראָמאַנטיק האָט אַזוי ליעב צו עקספּלאָאַטירען) איז ביי איהם נישט קיין געמאַכטע, נאָר אַ געבוירענע זאַך. ער האָט געהאַט אויף דעם אופן אַלע מעלות, וואָס זענען נויטיג געווען אויף צו דערגרייכען דעם ציעל, וואָס ער האָט זיך געשטעלט: צו שאַפען אַ יודישען לעזער, וואָס זאָל דאָס בעדערפניש, וואָס ער האָט געזוכט פאַר איהם אַ בעפרידיגונג אין דער „שונד״, צופריעדענשטעלען דורך דער ליטעראַטור. ער איז אַזוי ווי געשיקט געוואָרען פון דער השגחה עליונה אָנצונעהמען דעם יודישען לעזער פאַר׳ן האַנד און צופיהרען איהם „פון דער ניעדער אָן אַלץ העכער און העכער״. וואָרום נישט פון דער הויך, פון אַ פיעדעסטאַל האָט ער אַראָבגערעדט און אַראָבגעשמייכעלט צום עולם, בעשיידען און שטאָלץ, ווייך און שטרענג, אַזוי ווי מענדעלי, נאָר פון עולם גופא איז ער אַרויסגעוואַקסען, אַזוי ווי אליהו הנביא אין די פאָלקס-מעשיות וואַקסט אויס פלוצלונג אויף אַ יריד. אין איין רעדיל איז ער געשטאַנען מיט

אפילו אַ שענע בבא-מעשה איז אויך יעדער אַמאָל אַ בעלן צו הע-רען, און אַז סע איז נישטאָ קיין פיש עסט מען קאַרטאָפּליעס, און אַז עס איז נישטאָ קיין בעסערס קייט מען שטרוי, דערום כאַפּט דער המון עס און קייט שטרוי, דערום נעהמט זיך יעדער געמיינער יוד און יעדע פשוט'ע יודינע אַ ראָמאַן פון שמ"ר און שבת ביי טאָג גאָכ'ן סשאָלענט, אַז מען קאָן אַראָבוואַרפען אויף אַ מינוט דעם עול פון פרנסה, אַז מען קאָן כאַטש אויף אַ רגע פערגעסען, אַז סע איז דאָ אַ קלייט, אַ קראָם, אַ מעקלעריי, אַ פריץ, אַ פראַצענטיל, און מען זעצט זיך אויס אַ גאַנץ רעדיל ווייבער, יונגלעך, מיידלעך, און מע הערט די ווילדע משונה אומגעלומפּערטע מעשיות, די נסים ונפלאות פון דעם מלמד דעם לאָרד, דעם קוימענקעהרער דעם גראַף, די ליעבע פון יענקעל דעם בחור מיט די בלאָנדע האָהר צו רחל'ע דער ברונעטין מיט די רויטע באַקען, ווי די רויזען, און די שענע ליעדער מיט די הייסע טרערען, וואָס זיי טוען זינגען און פערגיסען אַ קעגען דער בלאַס-ליכטיגער לבנה און אויסהערען דאָס זיפצען מיט'ן קרעכצען פון די אומגליקליכע ליעבענדע א. אַז. וו." נישט אומזיסט אַלזאָ קאָכט זיך דער עולם אַזוי שטאַרק אין שמ"ר'ס ראָמאַנען; ער געפינט דאָרט אַ אונגאַ-טירליכע, אַ אומגעזונדטע, אַ אומגעלומפּערטע בעפרידיגונג, אָבער דאָך אַ בעפרידיגונג פון זיינעם אַ געזונטען, אַ נאַטירליכען בעדערפניש, פונ'ם בעדערפניש זיךאָבצעוואַרפען אויף אַ מינוט דעם עול פון פרנסה, פערגעסען אויף אַ ווילע דאָס רעאַלע לעבען מיט זיין אומעט און זאָר-גען, מיט זיין ענגשאַפט און קנעכטשאַפט און איבערטראָגען זיך אין אַ וועלט פון פאַנטאַזיעס, וואו אַלץ איז אַזוי ניי און אַזוי אומגעריכט, וואו עס געשעהען נסים ונפלאות: אָרימע ווערען רייך, פון אַ דיענסט-מיידעל ווערט אַ גרעפין, פון אַ מלמד אַ לאָרד; בריקען ווערען גע-בויט איבער די אָבגרונדען, וואָס שיידען אָב מענש פון מענש, קלאַס פון קלאַס; אַ ברייטער הימעל עפענט זיך אויף פאַר די אויגען, אַ האָפ-נונג וואַכט אויף אין האַרצען, און אַפילו די טרערען, וואָס ווערען פערגאָסען אויף די אומגערעכטיגקייטען, וואָס געשעהען אין דער וועלט אָדער אויף די שטערונגען, וואָס עס בעגעגענען אויף זייער וועג די „העלדען" און „העלדינס" פון ראָמאַן, — אַפילו די טרערען זענען נישט קיין וואָכעדיגע, נישט קיין פיינליכע, נאָר טרערען פון מיטלייד און בעפרייאונג, טרערען, וואָס וואַשען אָב ריין די נשמה און מאַכען לייכטען די אויגען... שלום-עליכם האָט עס געוואוסט, איהם איז קלאָר

אורחא, מיט לאה'צעס חתן, לוי מאָטעל מיט זיינע בריוולעך, און מיט פּערעלע'ס משרת, בעריל אייזיק מיט זיין שענער טבע „אויס-צעוואַקסען נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט איהם בעדאַרפט" און מיט נאָך אַנדערע פּאַרשוינען.

קורץ, מיר זעהען, ווי שלום-עליכם האָט אויסגענוצט אַלע מע-גליכע מיטלען, אַבּי צו דערנעהנטערן זיך צום יודישען לעזער, אַבּי צוצוגעוועהנען איהם צו ליטעראַטור, אַזוי ווי ער וואָלט פון אָנהויב אָן געפיהלט, אַז אויב דער זיידע האָט געלעגט דעם פונדאַמענט פון דער יודישער ליטעראַטור, איז איהם, דעם אייניקעל, בעשערט — צו שאַפען אַ יודישען לעזער. דער מאַ-סען-לעזער אין יענער צייט איז געווען אין די הענד פון די, וואָס האָבען איהם בעשאַפען, ד. ה. אין די הענד פון די שוהל-הויף-שריי-בער; האָט מען געמוזט מיט זיי קאָנקורירען, אויב מען האָט געוואָלט געווינען דעם לעזער פאַר זיך. צוליעב אָט דער קאָנקורענץ האָט מען אַ חוץ פּער'מאוס'עף די שלעכטע זייטען פון דער שמ"ר-ליטעראַטור, וואָס איז זעהר לייכט געווען, געמוזט אויך איבערנעהמען די גוטע, די כשר'ע זייטען איהרע, וואָס דאָס איז שוין גאָר נישט אַזוי גרינג גע-ווען: מען האָט געמוזט זיך אויסלערנען אינטערעסאַנט צו זיין פאַר דעם לעזער. און אָט דאָס, וואָס עס האָט זיך נישט גע-קאָנט אויסלערנען א. מ. דיק, וועלכער איז אייגענטליך געבוירען גע-וואָרען צו זיין אַ אַמיזאַנטער דערצעהלער, — ווייל ער האָט גע-מוזט נעבאַך קנעלען נאָכאַנאַנד מיט'ן לעזער; דאָס, וואָס נאָך ווענ-גער האָט זיך געקאָנט אויסלערנען מענדעלי, ווייל ער איז פער-ליעבט אין זיין קונסט און אָבשלייפען ווי געהעריג איז אַ יודישען זאַץ אָדער אָבמאָלען אַ פּייזאַזש איז ביי איהם בילכער, ווי טויזענדער לע-זער, — אָט דאָס האָט לייכט און שנעל זיך אויסגעלערנט דער לייכ-טער און פלינקער שלום-עליכם. מיט זיין לעבעדיגער תפיסה האָט ער פערשטאַנען, אַז די אונוויסענהייט פונ'ם יודישען לעזער איז סוף כל סוף נישט די איינציגע אורזאַך פון שמ"ר'ס ערפאָלג; ער האָט פער-שטאַנען, אַז עס שטעקט עפּיס אַ כישוף אין די שוהל-הויף-ראָמאַנען און אַז געגען אָט דעם כשוף וועלען נישט העלפען קיין שום אָבשפּרעכע-נישען — — — יעדע פערפלאָנטערטע מעשה, זאָגט דער פראָקוראָר אין „שמ"ר'ס משפט", דער פראָקוראָר, וואָס זוכט נאָר חטאים אויפ'ן בע-שולדיגטען, „יעדע פערפלאָנטערטע מעשה ווילט זיך אויסהערען, דען

װערען זיי ווי די פרייע פויגעלעך, וואָס פלוצלונג האָט מען זיי גע-כאַפּט און אַריינגעזעצט אין שטייג. זיי זינגען נאָך און שפּיעלען נאָך; די פליגעלעך אָבער זענען אַראָבגעלאָזען, און טאָמער פּרובען זיי זיך אַמאָל אַ הויב טון, שלאָגען זיי זיך אָן אָן די ענגע ווענטעלעך פון שטייג און בעקומען וואונדען, וואָס ווּעלען זיך קיינמאָל, נעבעך, נישט אויסהיילען — — —

אי סטעמפּעניו, אי „יוסעלע סאָלאָוויי" האָט אַ טרויריגען, אַ בי-טערן סוף, און דאָס איז אויך אַזוי ווי צו להכעיס דעם שונד-ראָמאַן, וועלכער האַלט שטאַרק פונ'ם כּלל: „ענדע גוט — אַלעס גוט". אָבער אין „יוסעלע סאָלאָוויי" ווערט געקעמפּפט געגען דעם שמ"ריזם נישט נאָר דורך דעם איינפאַכען, רעאַליסטישען, קינסטלערישען שטייגער שרייבען, נישט נאָר דורך דעם, וואָס פון דיענסט-מיידלעך ווערען דאָ נישט קיין בת-מלכּה'ס און פון מאַזעפּעווקע ווערט נישט קיין פּאַריז, נאָר עס בלייבט מאַזעפּעווקע; געגען דעם שמ"ריזם ווערט דאָ, אַזוי ווי אין „סענדער בלאַנק", געקעמפּפט אויך דורך דעם, וואָס ביי איהם, ביי'ם שמ"ריזם, ווערט אָבגענומען, אַזוי צו זאָגען, זיין אייגען געוועהר: זיינע אייגענע מיטלען, זיינע אייגענע פאַרשוינגען ווערען אויסגענוצט, און עס ווערט געוויזען, אַז אַפילו אָט די פּרימיטיווע מיטלען, אָט די שונד-פאַרשוינגען, ווען זיי פאַלען אַריין אין רעכטע הענד, קאָז פון זיי ווערען עפּיס רעכטס און זיי קאָנען מאַכען אַ נישט אין ערך קינסטלע-רישערען, מענשליכערען איינדריק, ווי די שוהל-הויף-ראָמאַנען. צום ביישפּיעל, דער סוף פון ראָמאַן, וואו יוסעלע קעהרט זיך אום צוריק אין שטעדטעל אַריין גראָד אין דער נאַכט, ווען אסתּר האָט חתונה מיט דעם אַלמן, דעם בעל-הלואה, אלתּר פּעסיס; איז עס נישט קיין צוזאַ-מענטרעפעניש, וואָס מען בעגעגענט עס דוקא ביי די „העכסט אינטע-רעסאַנטע" ראָמאַניסטען? און דאָך געהערען די קאַפּיטלעך, וואו עס ווערט בעשריבען, ווי ל ײ ז ע ר   ד ע ר   ב ע ל - ע ג ל ה פיהרט י ו ס ע ל ע'ן פון קאַשפּעראָוו קיין מאַזעפּעווקע און ווי יוסעלע קומט אָן צו דער רעכטער שמחה — צו די ריהרענדסטע און חנ'עוודיגסטע קאַפּיטלעך אינ'ם גאַנצען ראָמאַן! אָדער פ ע ר ע ל ע   ד י   מ אַ מ ע: איז זי נישט אַרויס-געשפּרונגען פון איינעם פון יענע מעשה-ביכלעך, וואָס ל א ה'ל ע   ד י פּ אָ ק אָ י אָ ו ו ע לייענט איהר פאָר? און דאָך איז אפילו אָט די פ ע ר ע-ל ע מיט דער ל א ה'ל ע ן צונויף געקומען דעם יונגען ראָמאַניסט און האָבען איהם די מעגליכקייט געגעבען בעקאַנט צו מאַכען אונז, אגב

אינוועניגסטען מצב צום אַנדערן, און אין דעם גאַנצען בענעמען זיך איהרען פיהלט זיך דעם פּערפאַסער׳ס סכּעמע, עס פיהלט זיך זיין כּוונה צו געבען אונז אַ יודישען און דוקא אַ יודישען ראָמאַן. און אָט דאָס איז אַלץ דערפאַר, וואָס פאַר זיינע אויגען שטעהט כּסדר דער פיינד, דער „העכּסט אינטערעסאַנטער״ ראָמאַניסט, און וואָס ווי אַ שאַרפען כלי-זיין געגען איהם, ווי אַ געגען-גיפט, וויל ער שאַפען אַ ראָ-מאַן, וואָס זאָל זיין וואָס איינפאַכער און וואָס נעהנטער צום לעבען, דער עיקר צום יודישען לעבען.

אין דעם צווייטען יודישען ראָמאַן, אין „יאָסעלע סאָלאָ-וויי״, איז נישטאָ שוין אַזאַ תּמימות און שוין נישטאָ אויך אַזאַ גאַנצ-קייט און אויסגעהאַלטענקייט אינ׳ם געביי פונ׳ם ווערק, ווי אין זיין „סטעמפעניו״, דערפאַר אָבער פעהלט דאָ אויך יענע געצוואונגענ-הייט: אסתּר און יוסעלע זענען נישט נאָר ברייטער — זיי זענען אויך פרייער געשילדערט, ווי רחל און סטעמפעניו.

בכלל אָבער איז אינ׳ם צווייטען, גרעסערן יודישען ראָמאַן דער אייגענער פּלאַן, וואָס אינ׳ם ערשטען, און אויך די הויפּט-פּאַרשוי-נען זענען דאָ כּמעט די זעלביגע, וואָס דאָרט: אסתּר איז פונקט אַזאַ יודישע טאָכטער, פונקט אַזאַ שטילע העלדין, ווי רחל׳ע; אַזוי ווי יענע דערשטיקט אויך זי אין זיך איהר יוגענד און איהר ליעבע, און טוט, וואָס עס דאַרף טון אַ כּשר יודיש ווייבעל: בלייבען געטריי דעם מאַן, ווער ער זאָל נישט זיין; און אויך יוסעלע, דער מייס-טער אויף זינגען, איז אַ גלגול פון סטעמפעניו, דעם בריה אויף פידעל שפּיעלען. אַזוי ווי דער, געהערט אויך יענער צו דער קינס-טלער-באָהעמע, וואָס אין דער יודישער וועלט האָט זי גאָר אַ בעזונ-דער כּאַראַקטער, בעזונדערע סמנים, און וואָס אין אַ געוויסען גראַד געהערט צו איהר שלום-עליכם אַליין. די פּרעהליכע, אָבער גאָר נישט גליקליכע קינדער פון אָט דער באָהעמע פערלירען זייער הײם, די גייסטיגע אַזוי גוט, ווי די מאַטעריעלע, נאָך אין דער יוגענד; מיט אַ געבוירענעם, אָבער נישט קיין קולטיווירטען טאַלאַנט, פול מיט לעבען, אָבער אָהן כּאַראַקטער, אומרוהיגע, בעוועגליכע און דאָך פּאַסיווע, וואַנדלען זיי אַרום איבער דער וועלט, ביז עס געפינט זיך איינער פון אַ ניעדריגערען, אָבער אַ שטאַרקערען מין, וואָס נעהמט זיי „אין דער האַנד אַריין״ (ביי סטעמפעניו איז עס פריידעל, ביי יוסעלען — גדליה-באַס און דערנאָך הערשעלע די דאַמע). דאַן

אייגענעם כאַראַקטער, זיין אייגענעם יודישען גייסט מיט בעזונדערע מנהגים און רגילות׳ן, וואָס זענען גאָר פערענדערט, ווי ביי אַנדערע אומות. אָט די נאַציאָנאַלע סמנים אונזערע, וואָס בלייבען תמיד עכט-יודיש, מוזען זיך אַרויסווייזען אין אַ יודישען ראָמאַן, אויב ער איז גאָר באמת גענומען פונ׳ם לעבען.״ און היות אַזוי ווי דער עיקר איז ביי איהם טאַקי, אַז עס זאָל זיין „גענומען פון לעבען״, זענען די הויפט-פאַרשוינען פונ׳ם ראָמאַן און דער ראָמאַן גופא פון אָנהויב ביז׳ן סוף יודיש. סטעמפעניו איז אַ כלי-זמר און שטאַמט ער אויך פון כלי-זמר: איז שוין רעכט, וואָס ער „פיהרט ליעבעס״; וואָרום דאָס רוב כלי-זמר, לייענען מיר אין אַנ׳אַנדער אָרט ביי שלום-עליכם׳ן: „דאָס רוב כלי-זמר זענען געכאַפט, זאָגט מען. די פרנסה זייערע איז אַזעלכע, מען האָט צו טון מיט מיידלעך און מיט ווייבלעך, און ווען? אויף חתונות, אויף פאָרשפיעלען און אויף חתן-מאָלס. פון פרומקייט איז מען ווייט, פון יודישקייט — אָבגעריסען, היינט די הלבשה זייערע, דאָס אָנטון זיך ביי זיי איז אומעטום און פון תמיד אָן מעשה פראַנט״. מען דאַרף דערפאַר קיין בעסערן העלד נישט האָבען פאַר אַ יודישען ראָמאַן, ווי סטעמפעניו. אַ יודישע העלדין איז אָבער אויך רחל׳ע: קיין איין רגע פערגעסט זי נישט, אַז זי האָט אַ מאַן, אַז זי איז יודיש ווייבעל; די ליעבע צו סטעמפעניו ברענט אין איהר, ווי אַ שטיל פייערל, וואָס זי בעהאַלט עס פון זיך אַליין. וואָס מעהר זי בעהאַלט עס, אַלץ טיעפער דרינגט עס אין דער נשמה אַריין און די געפאַהר ווערט אַלץ גרעסער; זי איז זי אָבער גובר, זי „קעהרט זיך אום אויפ׳ן גלייכען וועג״. דער סוף פון ראָמאַן איז, בכן, פונקט אַזוי יודישליך, אַזוי שטיל און צניעות׳דיג, ווי דער אָנהויב.

עס פיהלט זיך דאָך עפּיס אַ געצוואונגענהייט אין דעם דאָזיגען ערשטען יודישען ראָמאַן, הגם די הויפט-פאַרשוינען האָבען אין זיך אַזוי פיעל יודישען חן און יודישען ליריזם און תמימות, און די זייטיגע פאַרשוינען זענען געשילדערט מיט יענעם עכטען, נאַטירליכען, פאָלקסטימליכען הומאָר, וואָס שלום-עליכם איז אַזאַ בריה אויף איהם. די געצוואונגענהייט שפירט זיך דער עיקר אין דעם בענעמען זיך פון רחל׳ען: דאָס שוועבען, וואָס זי שוועבט צווישען דעם געפיהל פון ליעבע צו סטעמפעניו און ד׳ער געטריישאַפט, וואָס זי מוז געטריי בלייבען צו איהר מאַן — איז נישט גענוג ווייך געשילדערט. צו האַרט, צו האַמטנע זענען די שיניעס, וואָס פיהרען זי איבער פון איין

די כונה שלום-עליכם׳ס אין „דעם ראָמאַן אָהן אַ ראָמאַן" איז גע-ווים געווען אַ גוטע, אָבער מען קאָן נישט זאָגען, אַז ער האָט דאָ ערגרייכט זיין ציעל מיט מיטלען, וואָס זענען דורכאויס קינסטלעריש. בעזונדערס, ווען מען דערמאָנט זיך, אַז פּאַר דעם דאָזיגען ראָמאַן האָט ער שוין געשריבען אַזוינע עכט הומאָריסטישע און עכט שלום-עליכם׳ישע זאַכען, ווי „דער ערשטער אַרויספאָהר" אָדער דאָס „מעסערל", — אַז מען דערמאָנט זיך אָן דעם, קאָן מען זיך נישט בעפרייען פון׳ם איינדריק, אַז מיט זיין „סענדער בלאַנק" האָט אונזער שרייבער געוואָלט אַזוי ווי שאַפען אַ מין בריק פון׳ם „העכסט אינטערעסאַנטען" צום ליטעראַרישען ראָמאַן, אַז ער האָט דאָ געוואָלט, אַזוי ווי „אַריינגאַרען" דעם לעזער אין דער ליטעראַטור אַריין; אונטערדרוקען איהם אַ זאַך, וואָס אי עס זאָל דערמאָנען אָן דעם „העכסט אינטערעסאַנטען" ראָמאַן, אי עס זאָל דאָך זיין דער היפוך דערפון.

אָן די ראָמאַנען פון׳ם לעצטען מין דערמאָנען דאָ שטאַרק די „מאַדאַם סאַני" און „מאַדאַם רעוועקאַ" און דער עיקר דער סטיל, וועלכען דער שרייבער האָט האַלב אויף קאַטאָוועס, האַלב ערנסט גע-באָרגט ביי שמ״ר׳ן און זיינע חברים; אָט איז אַ ביישפּיעל: „... אָבער ווי פּערוואונדערט און פּערשטוינט איז ער געוואָרען, אַז ער האָט אַליין מיט זיינע אויגען דערזעהען, ווי צוויי הויכגעשעצטע און געעהרטע דאַ-מען שטעהען אונטער דער קיך-טהיר, און אַז די דאַמען האָבען איהם דערזעהען א. אַז. וו."

אין די ווייטערדיגע ראָמאַנען, אין „סטעמפּעניו" (1886) און אין „יוסעלע סאָלאָוויי" (1889), איז פאַרהאַן שוין ליעבע — אָבער יודישע ליעבע. „אַ יודישער ראָמאַן" — איז דער אונטער-טיטעל אי פון׳ם ערשטען, אי פון׳ם צווייטען ראָמאַן. אַ יודישער ראָמאַן — איז ווידער אַ פּיק דעם שמר׳יזם מיט זיינע פּאָל-דע-קאָק-ראָמאַנען און ווידער אַן אָנצוהערעניש אויף ריין יודישע, ד. ה. אויף רעאַליסטישער לעבענסשילדערונג. „אַ יו-דישער ראָמאַן, לייענען מיר אין דער פּאָררעדע צו „סטעמפּעניו", וואָס איז געשריבען געוואָרען לכבוד דעם זיידען ר׳ מענדעלי, — „אַ יודישער ראָמאַן דאַרף זיין אַנדערש פון אַלע אַנדערע ראָמאַנען, מחמת דאָס יודישע לעבען בכלל און די אומשטענדען, ביי וועלכע דער יוד קאָן ליעב האָבען (שלום-עליכם האָט אין זינען, פערשטעהט זיך, דעם יודען פון אַלטען דור—ש. נ.) זענען גאָר נישט גלייך, ווי ביי אַלע אַנ-דערע פעלקער. היינט אויסער דעם האָט דאָך דאָס יודישע פאָלק זיין

מתים פון די קברים, וואו מע שלאָגט זיך, מע הרג'עט זיך ביז'ן טויט איבער אַ שען מיידעל אַ ברונעטין, אָדער אַ פיינעם בחור אַ בלאָנדין"; וואו „חנצ'ע און מירקע און ברײַנדעל האָבען גאָר קיינמאָל נישט גע-הערט, אַז ס'איז דאָ אויף דער וועלט אַ קראָם, אַ קלויט, אַ שיינק, אַ טייטש-חומש — ניין! חנצ'ע און מירקע און ברײַנדעלע זיצען אויף ווייכע סאַמעטענע דיוואַנעס, מיט קליינע ווייסע הינטעלעך אויף די הענד און זינגען זיסע סענטימענטאַלע ליעדעלעך פון „ליעבע" („שמר'ס משפט" ז. 13). אָט די דאָזיגע ווילדע, פוסטע נאַרישע פאַנטאַזיעס, גענומען פון פראַנצויזישע און אַנדערע בולוואָר-ראָמאַנען, האָט דער רעאַליסטי-שער שטייגער שרייבער געדאַרפט אויסראָטען; דאָס איז, ווי געזאָגט, ז'ין נעגאַטיווע אויפגאַבע געווען. און זיין פאָזיטיווע — איז געווען: צו געבען דעם לעזער איינפאַכע נאַטירליכע רעאַליסטישע שילדערונגען פון דעם יודישען לעבען, פון דעם לעבען, וואָס איז איהם גוט בעקאַנט, צו דערצעהלען איהם אָנשטאָט בייקעס פון גראַפען מיט בת-מלכה'ס, מיט פיפערנאָטערס, מעשיות וועגען „פראָסטע יודען, פראָסטע ווייבלעך, יודישע טעכטער און יודישע כלי-זמר".

אָבער ביי פראָסטע יודען, פראָסטע ווייבלעך, יודישע טעכטער, איז ליעבע (וועניגסטענס די, וואָס אין די ראָמאַנען) נישט אַזאַ אָפטע זאַך, און אין זיין ערשטען ראָמאַן, וואָס ער האָט געשטעלט אַנטקעגען די שונד-ראָמאַנען, אין „סענדער-בלאַנק", איז ער אין זיין האַס צום שמ"ריזם געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געפּרובט שרייבען „אַ ראָמאַן אָהן אַ ראָמאַן" (אַזוי רופט זיך די דאָזיגע ערצעהלונג). פאַר'ן יונגען העלד מאַרקוס איז ער אַפילו נישט ערב, אַז ער וואָלט אַנטלאָפען, וואו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט, ווען ער „זאָל געווען בעגעגענען ערגיץ אַ מין ראָזאַ אָדער יעליזאַבעטאַ", — „וואָס קאָן איך אָבער טון, זאָגט ער, מיט מיין יונגען העלד, אַז עס האָט זיך איהם פּאָרט נישט גע-טראָפען דער צופאַל? קאָן איך איהם דען מיט גוואַלד זאָגען: געה, מאַרקוס, ליעב זיך איין, שרייב פלאַם-פייערדיגע בריוולעך, ווער צו-גאַנגען, ווי אַ וואַקס, היינג זיך, טרינק זיך, אַבי איך זאָל האָבען שטאָף אויף אַ העכסט אינטערעסאַנטען ראָמאַן?" און ער לאָזט זיין יונ-גען העלד אָוועקגעבען די גאַנצע בענקשאַפט און ליעבע פון זיין האַר-צען דער „הימלישער טאָכטער", דער השכלה, אַבי צו ווייזען, אַז מען קאָן אויסקומען אין אַנ'ערצעהלונג אויך אָהן פלאַם-פייערדיגע ליעבע-בריוולעך.

פאַנטאַזיעס, וואָס אין דער גאַסען-ליטעראַטור. דורך דעם דאָזיגען שטריך געגען דעם בולוואַר-געשמאַק האָט ער געוואָלט צוגרייטען דעם לעזער צו זיין אייגענעם, איינפאַכען, נאַטירליכען, נאַטוראַליסטישען שטייגער שרייבען און, פערקעהרט, דורך דיביישפּיעלען פון זיין אייגענעם שניט צו שרייבען — פערמאוס׳ען נאָך מעהר די שונד-שרייבעריי. ער פערלאָזט זיך אָבער נישט אויף די ביישפּיעלען און לעבעדיגע מוסטערן, זיי זאָלען ריידען אַליין פאַר זיך; ער שעמט זיך נישט אָנצעווייזען מיט׳ן פינגער אויף זיי און אויסצוטייטשען די בעדייטונג, וואָס זיי האָבען, דעם מוסר, וואָס מען קאָן נאָך פון זיי אַראָבנעהמען; דעם פאָרלעצטען קאַפּיטעל אין „סטעמפּעניו״, ווען ער פיהלט, אַז דער לעזער וועט שוין פון איהם נישט אַנטלויפען, ער איז שוין צוגעבונדען צו איהם, הויבט ער אָן אַזוי: „אַ שטילע וועטשערע! זאָגט דער לעזער, אַ פּנים, שטאַרק נישט צופרידען, מחמת ער איז ערצויגען געוואָרען אויף יענע „העכסט אינטערעסאַנטע״ ראָמאַנען, וואו מען היינגט זיך און מען טרינקט זיך, וואו מע סמ׳ט זיך און מע שיסט זיך, אָדער וואו פון אַ מלמד ווערט אַ גראַף און פון אַ דיענסט-מיידעל אַ בת-מלכה און פון אַ בעהעלפער אַ פּיפּערנאָטער... וואָס זאָל איך טון, אַז ביי אונז איז נישטאָ קיין גראַפען מיט קיין בת-מלכה׳ס? ביי אונז זענען פאַרהאַן פּראָסטע יודען, פּראָסטע ווייבלעך, יודישע טעכטער און יודישע כּלי-זמר״. „ואני און איך, דער מחבר פון דער דאָזיגער אמת׳ער געשיכטע, זאָגט ער האַלב-איראָניש, האַלב ערנסט אינ׳ם „ערשטען אַרויספאָהר״ — איך בין נישט קיין ראָמאַניסט, נאָר אַ היסטאָריקער, וואָס מוז אָבהיטען דעם אמת און חס-ושלום נישט דורכלאָזען קיין שפּרינקעלע, עס זאָל דערפון חלילה קיין רעה נישט אַרויסקומען דער וועלט״, — ענדיגט ער שלום-עליכם׳דיג; מיינען אָבער מיינט ער דער עיקר טאַקע צו ווייזען דעם חילוק, וואָס צווישען די ראָמאַניסמען, וועלכע דערצעהלען מעשיות, וואָס נישט געשטויגען און נישט געפלויגען, און איהם, דעם „היסטאָריקער״, דעם רעאַליסט, וואָס „מוז אָבהיטען דעם אמת״.

דער רעאַליסט, וואָס ער שטאָלצירט מיט איהם אַזוי אין די ערשטע ווערק, איז אויסען, ווי מיר זעהען, צוויי זאַכען: ערשטענס, — אַ נעגאַטיווע: אַרויסצוטרייבען פונ׳ם יודישען ראָמאַן די „פערדרעהטע, פערפלאָנטערטע אינטריגעס, ריהרענדע און האַרצרייסענדע סצענעס, וואו מע גנב׳עט, מע גזל׳ט אין מיטען העלען טאָג, וואו מע טראָגט

פאַנטאַזיע; אַזוי ווי אין דער שטיל און אונבעוואוסטערהייט וואָלטען זיי, די דאָזיגע ליעבע, נאַאיווע, וואַרימע ערצעהלינגען, געפיהרט שוין מלחמה געגען דער קאַלטער, נאָר איינגעגעסענער קליפה פונ׳ם שמ״ריזם. שלום עליכם אָבער האָט זיך בעוואוסטזיניג געשטעלט די אויפגאַבע צו פערמאוס׳ען אין די אויגען פונ׳ם יודישען לעזער די ראָמאַנען, מיט וועלכע ער האָט זיך געקוויקט, און אונטערצוטראָגען איהם, אָנשטאָט זיי, אַנדערע, נאַטירליכערע און געזינטערע שפייז. „שמר׳ס משפט״ (1888) איז די בייזעסטע, אָבער נישט די איינציגע און נישט די ערשטע קויל, וואָס שלום-עליכם האָט געשיקט אין דער מחנה פון שמ״ר עט קאָמפּ. אין די ערשטע גרעסערע ערצעהלונגען זיינע (און נישט נאָר אין די ערשטע, אפילו אינ׳ם „וויאיגריש-נעם ביליעט״, וואָס איז געדרוקט ערשט מיט אַ יאָהר צעהן צוריק, און אפילו אין „מבול״) — לאָזט ער נישט דורך די געלעגענהייט אויסצולאַכען און אָבצו׳חוזק׳ן די „שמר״שע ראָמאַנען-שרייבער״. „ווען דער אויבערשטער, לייענען מיר אין דעם „ערשטען אַרויספאָהר״: ווען דער אויבערשטער זאָל מיך געווען בענשען מיט אַ טאַלאַנט, ווי אַנדערע שרייבער, למשל, די וואָס מאַכען העכסט אינטערעסאַנטע ראָמאַנען, וואָלט איך אַזוי אָנגעהויבען מיין ערשטע געשיכטע: אַ גרויסער געוואַלטיגער שטורם-ווינד א. אַ. וו.״ — אַ פּאַראָדיע אויף די ליעבהאַרציגע „נאַטור-בעשרייבונגען״ פון די שונד-שרייבער; אָבער נאָך אַ מעהר געלונגענע פּראָבע פון אַ קאַריקאַטור אויף „אַנ׳עכטאינטערעסאַנטען ראָמאַן אין פיעל טייל מיט איין עפּילאָג״ געפינען מיר אינ׳ם זיעבעטען קאַפּיטעל פון דער דאָזיגער ערשטער עכט-הומאָריסטישער ערצעהלונג שלום-עליכם׳ס, און אָט דאָס פּאַראָדירען איז אַזוי געלונגען, אַז ווען דער שפּעטערדיגער היסטאָריקער פון דער יודישער ליטעראַטור זאָל נישט געפינען קיין איין-אייגציגען עקזעמפּליאַר פון שמר״ס כתבים און ער זאָל וועלען ווייזען אַ לעבעדיג בילד פון דעם דאָזיגען, אומשטיינס געזאָגט, שטייגער שרייבען, וועט ער זיך קאָנען בענוגענען מיט אָט דעם פּלאַן צו אַ פּאַראָדיע, וואָס שלום-עליכם האָט דאָ געמאַכט.

מיט זיינע שטעכווערטלעך און זיין חוזק מאַכען פון דעם דאָזיגען סאָרט ראָמאַנען איז דער שרייבער, ווי עס פערשטעהט זיך פון זיך אַליין, געווען אויסען מלחמה צו האַלטען געגען דעם שונד-געשמאַק, וואָס אַ ביסעל שטעקט ער טאַקע אין דער טבע פונ׳ם פּראָסטען לעזער, דער עיקר אָבער נעהמט ער זיך פון די אונגאַטירליכע אומגעלומפּערטע

וועג — צום לעזער. ער, דער לעזער, האָט נישט אָנגעהויבען צו ווי-סען גאָר, אַז עס ליגט איהם אַ שטיין אויפ'ן וועג: מענדעלי'ס שטערן האָט געלויכטען צו הויך, צו ווייט פון איהם, קוים-וואָס-קוים אַ שטראַהל פון זיין ליכט פלעגט דערגרייכען אַהער, אין דעם ענגען פינסטערן ווינקעל, וואו עס האָט זיך געפונען דאַמאָלס דער יודיש-לעזער, שלום-עליכמ'ן איז בעשערט געווען אָנצוצינדען זיין ליכט טאַקי אָט דאָ אונ-טען, אין רעכטען מיטען פונ'ם יודישען עולם: איהם איז בעשערט גע-ווען צו ווערען אַ לייטער, וואָס פיהרט פון אויבען אַראָב, הגם אויך — פון אונטען אַרויף.

אַייזיק מאיר דיק איז בטבע געווען נאָהענט צום יודישען לעזער, האָט ער אַליין אָבער אויפגעשטעלט שפּעטער אַ מחיצה צווישען איהם און זיך: ער האָט געשריבען דייטשמעריש; מענדעלי'ן איז בטבע פרעמד דער פּראָסטער לעזער; ער איז אַ פאָלקס-שרייבער, אָבער נישט קיין שרייבער פאַר'ן פאָלק. גאָר אנדערש איז שלום-עליכם: „איך שרייב מיינע ראָמאַנען, — לייענען מיר אין „אַ בריעף צו אַ גוטען פריינד", — צו-מיינסטען פאַר'ן המון-עם, דאָס הייסט פאַר אַזאַ מין עולם מענשען, וואָס זענען נאָך פרעמד פון הויכע געדאַנקען, אָדער, ווי מען רופט דאָס אָן, אידעען; פריהער, איידער מען זאָל זיי פאָרשטעלען דורך איין ערצעהלונג הויכע אידעען, מוז מען זיי בעקאַנט מאַכען ביסלעכווייז מיט אַלע מדרגות פון דעם לייטעריל, וועלכעס פיהרט אונז גלייך אין יענעם וועלטיל, וואָס ווערט אָנגערופען פּאָעזיע — — — מען מוז געהן מיט'ן פאָלק בהדרגה, נישט געכאַפּט, טריט ביי טריט, פון דער נידעריג און ביז אַלץ העכער און העכער" (די יודישע פאָלקס-ביבליאָטעק, II 1889). אָט אין דעם פּרט, אינ'ם פּרט פון אָנ-הויבען בויען די יודישע ליטעראַטור פון אונטען, „פון דער נידעריג אָן", — האָט שלום-עליכמ'ן מקדים געווען, ווען מען זאָל נישט רעכענען לינעצקי'ן. נאָר איין בעדייטענדער שרייבער: יעקב דינעזאָהן. דינעזאָהנ'ס ראָמאַנען, בעזונדערס די ערשטע, זענען אַזוי ווי בליימע-לעך, וואָס זענען אַויסגעוואַקסען אינ'ם נישט אַרומגעצוימטען און נישט אויסגעיעטען גאָרטען פון דער פאָלקס-ליטעראַטור גופא: אַזוי ווי דאָס פאָלקס-געמיט וואָלט וועלען ברענגען דורך זיי אַ שטומען, אָבער אַ לעב-בעדיגען בעווייז, אַז דער מענש פון פאָלק איז נישט מחויב צו לייע-נען דוקא „די אייזערנע פרוי" און „די בלינדע יתומה", כדי עס זאָל איהם פערנעהמען פאַר'ן הארצען און אין איהם זאָל זיך אָנצינדען די

דער דרויסענדיגער לופט, וואָס שלום-עליכם האָט אַריין- און-אַרויסגעעטעמט, צוויי נעמען, וואָס זענען ווייט איינער פונ'ם אַנדערן, ווי מערב פון מזרח, און וואָס עס איז שווער זיי גאָר צו דערמאָנען איינס נעבען דעם אַנדערן אָהן אַ „להבדיל״ — דאָס זענען: מענדעלי מוכר ספרים און... שמ״ר. מענדעלי׳ן האָט שלום-עליכם אַליין אָנגערופען „זיידע״, מיט דעם יחוס פון אַ „איבערגעגעבענעם איניקעל״ האָט ער זיך אַליין אויסגעבעריהמט; נאָר וואָס פאַר אַ קרובה׳שאַפט האָט ער צום מחבר פון די „העכּסט-אינטערעסאַנטע״ ראָמאַנען — אויף דערויף וועט זיך דער נישט גאָר געניטער לעזער חדוש׳ען. בעט איך איהם האָבּען געדולד אַ ווײַלע, עס וועט איהם גלייך, האָף איך, קלאָר ווערען, וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט דער ערשטער יודישער שונד-שרייבער מיט דעם גרעסטען יודישען הומאָריסט. די דאָזיגע שייכות וואָלט איך אויפ׳ן יודישליכען שטייגער געפּרובט אַזוי אויסדריקען: אין דער צ״יט, ווען מענדעלי איז שלום-עליכמ׳ס יצר-טוב, איז שמ״ר — זיין יצר-הרע... נאָר דאָס וואָלט געקאָנט אויפגעטייטשט ווערען, אַז שלום-עליכם׳ן ציהט צו דער שמ״ר׳שער „העכּסטאינטערעסאַנטקייט״, מעהר נישט ער איז גובר אין זיך אָט די מאוס׳ע תּאוה; דער אמת איז אָבער דער היפוך דערפון: שמ״ר איז פאַר אונזער פאָלקס-דיכטער, ווען ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען, געווען דאָס פינטעל, וואָס האָט איהם אָבגעשטויסען פון זיך; געצויגען האָט איהם צו מענדעלי׳ן. דאָס פערהאַלטען זיך פון שלום-עליכם׳ן צו אָט די צוויי עקען פון דער יודישער ליטעראַטור וואָלט געקאָנט דעריבער פערגליכען ווערען מיט דעם פערהאַלטען זיך פון אַ שטיקעל אייזען צום אָרט, וואו עס ליגט, און צום מאַגנעט, וואָס איז נישט גענוג נאָהענט צו איהם צוגערוקט: עס ליגט אונטען, אָבער עס הויבט איהם פון אָרט און עס ציהט איהם אַרויף, אַרויף. — שמ״ר איז געווען פאַר שלום-עליכם׳ן אַ שטיין אויפ׳ן וועג, מענדעלי — אַ שטערן: ביי׳ם ליכט פון שטערן האָט ער געוואָלט אָבשאַרען דעם שטיין. וויל מען געברויכען דעם יודישליכען אויסדריק, וואָס איז מיר פריהער אויפ׳ן פען געקומען, קאָן מען זאָגען, אַז שמ״ר איז געווען דער יצר-הרע פונ׳ם יודישען לעזער, און פון אָט דעם לעזער׳ס, נישט פון זיין אייגענעם האַרצען, האָט שלום-עליכם געדאַרפט אַרויסטרייבען, אויסראָטען די קליפּה פון שונד. נישט דעם וועג צו זיך אַליין, צו זיין אייגענער קראַפט האָט ער געפונען פערשטעלט דורך דער שונד-ראָמאַנטיק, נאָר דעם

ווערטער „י נייע, וואָס מישען זיך צו צו זייער מבוהל'דיגער, נאָך נישט געשעטעלטער שפּראַך, מאַכט ער אונז בעקאַנט, הכלל — אָפט זעהט ער אונז אויס צו זיין דאָס אָפענע אויג און אָפענע אויער פון דער יודישער וועלט; דער לעבעדיגער, געהעווידיגער פּנקס, וואו עס ווערט קלאָר און דייטליך פערצייכענט אי דער נעכטען, אי דער היינט פון אונזער לעבען. דאָך, אינאיינעם מיט די נייע קערנד־לעך, וואָס ער זאַמעלט, שיט ער אויפ'ן כוס אויך אַלטע, פערלעגע־נע; אינאיינעם מיט די נייע בילדער, וואָס ער שאַפט און ענטפלעקט פאַר אונז, שטעלט ער אויס קאָפּיעס אויך פון די אַלטע, און היות אַזוי ווי קאָפּיעס, איבערגעקייטע זאַכען, האָבען נישט דעם פריהערדי־גען טעם, דאַרפען מיר, אויב מיר ווילען פערזוכען דעם אמת'ן טעם פון זיין שאַפען, אין זינען האָבען נישט אַלע זיינע ווערק, נאָר זייערע וויכטיגסטע מוסטערן און קוואַלען. יעטווידען דיכטער מוז מען אַוועקשטעלען, ווען מען וויל איהם שאַצען, אויף דער העכס־טער הויך, וואָס ער האָט ווען עס איז דערגרייכט, בפרט נאָך אַזאַ, וואָס לאָזט זיך אַמאָל מיט אַ כיון אַראָב אין דער ניעדער און מישט זיך צונויף מיט'ן עולם: — איהם מוז מען אודאי אַרויפבריינגען אויף זיין אמת'ער מדרגה, איידער מען פרובט זיך מאַכען פון איהם אַ בילד.

## I.

נעבען די מוסטערן פון שלום עליכמ'ס ווערק האָב איך אין דער קורצער פאָררעדע דערמאָנט די קוואַלען... שפּעט דען דער דיכטער פון אַנדערע ברונענס, אַ חוץ די אייגענע? איך וויל זיך נישט אַריינ־לאָזען אין חקירות וועגען דער דאָזיגער פראַגע; עס איז קלאָר, אַז פאַר דעם, וואָס וויל מיט אַנ'אמת געניסען דעם דיכטער, איז וויכטיג נישט דאָס פרעמדע, גאָר דאָס אייגענע, וואָס אין איהם. דאָך לוינט צו רעדען וועגען דער השפעה, וואָס דער שרייבער אונזערער האָט בעקומען פון דרויסען, ווייל זי קאָן אונז ווייזען דעם וועג, וואָס פיהרט צו דעם אינוועניגסטען קוואַל פון זיין שאַפען...

צוויי נעמען בעטען זיך אויפ'ן פען, ווען מען שרייבט וועגען

# שָׁלוֹם־עֲלֵיכֶם.

שלום עליכם, אַזוי ווי אַ סך שרייבער, וואָס ליטעראַטור איז
ביי זיי דאָס לעבענס-ציעל און- מיטעל, שרייבט פיעל. פיעל, טרעפט
אָבער, איז דער טייטש — צופיעל: דען אַזוי ווי דער אונפּראָדוקטיווער
מאַכט נאָך אַנדערע, מאַכט דער צופיעל פּראָדוקטיווער נאָך זיך אַליין,
ער ווערט ביי זיך אַליין אַ מאָדעל, אַ נוסח... מען וויל נישט פערלאָ-
זען דעם וועג, וואָס האָט געפיהרט צום גליק, בפרט, אַז מען האָט
איהם אַליין אויסגעטראָטען... הייסט עס, אַז אונזער שרייבער האָט
שוין אין די ערשטע ווערק זיינע אַנטפּלעקט אונז זיין אינוועניגסטעס
געזיכט און די ווייטערדיגע — זענען מעהר נישט ווי קאָפּיעס? ניין.
פּערקעהרט, אָפּט דוכט זיך אונז אויס, אַז אפילו איצט, ווען ער האָט
שוין געשריבען צעהנדליגער בענד, האָט נאָך זיין ריהרעוודיג געזיכט
פערבאָרגען אין זיך קנייטשען און שמייכלען, וואָס קיין אויג האָט נאָך
נישט געזעהן; אָפּט דוכט זיך אונז אויס, אַז די גאַלערייע פון ביל-
דער, וואָס לעבט ביי איהם אין דער פאַנטאַזיע און אין דעם זעל-
טענעם זכרון, וועט זיך ציהען און ציהען, אָהן אַ סוף און אָהן אַ
אויפהער, ווארום מיר זעהען בעשייםפערלעך, ווי ער לאָזט נישט אָב
פון אויג זיינע כתרילעווקער יודעלעך, ווי ער געהט זיי נאָך שריט ביי
שריט, ווי ער מאַכט-מיט זייערע נסיעות, זייער וואגלעניש פון שטעד-
טיל אין שטאָדט אַריין און פון איין מדינה אין דער אַנדערער, ווי
ער גיט אונז אָב חשבונות פון אַלע זייערע געגנג און פאָסטעמקעס, פון
אַלע זייערע נייע האָפנונגען און וועהטאָגען, און ווי אפילו מיט די

שילדערער; שטעלט ער פאָר דעם כלל — איז ער אַ טיעפער פסיכאָלאָג.

די קומענדיגע דורות וועלען זעהען אין איהם דעם קולטור-היס-טאָריקער... דער קינסטלער מענדעלי איז אַ גרויסער בריה אויף קליינע אין זיך פערענדיגטע לעבענס-זון נאַטור-בילדער; מענדעלי דער היסטאָריקער אָבער, ווי אויך דער פאָלקס-פסיכאָלאָג, גיט אונז אַ ברייטעס בילד פונ'ם קולטורעלען און סאָציאַלען לעבען פון דער יודישער מאַסע.

אין זיין גאַנצען שאַפען איז פאַרהאַן עפּיס אַ פערשטעלטקייט, אַ דאָפּעלטקייט: זיין סטיל איז סטיליזאַציע, ער איז זיינער — און נישט זיינער; אינ'ם אינהאַלט שטרייט ביי איהם דאָס מענשליכע מיט דאָס קינסטלערישע, דאָס פובליציסטישע מיט דאָס בעלעטריסטישע, די סאַטירע מיט'ן הומאָר; אין זיין העלד, אינ'ם יודישען פאָלק, זעהט ער אויך אַ צווייאיגקייט: ס'איז אי אַ קליאַטשע, אי אַ פּרינץ... און ער לאַכט און וויינט: לאַכט פון דער מאוס'ער קליאַטשע און וויינט איפ'ן גורל פונ'ם אומגליקליכען פרינץ...

יענער רעדט, ווי יענער שטעהט און געהט, אַזוי אַז מען פלעגט זיך האַלטען ביי די זייטען פאַר געלעכטער, זעהענדיג און הערענדיג איהם. בעזונדערס ליעב האָט ער געהאַט נאָכצומאַכען גיטעל די זאָגערין, ווי זי קושט די מזוזה ביי'ם אַריינקומען אין שטוב, אָנגעטון אין "ער יו-פע אויף איין אַרבעל... א. אַז. וו." די קונסט פון דער מאַסקע האָט ער אַריינגעטראָגען אין דער ליטעראַטור. זיין אויפגאַבע איז געווען אַראָבצורייסען די מאַסקע פון לעבען, די מאַסקע, וואָס איז נישט קיין קונסט, נאָר אַ מלאכה, נישט קיין שאַפונג, נאָר אַ פערדאַרבונג. ווייל ער האָט זי געקענט, די מאַסקע, האָט ער זי געוואוסט, וואו צו זוכען, און קיינער פון די יודישע סאַטיריקער האָט נישט געוויזען אַזוי קלער, ווי מענדעלי, די "יודישע אָנשטעלען", די אַלע גמרא-פשט'לעך און איבער-הסבות און קאָפּ-שטיקלעך פונ'ם יודישען לעבען און שטרע-בען; קיינער האָט אונז נישט ענטפלעקט אַזוי דייטליך און שאַרף, ווי מענדעלי, דעם אונטערשלאַק פונ'ם יודישען כאַראַקטער, פון דער יודישער שפראַך...

---

## XI.

אינקורצען וועגען די גרונד-שטריכען פון מענדעלי'ס שאַפען האָ-בען מיר אָט די שורות:

די טיעפסטע קוועלען, פון וואַנען עס שעפּט איהר חיות מענדע-לי'ס פען, איז דאָס לעבען פון פאָלק און די נאַטור.

מענדעלי האָט דער ערשטער די סאָציאַלע דיפערענצירטקייט און סאָציאַלע אונגלייכהייט אין דער יודישער געזעלשאַפט בעמערקט, און ער איז איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען אין דער השכלה-צייט אונזער נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין געוועקט.

ער איז אויך איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען געשריבען יו-דיש נישט נאָר פון צדקה און רחמנות וועגען; איינער פון די ערשטע, וואָס האָבען די יודישע שפראַך קולטיווירט און געבראַכט זי צו דער מדרגה פון אַ ליטעראַטור-שפראַך; אין העברעאיש האָט ער אַ נייעם ריי-כען און בויגיגען פּראָזאַ-סטיל געשאַפען.

פאַרנעהמט ער זיך מיט'ן יחיד, איז ער אַ גרייסער קערפּער-

שרייבער איז דער סטיל אַזוי אויסגעהאַלטען און „פון איין גוס" ווי ביי איהם.

נאָר די דאָפּעלטקייט ליגט נישט נאָר אין דעם סטיל זיינעם, זי איז זיין צווייטע, און אפשר זיין ערשטע נאַטור. מיר לייענען אין „שלמה ר' חיים'ס": „עפּיס האָבען צוויי נשמות — אַ מלאך מיט אַ רוח — געשטעקט אין איהםביידע אינאיינעם. ער איז געווען אי איינגעשפּאַרט, האַרט, ווי אַ שטיין, אי ווייך, ווי אַ טייג, לאָזענדיג זיך פיהרען אַמאָל ביי דער נאָז; אי בייז, אי מילד, גוט, ווי די וועלט; אי ביטער-גאַל, אי צוקער-זיס; אי ערנסט, אי אַ קאַטאָוועס-טרייבער; אי אומעטיג פערטראַכט, אי לוסטיג פרעהליך". דער הומאָר און די סאַטירע, דער מילדער שמייכעל און דער שטעכעדיגער שמייכעל, די סענטימענטאַלע זיסליכקייט און די ביטערע גאַל — די דאָזיגע אַלע סתירות געפינען זיך אין דער נאַטור מענדעלי'ס. ער איז נישט נאָר אַ דאָפּעלט-זעהער, אויך זיין פיהלען איז אַ דאָפּעלטעס. נישט נאָר ער זעהט, ווי פון די איינצעלנע פּעדים וועבט זיך אַ מאַטעריע, און ווי די מאַטעריע צושיט זיך אין איינציגע פּעדים; נאָר אויך ער פּיהלט, ווי איין מאַטעריע ווערט מגולגל אין אַן אַנדערע, ווי דאָס ערנסטע ווערט קאָמיש און דאָס קאָמישע — ערנסט.

זיין אייגענע בעציהונג צו זיינע פּאַרשוינען די קאַבצאַנסקער איז אי אַן ערנסטע, אי אַ הומאָריסטישע; אָט מאַכט ער פון זיי חוזק און אָט פאַלט ער זיי אויפ'ן האַלז און וויינט אויף זייער גורל דעם ביטערען. זיין עצם לאַגע צווישען די קאַבצאַנסקער איז אַ דאָפּעלטע: ער איז אי אַ תושב, אַן אַלטער בעקאַנטער, אי אַן אורח ביי זיי; ער איז אי אַן אייגענער, אי אַ פרעמדער, ער איז אַן אייגענער, — קאָן ער זיך צוקוקען צו אַלץ, נישטאָ פאַר איהם קיין פערבאָרגעניש; איז ער אָבער אויך אַ פרעמדער: האָט ער זיין אייגענעם קוק אויף אַלץ. ער איז אַן אייגענער — רעדט ער מיט זיי אויף זייער לשון; ער איז אַ פרעמדער — לעגט ער אין זייער לשון אַריין זיינע אייגענע כונות. ער מאַכט אָנשטעלען... וואָלט ער נישט געהערט צו דער ליטעראַטור, וואָלט ער — איך בין זיכער — געהערט צום טעאַטער; אין איהם זיצט אַ שוישפּילער. שוין פון קינדוויז אָן „איז אין איהם געלעגען בטבע עפּיס אַזוינס אויפצוכאַפּען באַלד ביים ערשטען בליק יענעמ'ס אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס עפּיס נישט אַזוי, משונה, ווי ביי אַנדערע. ער פלעגט וואונדער-שען נאָכמאַכען אַבי וועמען, מיט אַלע פּאָסטעמקעס, ווי

און ווען עס וואָלט מעגליך געווען אויסדריקען אין איין וואָרט דעם תּמצית פון אַזאַ פּערזענליכקייט, ווי אַבראַמאָוויטש, וואָלט איך צום פריהער געברויכט בעגריף דאָפּעלט-זעהער, צוגעגעבען דאָס וואָרט סטיליזאַטאָר. אַבראַמאָוויטש טוט און סטיליזירט, ד. ה. ער שאַפט זיין סטיל, זיין שאַפענס-ריטם, נישט פון זיך, „פון קאָפּ“; ער האָט תּמיד מוסטערן פאַר זיך, — מוסטערן פון פאָלקס-לעבען, פון דער פאָלקס-ליטעראַטור, פון דער פאָלקס-שפּראַך. זיין ערשטער מוסטער איז — מענדעלי מוכר ספרים אַליין; דאָס איז זיין ערשטע מאַסקע. איינמאָל האָט ער זי אָנגעטון, פון דאַן אָן איז זי אַ פערגליווערטע געבליבען ביי איהם אויפ׳ן געזיכט, ער געהט און שטעהט און פאָהרט און רעדט נישט ווי אַבראַמאָוויטש, נאָר ווי מענדעלי מוכר ספרים. אַמאָל פערגעסט ער זיך, פערגעסט אויף דער מאַסקע, וואָס ער טראָגט, און מיר הערען פלוצלינג זיין אייגענע שטים, נאָר דאָס איז אַ יוצא מן הכלל; דער כלל איז די מאַסקע. און די תּאוה צו דער מאַסקע... מיט וואָס פאַר אַ פערגניגען שרייבט מענדעלי אַ הקדמה צו זיין ספר אינ׳ם סטיל פון אַן אַלטען מחבר, הויבט אָן: „אמר מענדעלי מוכר ספרים, זאָגט מענדעלי מוכר ספרים: געלויבט איז דער בורא, וואָס בעשטימט דעם גאַנג פון די גלגלים...“ און חתמ׳עט זיך „הקטן מענדעלי מ״ס.“ מיט וואָס פאַר אַ הנאה לאָזט ער רעדען, אָנשטאָט זיך, ר׳ בנימין השלישי, אָדער ער ברענגט אַ פּסוק און פערטייטשט איהם, ווי דער רבי אין חדר: „ווי אַ אינד, וואָס טוט טאָן גלוסטען קוואַלען וואַסער“, „בין המשפתים“ — „צווישען די געמאַרקען“, „והשפיפון — און דער „פיפערנאָטער“... ווי אָפּט רעדט ער מיט׳ן לשון פון שרה בת-טובים... „די גאַנצע וועלט, זאָגט מענדעלי, איז לויטער גלגולים“, און אויך אין מענדעלי׳ן אַליין זיצט אַ גלגול. ער איז ער — און נישט ער. די דאָפּעלטקייט איז דער מקור פון יעדער סטיליזאַציע: דער אינהאַלט איז אַן אייגענער, די פאָרם — נישט; דער אינהאַלט געהערט איינעם, די פאָרם — אַ גאַנצען דור, אַ גאַנצער עפּאָכע. דערפאַר איז דער סטיליזאַטאָר אַזוי ווייט פונ׳ם נאָכמאַכער. דער נאָכמאַכער גיט אונז דעם סטיל פון איינעם, אַ יחיד, דער סטיליזאַטאָר — דעם סטיל פון אַן עפּאָכע. איהם קען מען נישט נאָכמאַכען, מען מוז איהם שאַפען. כּדי איהם צו דערפהילען, מוז מען אַליין האָבען אַ טיפּעס און איידעלעס סטיל-געפיהל. מענדעלי האָט עס. זעלטען ביי ווענען פון די יודישע

גאַנצען יודישען תחום, און אַז גלופסקער בלוט רינט אין יעדערן פון אונז, אין דעם אָרימען, אַזוי ווי אין דעם רייכען, אין דעם אינטע-ליגענטען נישט ווענינער, ווי אינ׳ם פראָסטען מענשען פון פאָלק. דער-נאָך שילדערט ער, ווי זיין שטייגער, מיט אַ משל, די צייט נאָך די פאָגראָמען. די פאָגראָמען אַליין מיידט ער אויס צו שילדערן, עס פיהלט זיך דער וועהטאָג, וואָס ער טראָגט אין האַרצען, נאָר — „ווען איך פאַל אַריין אין עצבות, זאָגט מענדעלי אין דער העברעאישער ער-צעהלונג „בישיבה של מעלה״,—דוקא ווען די עצבות פערשטאַרקען זיך, ווילט זיך מיר לאַכען״. און מענדעלי לאַכט אין „בסתר רעם״, ער האָט דעם מוט צו לאַכען, דעם מוט, וועלכען עס גיט דער קינסט-לעריש-הומאָריסטישער קוק אויפ׳ן לעבען.

די איבריגע העברעאישע ערצעהלונגען מענדעלי׳ס זענען טיילווייז נייע, טיילווייז איבערזעצונגען פון יודיש,—איבערזעצונגען, דורך וועל-כע מענדעלי האָט בעשאַפען כמעט אַ נייעם פראָזאַ-סטיל אין העב-רעאיש, אַ סינטעז פון אַלע ענטוויקלונגס-פאַזען, וועלכען די העברעאי-שע שפראַך האָט דורכגעמאַכט ביז אַהער.

אין דער אייגענער צייט הערט מענדעלי נישט אויף צו שרייבען יודיש. אין 1889 געהט אַרויס דאָס גרעסטע און רייכסטע, הגם נישט דאָס איינהייטליכסטע, פון אַלע זיינע ווערק — „דאָס ווינשפינגעריל״, (שפעטער איז עס אַרויס אין העברעאיש מיט׳ן נאָמען „בעמק הבכה״). אין די ניינציגער יאָהרען האָבען מיר אַ גאַנצע רייהע נייע העברעאישע און יודישע ערצעהלונגען. אין די נייע ערצעהלונגען, אין די העברע-אישע בעזונדער, בעגעגענען מיר אָפט נייע פאַרשוינען: חובבי-ציון, לאומיים, בעלי-תשובה׳ניקעס; בכלל אָבער ווערען דאָ איבערגעחזר׳ט די אַלטע מאָטיווען מענדעלי׳ס: צום רעש פון חבת-ציון, פון די קאָ-לאָניעס און די היציגע יונגע-לייטלעך „לאומיים״ פערהאַלט ער זיך מיט דעם אייגענעם ביטערען סקעפּטישען שמייכעל, ווי צום אימפעט פון דער השכלה און משכיל׳ישע טומלער. די אַלטע געדאַנקען זענען דאָ נאָר קלערער, עס ווערט געמאַכט אַ סך-הכל, זכרונות ווערען געזאַמעלט, אין „בימים ההם״ און אין „שלמה ר׳ חיים׳ס״ (חיי שלמה) טראָגען זיי אַ פערזענליכען אויטאָביאָגראַפישען כאַראַקטער, אָבער קיין נייע שטרי-כען צו מענדעלי׳ס שאַפען און סטיל געפינען מיר נישט אין זיי. מענ-דעלי איז שוין פריהער פאַר אונז געשטאַנען, ווי אַ גאַנצע, אַ לעבעדי-גע געשטאַלט מיט אַלע איהרע חן-גריבעלעך.

האָבען זיך געגומען דאַן פאַר נייע נאַציאָנאַליסטישע טעמעס, מענדעלי האָט זיך אומגעקעהרט צו זיין אַלטער טעמע. „עס האָט מיך עפּיס געצויגען, זאָגט ער, אַהין אין יענעם ווינקעל פונ׳ם יודישען לעבען, וואו עס געפינען זיך מיינע אַלטע בעקאַנטע פּאַרשוינען, פון וועלכע איך פלעג אַמאָל דעם עולם דערצעהלען משונה-ווילדע, וואונדערליכע מעשיות״, און אין „פּריזיוו״ איז דער ריין קינסטלערישער הומאָריסטישער טאָן פון „מסעות בנימין השלישי״, נישט שוואַכער, נאָר שטאַרקער געוואָרען. עס פיהלט זיך, אַז מענדעלי איז מיט ביידע פיס איבערגעגאַנגען אויפ׳ן באָדען פון קונסט. די פידעל, אויף וועלכער ער האָט זיך נישט פערגונען צו שפּיעלען אַמאָל, וועלכע ער האָט נישט איינמאָל שוין אויפגעהאַנגען אויף דער שטומער, טרויעריגער ווערבע פון גלות-שפּאָט- און מוסר — די פידעל ווערט מענדעלי׳ן אַלץ נעהענטער און ליעבער. אַ פּובליציסטישע טענדענץ, און אַ שטאַרקע טענדענץ, איז פאַרהאַן אויך אין „פּריזיוו״, אָבער עס פיהלט זיך אַ שטרעבונג צונויפצופּאָרען זי מיט דער קינסטלערישע וואַרהאַפטיגקייט. אלכסנדר, אַ אינטעליגענט פון די 80-סטע יאָהרען, וועלכער וויל פערנעהמען צוריק די שטעלע, וואָס פּיקהאָלץ (אין דער „טאַקסע״) האָט אַוועקגעוואָרפען, די שטעלע פון אַ ראַבינער, וואָס אַרבייט פאַר׳ן כלל, — אַלכסנדר איז, ווי אַלע אינטעליגענטען פון נייעם דור ביי מענדעלי׳ן, אָהן פלייש און אָהן בלוט; די עצם אינטריגע פון דער דראַמע איז, ווי ווידער אַמאָל אָפּט ביי מענדעלי׳ן, צופעליג, געקינצעלט. דערפאַר אָבער די פאָלקסטימליכע פּאַרשוינען, ווי אַ שטייגער פייבוש גאָטסוואונדער דער לאַנד-שדכן, מענדעל דער משרת, דוואָסע די קיכמויד, שמואליק דער אויסגעדיענטער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט, „גלאַט אַ יוד״ ר׳ אליה, איציק דער קרעמער, אָדער שפּרינצע, שמחה מאַריאַשעס ווייב, אָדער אפילו די עטוואָס מגוזמ׳דיגע ר׳ יוחנ׳צע דעם רב׳ס און זיין זוהן חאַצקעל — אַלע זיי שפּראָצען מיט זאַפט און לעבען.

אין אַ פּאָר יאָהר אַרום נאָכ׳ן „פּריזיוו״, שוין וואוינענדיג אין אָדעס, קעהרט זיך מענדעלי אום צוריק צו העברעאיש. אין 1887 הויבט זיך אָן דרוקען אין „היום״ זיין „בסתר רעם״. מענדעלי שטעלט פאָר פאַר דעם העברעאישען לעזער אונזער אַלטע בעקאַנטע גלופּסק (כסלון) מיט איהרע פּאַרשוינען, מיט איהר גאַנצען חן. דערביי פערגעסט ער נישט דערמאָנען אונז, אַז גלופּסק איז דער נאָמען פונ׳ם

אָבער אָהן פלייש און אָהן בלוט, זיי זענען נישט פלאַסטיש, די נשמה הענגט זיי נישט „אויף דער נאָז", אינ׳ם קוק פון די אויגען, אין די בעוועגונגען פון די הענד, אין די קנייטשען פון די בגדים. מענדעלי איז דער גרויסער קערפער-שילדערער, דערפאַר איז ער געווען און געבליבען דער שילדערער פון דער עפּאָכע, ווען דער יודישער קערפער האָט נאָך געהאַט זיין אייגענע חצוניות, זיין אייגענעם הילוך...

---

# X.

נאָך „מסעות בנימין השלישי" האָט מענדעלי אָוועקגעלעגט די פען און אַ לאַנגע צייט געשוויגען. אינמיטען האָבען אויסגעבראָכען די פּאָגראָמען. כמעט פאַר אַלע גרעסערע שרייבער פון דער השכלה-עפּאָכע זענען די פּאָגראָמען פון די 80-טע יאָהרען געווען אַ „ווענדע-פּונקט". אַזוי ווי דורך אַ בליץ איז בעלויכטען געוואָרען דאָס יודישע לעבען, עס איז אַראָבגעפאַלען אַ שלייער, מען האָט דערזעהן דעם חורבן. אין מענדעלי׳ס וועלט נאָר האָט עס נישט אָנגעמאַכט קיין איבערקעהרעניש. דער פער־אַסער פון דער „קליאַטשע" איז צו די פּאָגראָמען געווען מעהר, ווי אַנדערע, צוגעגרייט: עס איז געווען פאַר איהם אַ ניי בלעטעל פון אַנ׳אַלטער געשיכטע. אויפ׳ן האַרצען איז דערפון אָבער נישט גרינגער געווען. און דאָס שווייגען, אין וועלכעס מענדעלי איז פון 1878 פערזונקען געווען, איז נאָך טיעפער געוואָרען. „די צרות, שרייבט ער שפּעטער, אין 1884 אין דער הקדמה צום „פּריזיוו", — די צרות אין דער לעצטער צייט האָבען פערשטיינערט מיין האַרץ, אַזוי אַז די צונג האָט זיך נישט געלעגט צו ריידען און די האַנד צו שרייבען אַ וואָרט. דאָס איז אַזאַ שווייגען, וואָס מאַכט זיך מיט אַ מענשען, ווען שטאַרקע יסורים טרעטען צו מיט אַמאָל, און קאָסט איהם געזונד און לעבען אַ סך מעהר, ווי קרעכצען און וויינען מיט בלוטיגע טרעהרען; וואָס אויב אַזעלכעס געדויערט אָהן עפּיס אַ הילף פון דער זייט, אין מען אין אַ גרויסער סכנה צו ווערען אויס מענש". די צרות האָבען נישט אויפגעהערט, דאָך האָט מענדעלי צוריק גענומען זיך פאַר דער פען, און געלאָזען אָבדרוקען אין 1884 דעם נאַר-וואָס דערמאָנטען „פּריזיוו", אַ דראַמע אין פינף אַקטען. דאָס רוב שרייבער

צייכענט ער עס גלייך, אַזוי דאַרף מען זיך נישט וואונדערן אויף מענ-דעלי'ן, וואָס ער מאָלט אָב יעדע פיגור, וואָס איהם קומט אויפ'ן א"יג, יעדען פסיכאָלאָגישען יודישען שטריך, וואָס ער בעמערקט, הגם „צום ענין" האָט עס נישט אַזאַ שטאַרקע שייכות, נאָר ווייל עס האָט אַ שייכות צום אָרט, איבער וועלכען ער רייזט אַרום אין זיין וועגעלע, צו דער גרופּע מענשען, מיט וועלכער ער וויל אונז בעקאַנט מאַכען. אַבראַמאָוויטשעס ערצעהלונגען — דאָס איז איין גרויסעס קינסטלע-רישעס מעמואַרען-בוך פונ'ם קלוגען, געניטען, אין אַלע ווינ-קעלעך אויסגעוועזענעם מענדעלי מוכר ספרים, איין גרויסעס קינסטלערישעס מעמואַרען-בוך, וואו איהר געפינט אַלץ, וואָס איהר ווילט: פאָלקס-פּאָעזיע און פאָלקס-פּסיכאָלאָגיע, קולטור-געשיכטע און עטנאָגראַפיע, מאָראַל און הומאָר, — און וואו אַלץ דיענט נאָר צו איין צוועק: בעקאַנט מאַכען אונז דורך לעבעדיגע בילדער מיט דעם פאָלקס-לעבען און פאָלקס-כאַראַקטער פון די יודען אין געטא. מענדעלי איז דער נייער יוסיפון אונזערער.

אָבער הויפּטזעכליך איז ער דער יוסיפון פון דער פאָרלעצטער עפּאָכע, פון דער עפּאָכע, ווען דער געטא- און בית-המדרש-יוד איז געווען נאָך אַלץ, דאַכט זיך, איינגעגלויבט אין זיך, נאָר זיין יונגע-רער זוהן איז שוין געשטאַנען אָן אַ זייט און געקוקט אויף איהם, ווי אויף אַ מומיע, אַ גוף אָהן אַ נשמה, און ערגיץ אין דער הויך אויף אַ שאַלקע איז געזעסען שוין דער אַלטער, דער קלוגער, מיט'ן קיהלען פערגליוורטען שמייכעל אויף די ליפּען, מיט די קנייטשען אויפ'ן געזיכט, געשאַרפט די טרוקענע געלבליכע גענזענע פעדער, גענעצט דעם פינגער און געמאָסטען זיך איבערקעהרען אַ בלאַט אין פנקס...

אין די לעצטע ווערק זיינע, אין די 90-טע יאָהרען, האָט מענ-דעלי געפּרובט מאָלען יודען פון דער נייער צייט, פון דעם ושבו-בנים-לגבולם-פּעריאָד (בישיבה של מעלה, אַ גרויע האָר, און אַנד.) און אויך פאַר די דאָזיגע יודען האָט ער קלאָרע, קלוגע, אָפט שאַרפע ווערטער, — אָבער נישט מעהר ווי ווערטער. „קול דברים שומעים ותמונה אינם רואים". נישטאָ קיין געשטאַלטען. און עס איז לייכט צו פערשטעהן, פאַרוואָס. די נייע נאַציאָנאַלע בעוועגונג איז די בעוועגונג פון דער אינטעליגענץ. אין דער אינטעליגענץ זענען אָהן קיין שום ספק אויסגעוואַקסען נייע סאָציאַל-פּסיכאָלאָגישע טיפּען; זיי זענען נאָך

דאָך, ווען זיינע פארשוינען וואָלטען געווען פערזענליכ-קייטען, וואָלט ער זיך בענוגענען, קאָן זיין, מיט דאָס פערזענ-ליכע, וואָס אין זיי; איצט אָבער, אַז ער האָט צוטאָן מיט אַקו-פע מילבען („גל של נמלים"), מוז ער אין זינען האָבען, נישט יעדע מילב בעזונדער, נאָר די גאַנצע קופע, די גאַנצע עדה. אַ גליק-ליכער אינסטינקט זאָגט איהם אונטער, אַז די גרויסע ווערדע ווען די ווערק זיינע האָבען ערשט דאַן, ווען זייער טעמע וועט זיין נישט איינציגע איינוואוינער פון קאַבצאַנסק, נאָר קאַבצאַנסק אינגאַנצען, דער איינציגער קאַבצאַנסקער איינוואוינער איז שטאָף פאַר אַ הומאָריסטישע סקיצע; גאַנץ קאַבצאַנק, קהל — דאָס איז אַ גרויסאַרט'גע פאָעמע!

און נאָך אַ זאַך:

ווען מענדעלי וואָלט קאָנען זיך בענוגענען מיט שילדערן דאָס אינוועניגסטע לעבען, וואָלט ער אויך אין אַלטען דור אין קאַבצאַנסק געפונען, אַ חוץ „מילבען", — פערזענליכקייטען, וואָס יעדע פון זיי איז אַ וועלט, אין וועלכער עס לוינט אַריינצוקוקען (האָט דאָך פרץ שפעטער ענטפלעקט אַזוינע וועלטען); אין מענדעלי'ן אָבער לעבט אַ תאוה צו פלאַסטיק, צו אויסערע פאָרמען, און אויסערליך האָט זיך אין יענער צייט דער יוד, דער טיפּסטער אפילו, נאָר ווייניג וואָס אָבגעשיידט פון דער אַרומיגער סביבה: „איז דען דאָ נאָך, פרעגט מענדעלי, אַ אומה אויף דער וועלט, וואָס דער גאַנצער שטייגער לע-בען פון איטליכען בעזונדער זאָל זיך ציהען פונ'ם געבוירען ווערען ביז דעם שטאַרבען אויף איין נוסח, ווי ביי אונז, יודישע קינדער?" ער ברענגט ביישפּיעלען דערצו און לאָזט אויס: „מיר זענען אַנ'עדה פון מילבען, וואָס ווי איינע, אַזוי די אַנדערע, אַלע גלייך. אין דער נאַטור-געשיכטע, זאָאָלאָגיע, ווערט גערעדט וועגען דעם מין מילבען בכלל, אָבער נישט וועגען איטליכען מילב בעזונדער".

און עס איז נאָר צו בעוואונדערן דאָס שאַרפע אויג, מיט וועל-כען ער האָט דאָך אויסגעפאָרשט די זאָאָלאָגיע פון איינצעלנע „מילבען", הגם זיין ציעל איז געווען און געבליבען דאָס גאַנצע מילבען-נעסט.

דאָס מילבען-נעסט, דאָס שטיק מאַטעריע, וואָס רופט זיך יוד — אָט דאָס שאַפט די איינהייטליכקייט פון יעדען ווערק מענדעלי'ס און פון אַלע אינאיינעם, און אַזוי ווי איהר וועט זיך נישט וואונדערן אויף אַ רייזענדען, וואָס ער קלייבט זיין שטאָף „אָהן אַ סיסטעם", און ווי נאָר עס טרעפט זיך איהם אָן עפּיס אַ אינטערעסאַנטע זאַך, פער-

יעקב׳ס, וואָס זענען דאָ אַצינד, און וואָס וועלען זיין אויך שפּעטער אין אַלע יודישע ערטער, כּל זמן פון די קינדער ישראל וועט נאָך בלייבען אַ זכר און אין זיי וועט נאָך שלאָגען אַנ׳אָדער" (די אַלטע מעשה); ער דערצעהלט אונז נישט פון ר׳ יעקב׳ן, נאָר פון דעם מין ר׳ יעקב׳ס.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז ער האָט נישט קיין אויג פאַר דאָס אינדיווידועלע. ניין, צוזאַמען מיט די פאַרשוינען, פון וועמענס מויל עס רעדט מענדעלי אַליין, האָבען מיר אין זיינע ווערק צעהנדליגער נעמען, וואָס יעדערער פון זיי, אַז מען זאָל איהם אָנרופען, וועט ער אויפוועקען אין אונזער זכרון סמנים, בולט׳ע, פּלאַסטישע סמנים, לויט וועלכע מיר קאָנען איהם דערקאָנען און אָבשיידען פון אַלע אַנדערע; אפילו אין דער „טאַקסע", וואָס איז געשריבען מיט אַ טענדענץ און אין וועלכער עס פיגורירען גבירים, קהל׳ס-לייט, וואָס מענדעלי זעהט אין זיי נאָר דאָס גביר׳ישע, דאָס קהל׳שע — אפילו אין דער „טאַקסע" איז ר׳ איציק וואָלף ספּאָדיק נישט דער אייגענער, וואָס שמעיה תּם, און ר׳ יוסף מהיכי-תּיתי וועט איהר נישט פערבייטען אויף ר׳ יודעלע שטאַנדהאַפט, און ווער רעדט אַזוינע ווערק, ווי „פישקע", „דער פריזיור", „דאָס ווינשפינגערל", „די ישיבה של מעלה", „שלמה ר׳ חיים׳ס"— דאָ האָט איהר אַ גאַנצע עדה טיפען און געשטאַלטען: גבירים, בעל-מלאכות, סרסורים, שדכנים, קרעמער, מלמדים, קהל׳ס-לייט, משכּילים; פערשיעדענע סאָרטען יודינעס אפילו: אין איין „ווינשפינגעריל" האָט זיך מענדעלי פערגונען געבען אונז אַ גאַנצע גאַלעריע מיט יודינעס, אַ מין ווייבערשע שוהל, און יעדע יודינע איז אַ יודינע אויף איהר שטייגער: טריינע-סאָסיע איז טריינע-סאָסיע, מלכּה-טויבע — מלכּה-טויבע, יענטיל איז פאַר זיך אַ בעל-הבית׳טע, און דער ליעבער מוהמע-רייזע׳ן, דער בעל-אַכסניה׳טע, וועט קיינער נישט צונויפמישען מיט דער מומע שיינצען... זאָל אַ מאַלער די אַלע געשטאַלטען פּרובען אילוסטרירען, וועט ער פאַר יעדע פון זיי געבּרויכען אַנדערע שטריכען, עס וועט זיין אַנ׳אַלבום אַ גאַנצער... ניין, מענדעלי איז אַ מייסטער אויף דאָס אינדיווידועלע. אלא וואָס דען? ער וויל, אַז יעדע זאַך, וואָס ער שאַפט, זאָל לעבען אַ דאָפּעלט-לעבען: דאָס אייגענע, אינדיווידועלע לעבען, און דאָס לעבען פונ׳ם מין, צו וועלכען ס׳געהערט. דער געוועהנליכער קינסטלער זעהט דאָס אַלגעמיינע דורך דאָס אינדיווידועלע, מענדעלי זעהט ביידע זאַכען מיט אַמאָל: ער איז אַ מין דאָפּעלט-זעהער.

קיינעם קיין מורא נישט; בנימין שרעקט זיך פאַר אַ הונט, און אַז ער דערזעהט אַ גוי אין וואַלד, פאַלט ער ער אין חלשות, — ער מיינט, ס'איז אַ גזלן. דאָן קיכאָט שטעהט געגען דער וועלט, אַזוי ווי די תמימות געגען דער פאַלשקייט, אַזוי ווי דער עקסטאַז געגען דער ניכ-טערקייט. ווי שטעהט בנימין אַנטקעגען דער וועלט? פשוט, ווי אַ נאַר געגען קלוגע, ווי אַ בטלן געגען מענשען, וואָס זענען געניטער פון איהם און קאָנען איהם אַרייננאַרען אין זאַק. פון אַנדער'ע טונעיאַדעוו-קער שיידט ער זיך אָב נאָר דערמיט, וואָס ער האָט אַ ביסעל מעהר פאַנטאַזיע פון זיי און וואָס ער האָט זיך אָנגעלייענט מעשיות פון אלדד הדני, אלקסנדר מוקדון און די רויטע יודעלעך. אַחוץ דעם איז ער אַ טונעיאַדעווקער, אַזוי ווי אַלע טונעיאַדעווקער; אַזוי ווי שטענדיג ביי מענדעלי'ן, קומט אויך דאָ דער פרט צו געבען אָנצוהערעניש אויפ'ן כלל...

„מסעות בנימין השלישי" געהערט יעדענפאַלס צו די זעלטענע ביי מענדעלי'ן ווערק, וואָס זענען „מעור אחד", פון איין שטיק. מען האָט שוין נישט איין מאָל אָנגעוויזען אויף דעם, וואָס מענדעלי'ס ווערק, בעזונדערס די גרעסערע, זענען ס'רוב אַ מעשה איבער אַ מעשה און אַ מעשה אין אַ מעשה; מען קאָן זיי זעהר גרינג צוטיילען, און יעדע מעשה, יעדעס בילד וועט זיין פאַר זיך אַ זאַך; אינאיינעם זענען זיי בעהעפט, צונויפגעקלעבט מיט קונצען. מען דאַרף עס דאָך מענדעלי'ן נישט אויפוואַרפען. אַזוי ווי יעדען אייגענאַרטיגען שרייבער, דאַרף מען אויך איהם מעסטען מיט זיין אייגענער מאָס. ער האָט זיך נישט אָנגענומען געבען אונז מעשיות, וואָס יעדע פון זיי זאָל האָבען אַנ'אָנ-הויב, אַ מיטען און אַ סוף, וואָס יעדע פון זיי זאָל זיין מיט אַ בעזונ-דער פאַבולע, אויף אַ בעזונדער טעמע. מענדעלי'ס מעשיות האָבען אַלע איין טעמע: דאָס יודישע לעבען. יודעל, דער קראַנקער יודעל, דאָס קראַנקע יודישע פאָלק, איז נישט נאָר דער העלד פון דער פאָעמע אין חרוזים, וואָס טראָגט דעם נאָמען: ער איז דער העלד פון אַלע מענדעלי'ס ווערק. די כל-ערליי יודען און יודענעס און „קליינע יודעלעך", וואָס מיר בעגעגענען ביי מענדעלי'ן, זענען פעדים, איינגעוועבט אין דער מאַטעריע, וואָס טראָגט דעם נאָמען יוד; מענ-דעלי מיינט נישט די פעדים, ער מיינט די מאַטעריע. דערצעהלט ער אונז פון ר' יעקב, איז ער מוסיף, אַז ס'איז „פון די מיני ר'

בעדיג שמייכל" *); אין אַ פריהערדיגע אויסגאַבע שטעהט: אַ „שטעכע-דיג געלעכטערעל". אוןביידע נוסחאָות זענען ריכטיג. פריהער איז מענ-דעלי'ס שמייכעל געווען שטעכעדיג: עס איז געווען סאַטיריש; דערנאָך איז עס געוואָרען מילד-שטעכעדיג: צו דער סאַטירע איז צוגעקומען דער הומאָר. די סאַטירע און דער הומאָר זענען צוויי עלעמענטען אין מענדע-לי'ס שאַפען, אַזוי ווי די פובליציסטיק און די בעלעטריסטיק. די ביידע עלעמענטען, דער סאַטיריש-פובליציסטישער און דער הומאָריסטיש-קינסט-לערישער, האָבען זיך געראַנגעלט שוין אין די ערשטע ווערק מענדעלי'ס; אָבער אין „מסעות בנימין השלישי" האָט צום ערשטען מאָל דער קינסט-לערישער הומאָר די אויבערהאַנד בעקומען איבער דער מעהר פובליציס-טישער סאַטירע. וועגען דער טאַקסע אַפילו רעדט זיך שוין דאָ נישט אַזוי בייז ווי פריהער. אַ כונה, אמת, האָט מענדעלי אויך דאָ געהאַט: ער איז אויסען געווען אָבצושפּאָטען פון דער טוניעיאַדעווקער בטלנות אוןליידיגגעהעריי, פון דער יודישער וועלט-פּרעמדקייט, פון דער ספעציפיש יודישער קליינשטעדטילדיגקייט, וועלכע האַלט זיך פאַר אַ „אתה בחרתנו" און איז זיכער, אַז הינטער טוניעיאַדעווקע לאָזט זיך אַראָב דער הימעל אויף דער ערד. נאָר וואָס פאַר אַ כונות דער פערפאַסער האָט נישט געהאַט, — אונז פערשאַפט עס ריין עסטעטישעס פערגעניגען.

שרייבענדיג דאָס דאָזיגע ווערק, האָט מענדעלי געהאַט פאַר זיך אַ גרויסען מוסטער, דאָס אונשטערבליכע ווערק פון סערוואַנטעס. אונ-שטערבליכע ווערק ווערען נישט געשריבען צוויי מאָל, איז איבעריג צו זאָגען, אַז קיינער וועט נישט פערגלייכען דאָס שענע „מסעות בנימין השלישי", וואו דער עיקר איז דער יודישער, אויב מען קאָן זאָגען אַזוי, „עטנאָגראַפישער" הומאָר — מיט דעם „דאָן קיכאָט", וואו עס איז פאַראַן אַ אייביגער, אַלמענשליכער אינהאַלט. וויכטיג איז אָבער די זעלבסטשטענדיגקייט, מיט וועלכער מענדעלי האָט פעריודישט דעם דאָן קיכאָט. ער האָט פעריודישט דעם אינהאַלט, נישט נאָר די פאָרם. אַ דאָן קיכאָט, אַזוי ווי מיר פערשטעהען איהם ביי סערוואַנטעס, קאָן אין טוניעיאַדעווקע נישט אויסוואַקסען. דאָן קיכאָט האָט קינדישע פאַנ-טאַזיעס, ער האָט אָבער אויך קינדישע עקשנות; בנימין איז אַ יודענע, פונקט ווי דער חבר זיינער, סנדר'ל. דאָן קיכאָט האָט פאַר

*) הקדמה צו קליינמענשעלע, יובילעאום-אויסגאַבע 1907.

בלוט אַריינגעקאַפּעט טראָפּענס גאַל, זיינע ווערטלעך זענען צונויפגעמישט מיט שטעכווערטלעך, זיין הומאָר — מיט סאַטירע.

## IX.

אפילו די ווערק פונ׳ם צווייטען פעריאָד, די ווערק, וואָס ווערען וואָס אַמאָל ריינער אינ׳ם ליטעראַרישען און קינסטלערישען זין, — אַפילו זיי זענען, ווי געזאָגט, ניט פריי פון מוסר, פון משלים, בעהאַלטענע כונות; אין אַ בריעף שרייבט מענדעלי: „איך האָב ליעב, אַז אַ חוץ דעם שענעם פנים׳על, זאָל אין אַ קאַרטינקע אויך זיין לעבען, שכל און געדאַנק, ווי אין אַ לעבעדיגען מענשען. אַ קאַרטינקע בזה־הלשון, אַ חוץ שענע מליצה אויך מיך לאָזען עפּיס הערען״ *). דאָך לויבט זיך שוין מענדעלי אינ׳ם צווייטען פעריאָד צו מאָלען סתם שענע פנימ׳לעך; ער מיהט זיך יעדענפאַלס, אַז דער געדאַנק, וועלכען ער וויל אונז לאָזען הערען, זאָל האַרמאָנירען מיט׳ן „שען פנימ׳ל״, זאָל עס חלילה נישט פערוואָלקענען.

אַ שריט צום צווייטען, פיינערען אינ׳ם קינסטלערישען זין, טייל פון זיין שאַפען, האָט מענדעלי געמאַכט מיט זיין וואונדערליכען „מסעות בנימין השלישי״ (1878).

דאָ איז שוין ווייניגער זייטיגע זאַכען און מעהר קינסטלערישע רוהיגקייט, מעהר אויסגעהאַלטענקייט, ווי אין די פריהערדיגע ווערק. דער גאַנצער טאָן איז שוין דאָ מעהר אַ הומאָריסטישער, ווי אַ סאַטירישער... דער סאַטיריקער מאַכט אַ ווענדען פון דאָס אונווירדיגע און קליינליכע. זיין „הייליגער חוב״ איז דערפון אָבצולאַכען; דער הומאָריסט מאַכט קיין ווענדען נישט דערפון, ער איז העכער פון דעם, און ער האָט קיין „חובות״ נישט אויף זיך. ער האָט אַ רעכט — צו שמייכלען, שמייכעלט ער... וועגען זיך אַליין זאָגט מענדעלי: „זון אַז איך פערציה די ליפּען, דאַכט זיך, עס שוועבט אויף זיי אַ מילד שטע-

*) זעה די אויבען ציטירטע הקדמה צו „סטעמפּעניו״.

*) הקדמה צו קליינמענשעלע.

ווערק, אַזוי ווי די „קליאַטשע״ איז די שענסטע פּובליציסטישע זאַך *).

פּרובט מען מאַכען אַ סך-הכּל פוּנ׳ם דאָזיגען ערשטען פּעריאָד פוּן מענדעלי׳ס אַרבייט, אַזוי מוז מען זאָגען, אַז די קונסט מענדעלי׳ס אינ׳ם דאָזיגען פּעריאָד איז פריי און גאַנץ נאָר דאַן, ווען זי שטעהט אויף אַ נייטראַלען באָדען, אויף אַ באָדען, וואָס האָט קיין שייכות נישט צום קהל און קהל׳ישע געשעפטען; דאָס איז דאַן, ווען זי האָט צו טון אָדער מיט דער נאַטור אין דער פאָלקס-שפּראַך (וועלכע איז פאַר מענדעלי׳ן, אגב, אויך אַ שטיק נאַטור, וואָרום, הגם מען קען זי בעפּוצען, מוז זי דאָך, אין גרונד גענומען, בלייבען, ווי זי איז) און דעם איינפאַכען פאָלקס-מענשען, אָדער מיט דער פאָלקס-פּסיכאָלאָגיע, גענומען אַלס גאַנצעס...

אונז איז שווער, אונמעגליך כּמעט פאָרצושטעלען זיך אַבראַמאָוויטש׳ען אַנדערש, ווי ער איז; אָהן זיינע שוואַכקייטען קאָנען מיר איהם נאָך ווענינער אפשר פאָרשטעלען זיך, ווי אָהן זיינע מעלות; די מאַסקע מענדעלי׳ס איז אין אַבראַמאָוויטש׳עס געזיכט אַזוי איינגעוואַקסען, אַז מיר קאָנען נישט וויסען, וואָס וואָלט אַבראַמאָוויטש געווען, ווען ער וואָלט געבוירען ווערען אין אַנ׳אַנדער צייט, אין אַנ׳אַנדער סביבה, ביי אַנ׳אַנדער פאָלק. אפשר וואָלט צו זיין קינסטלערבלוט נישט צוגעמישט זיין קיין איין טראָפּען פּובליציסטען-טינט; אפשר וואָלט ער דאָס, וואָס ער איז „נישט אויסען״, מיט אַנ׳אמת טאַקע נישט אויסען געווען און וואָלט נאָר מאָלען בילדער און מאַכען לעבעדיג פּייזאַזשען, — מיר קאָנען עס נישט וויסען, און צו וואָס אייגענטליך טויג עס אונז צו וויסען? מענדעלי איז אונז ליעב, אַזוי ווי ער איז. און אַזוי ווי ער איז—איז אין זיין קלאָרען איידעלען קינסטלערישען

---

*) צום דאָזיגען פּעריאָד געהערט נאָך אַ חוץ אַ פּאָר העברעאישע מאמרים און קליינע יודישע ערצעהלונגען, וועלכע איך האָב ניט דערמאָנט — די איבערזעצונגען אין חרוזים פון „פּרק שירה״ (1875), פון שבת׳דיגע זמירות (זמירות ישראל) און פון תהלים, און „יודעל״, אַ ספּור המעשה אין שירים. די אָפּטמאָל שענע געדאַנקען און חקירות, וואָס בעגעגענען זיך דאָ, קלינגען אונז פרעמד: מיר האָבען זיך אָבגעוועהנט פון אַזאַ אָרט שרייבען; איבער דער שפּראַך אָבער איז מענדעלי אויך דאָ אַ אויבערהאַר, און דער ליבהאָבער פון יודיש וועט דאָ נישט ווייניג נוצליכעס געפינען.

אויסמאָלען, אָבצאַצקענען: אַ דאָרפישע קרעטשמע — איז אַ דאָרפישע קרעטשמע, דעם אַרענדאַר׳ס ציג — איז דעם אַרענדאַר׳ס ציג, אַ רויטער קאָלנער מיט מעשענע קנעפּ — איז אַ רויטער קאָלנער מיט מעשענע קנעפּ („פישקע דער קרומער").

אָבער ווי נאָר ער פאָהרט צוריק אַריין אין קאַבצאַנסק, אין דער יודישער גאַס אַריין, אַזוי ווערט זיין וועגעלע גלייך אַ בימה, און ווער עס געהט נאָהענט צו איהם צו הויבט אָן דרש׳ענען...

אַ גליק, וואָס יצחק אברהם תקיף, דאָס קליינע מענשעלע, האָט געהאַט אַן אָרימע מאַמע און קינדוויז האָט ער זיך אויסגעוואַלגערט אין כל-ערליי אָרימע הייזער, געהאַט צו טון מיט איינפאַכע מענשען פון פאָלק, מיט עזריאל דעם מלמד, לייזער דעם שניידער, מיט אַ חזן אַן׳אַרומפאָהרער; אַ דאַנק דעם האָבען מיר אפילו אין אַזאַ ליטעראַריש שוואַכער זאַך, ווי „דאָס קליינע מענשעלע", אַ גאַנצע שורה געשטאַלטען און בילדער, וואָס פערשאַפען אונז אמת׳ן פערגעניגען.

דאָס פאָלקס-לעבען, אַלץ, וואָס האָט אַ שייכות צום כאַראַקטער, צו דער שפּראַך, צום בענעמען זיך פון פאָלק — דאָס קאָן מענדעלי נישט שילדערן אַנדערש, ווי קינסטלעריש. די פאָלקס-געשטאַלטען זענען שען אפילו אין אַזוינע נישט גאַנץ קינסטלערישע ווערק, ווי „האבות והבנים", די „טאַקסע" און אַנדערע; דערמאָנט זיך אויף לאה׳ן, אפרים׳ס ווייב, די פּראָסטע יודענע און אַנדערע פאָלקסמענשען אין „האבות והבנים", ווי, אַ שטייגער, דער שמש, די קינדער, וואָס רייצען זיך מיט איהם, חנה די טוקערין... אָדער בתיה און טויבע-לאה אין דער „טאַקסע"... ישראליק׳ס מאַמע אין דער „קליאַטשע"... „פישקע דער קרומער" איז קינסטלערישער, ווי „דאָס קליינע מענשעלע", נישט נאָר, ווייל עס איז געשריבען נישט מיט אַזאַ אָפענער פּובליציסטישער טענדענץ, ווי דאָס לעצטע, נאָר אויך, ווייל די סביבה, אין וועלכער מענדעלי פיהרט אונז אַריין דאָ, איז נאָהענט זעהר צום פאָלק און צו דער נאַטור — צו די צוויי טיעפסטע קוואַלען פון מענדעלי׳ס שאַפען.

„פישקע דער קרומער" איז אין דעם ערשטען פעריאָד פון מענדעלי׳ס ליטעראַרישער אַרבייט (איך רעכען דעם דאָזיגען פעריאָד ביז „מסעות בנימין השלישי". 1878) דאָס רייכסטע פון די בעלעטריסטישע

גרינליכע, הויכגעוואַקסענע קוקורוזעס; אַ שענער גרינער טאָל, באַדעקט פון ביידע זייטען מיט וועלדלעך, ניסבוימער. אונטען פלייצט אַ טייכעל, ריין, קלאָר, ווי אַ קריסטאָל, אין וועלכען עס טוקען זיך די שטראַהלען פון דער זון און בעלעגען עס מיט פינקעלדיגע, גילדענע פליטערלעך. די שאָף און די קוה אויף דער פאַשע דאָרט זעהען פון דערווייטענס אויס ווי טונקעלע, רויטע, געפלעקטע פינטעלעך... פע, פע! מוסר׳ט דער יצר-טוב א. אַ. וו.". דער יצר-הרע אַליין, דער קינסטלער, וואָס אין מענדעלי׳ן, פיהלט, אַז ער האָט זיך שוין צופיעל נאָכגעגעבען, און בעפרידיגט דעם יצר-טוב, דעם מוסר-זאָגער, דעם בעל-בכי דערמיט, וואָס ער „וואַרפט איהם אונטער" אַ מאָל אַ שטיקעל „נאַטור": אין דער „קליאַטשע" אין איין אָרט שענקט ער איהם אַזאַ טייערן געשענק, ווי דעם „סאָלאָווייטשיקעל". „שפיעל, זאָגט ער, סאָלאָווייטשיקעל, שפיל, איך וויל אַ ביסעל וויינען!" דער סאָלאָווייטשיקעל שפילט און אונטער זיין אומעטיגען, זיסען אַקאָמפּאַניִמענט בעטראַכט מענדעלי דערווייל די יודישע „פּאַראָנדקעס"...

אַ חוץ אין די נאַטור-שילדערונגען איז מענדעלי (שוין אין די ערשטע ווערק זיינע) אַ מייסטער, ווען עס בעגעגענען זיך איהם פּאַרשוינען, וואָס געהערן צום פאָלק, צום פּראָסטען עולם, פאַרשוינען, וואָס האָבען קיין שייכות נישט צום קהל און קהל׳שע ענינים, אַזוי ווי, אַ שטייגער, אין „פישקע דער קרומער", חיים-חנא חיה-טריינעס, אַ פאַנטאָפעל-העלד, און חיה-טריינע אַליין, אַ יודענע אַ קאָזאַק, פון די מיני יודענעס, וואָס מענדעלי האָט ליעב צו שילדערן, ווען ער רעדט וועגען יודינעס, נישט וועגען פרויען (פרויען גיבען זיך מענדעלי׳ן ווייניגער אַיין, איידער יודינעס).

קינסטלער אין די ערשטע ווערק זיינע איז מענדעלי אויך דאַן, ווען ער רוקט זיך אָב אויף אַ ווייַלע פון דער יודישער גאַס, פון קאַבצאַנסק, פון דער „יודישער טאָרבע"; דאַן דערפיהלט ער זיך פטור פון מצוות, פון מוסר, פון שטעכווערטלעך; דער קינסטלער וואַרפט אַראָב פון זיך דעם ראָק, וואָס דער „יהודי היהודים", דער מוסר-זאָגער האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט, ער דערפיהלט זיך פריי און מיט אַ ברען כאַפּט ער זיך צו צום פענזיל און מאָלט, און מאָלט, און מאָלט. זיין אויג טרינקט די פאַרבען פון לעבען, אַזוי ווי אַ וואַנדערער טרינקט פון אַ קוואַל, וואָס האָט זיך איהם ענטפלעקט אין דער וויסטעניש... וואָס איהם זאָל נישט קומען אין דער האַנד, וועט ער

די נאַטור-שילדערונגען, וואָס זענען פאַרהאַן לרוב אין די ערשטע, אַזוי ווי אין די לעצטע ווערק מענדעלי׳ס, און וואָס אָפט האָבען זיי צום עצ̈ ווערק, צום ספור המעשה, נאָר אַ קנאַפּע שייכות — די נאַטור-שילדערונגען זענען מעהר נישט, ווי אַ צינז, וואָס מענדעלי דער פּובליציסט און מוסר-זאָגער פלעגט צאָהלען שטילערהייט מענדעלי׳ן דעם קינסטלער, ער זאָל רוהיג זיין און נישט ציהען פונ׳ם שלאַכט-פעלד צוריק אַהיים, אין דאָס שטילע געצעלט פונ׳ם שטילען שאַפען. די פאַרשוינען, די מענשען, וואָס מענדעלי, פאָהרענדיג אויפ׳ן וועגעלע מיט ספרים, בעגעגענט אויפ׳ן וועג — זיי דאַרף דער פּובליציסט פאַר זיך, זיי דאַרף ער אין מויל אַריינלעגען זיינע משלים, זיינע שטעכ-ווערטלעך, זיין מוסר; די „נאַטור" אָבער — זי גיט ער אָב במתנה מענדעלי׳ן דעם קינסטלער, ער מעג זיך קוויקען מיט איהר, וויפיעל זיין האַרץ געלוסט. און מענדעלי דער קינסטלער לאָזט זיך נישט בעטען. טרעפט זיך איהם אַ שטיקעל נאַטור, אַ וועלדעלע, איין בוימעלע אפילו, — צעשפּיעלט ער זיך אויף אַלע כלים. איצט איז זיין וועלט. און ער לאָזט שוין די פען נישט אַרויס פון זיין האַנד, וווּ ער וועט נישט אויסמאָלען דאָס לעצטע שטריכעלע, דאָס לעצטע פּינטעלע... איך וואָלט אַ סך זייטלעך בעדאַרפט פערשרייבען, ווען איך וואָלט בריינגען ביישפּיעלען פון מענדעלי׳ס מאָלען די נאַטור; איך וויל בריינגען נאָר עטליכע שורות, וואו עס איז הומאָריסטיש אָבגעשילדערט, ווי אַזוי דער יוד, דער בעל-תכלית, וואָס זיצט אין מענדעלי׳ן, שטראָפט דעם קינסטלער, וואָס אין איהם: „אונטערוועגענס איינמאָל שבעה עשר בתמוז, גאַנץ פריה, זיץ איך מיר, דערצעהלט מענדעלי, אויף דער קעלניע פון מיין ביידעל אין טלית און תפילין, מיט דער בייטש אין דער האַנד, גאַנץ יודישליך. די אויגען זענען מיר צוגעמאַכט, בכדי נישט אָנצוקוקען ביים דאַוונען די ליכטיגע וועלט. מעשה-שטן אָבער איז זי, די נאַטור, ווי הייסט מען עס, געווען וואונדער-שען, גאָר אַ בילד, און עס האָט מיך געצויגען עפּיס, ווי אַ כשוף, אַ קוק צו טון. איך האָב אַ היבשע צייט זיך געראַנגעלט מיט מיר אַליין. דער יצר-טוב זאָגט: פע! מען טאָר נישט. דער יצר-הרע אַקעגען טאָרעט: נישקשה, האָב הנאה, נאַרעלע! און עפענט מיר דערביי טאַקע אויף מיין אויג. עס טוט מיר אַ שיין, נאָר ווי אויף צו להכעיס, עפּיס אַ בילד-שענע פּאַנאָראַמע; פעלדער געשפּרענגעלט מיט בליהענדע רעטשקע ווייס ווי שניי, נערצן געלב-גילדענע ראַצאָמאָרענע פּאַסען פון ווייץ און מאַט-

קינסטלערישער עטנאָגראַף און קינסטלערישער היסטאָריקער; אָבער די צייט, ווען ער איז אַריינגעקומען אין דער יודישער ליטעראַטור, די צייט איז געווען אַזאַ, אַז מען האָט נישט געטאָרט נאָכגעבען דעם יצר-הרע פון קונסט, מען האָט זיך נישט געקאָנט פערגינען דעם נחת צו שאַפען צוליעב שאַפען. דאָס איז געווען אַ צייט, ווען דער, וואָס איז געבוירען געווען צו פרעגען, אַזוי ווי אַ קינד, אַזוי ווי אַ קינסטלער, האָט געמוזט ווערען אַ געבער פון ענטפערן, אַזוי ווי אַ זקן, אַ בעל-יועץ; דער ליריקער האָט געמוזט ווערען אַ דרשן; דער עפּיקער — אַ משכיל-זאָגער; דער הומאָריסט — אַ סאַטיריקער... דאָס איז געווען אַ צייט, קורץ, ווען פון פענעס מאַכט מען פיילען, און יבנה-לייט, יושב-אהל׳ניקעס, „גורטען אָן די לענדען" צו געהן אין מלחמה...

„איך טו דאָס, זאָגט װעקער, איך טו דאָס, וואָס אונזערע עלטערן האָבען געטאָן אַמאָל בשעת חורבן דאָרטען אויף די טייכען בבל׳ס. אויף די ווערבעס דאָרט האָבען די משוררים אויפגעהאַנגען זייערע פידלען, זיי האָבען מעהר נישט געוואָלט זינגען, שפּיעלען, נאָר קלאָגען, יאָמערן און טרויערן... גענוג זינגען, גדליה! גענוג שרייבען שירים, מליצות. בשעת אונזער פאָלק, אונזער אָרים פאָלק ליידט אויף דעם טייך גנילאָפּיאַטאָוועקע, צעררייס איך די סטרונעס פון דער יודישער פידעל. יודען זענען נישט געבוירען געוואָרען צו זינגען, צו שפּיעלען... מען מוז האָבען אין זינען ערנסטערע זאַכען..." און מענדעלי נעהמט זיך פאַר „ערנסטערע זאַכען". ער צעררייסט די סטרונעס פון זיין פידעל און נעהמט דאָס טייטעל אין האַנד. ער פערלאָזט יבנה, דאָס שטילע געצעלט פון שטילען שאַפען, און געהט אַרויס אויפ׳ן שלאַכט-פעלד.

אָבער דער, וואָס איז געבוירען צו זיין יוחנן בן זכאי קאָן נישט בלייבען קיין יוחנן מגוש חלב. סטרונעס, בעזונדערס די, וואָס קלינגען אין האַרפען, קאָנען פּלאַצען אַליין; צעררייסען זיי איז שווער... און ווען מענדעלי פלעגט פון די סטרונעס נעהמען פלעכטען אַ נעץ, כדי זיי זאָלען קענען „נוצען" צו עפּיס, פלעגט נישט איינמאָל זיך דערהערען פּלוצלונג אַ קלאַנג אין דער שטיל. דאָס איז געווען די בענקשאַפט נאָכ׳ן פידעל, און נישט איינמאָל פלעגט מענדעלי אַליין זיך נישט איינהאַלטען מעהר, און פלעכטענדיג די נעץ, פלעגען די בענקענדיגע פינגער שטילערהייד ציהען קלאַנגען פון די סטרונעס... דער קינסטלער פלעגט זיך אַריינמישען דעם פּובליציסט אין די רייד...

סלופ צווישען דער „קנעכטשאַפט אין ר'יהייט"—און דער פרייהייט אין קנעכטשאַפט...

# VIII.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט לענגער אויפ'ן ריין-פובליציסטישען אינהאַלט פון דער „טאַקסע" און דער „קליאַטשע", ווייל אין די דאָזיגע ווערק איז די פובליציסטישע טענדענץ זעהר קלאָר אויסגעדריקט, און דער עיקר, ווייל בכלל איז מענדעלי דאָ נאָך מעהר פובליציסט, ווי בעלעטריסט. אַ פובליציסטישער עלעמענט איז פאַרהאַן אין אַלע, אַפילו אין די שפּעטערדיגע, ווערק מענדעלי'ס; נאָר דאָרט איז די פובליציסטיק אַ זאַך פאַר זיך, זי שטערט נישט דעם קינסטלער צו טון זיין קינסטלערישע אַרבייט, און עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז זי גיסט זיך צוּנויף אין איין גאַנצעס מיט דער בעלעטריסטיק און עס ווערט אַ משל מיט אַ נמשל, און מיר האָבען, ווי שלום עליכם האָט עס ריכטיג אָנגערופען, בילדער מיט צוויי געשטאַלטען, אַ רעכטע זייט מיט אַ לינקער זייט, איין איבערצוג מיט אַנ'אונטערשלאַק; ווייל מען— קאָן מען די אונטערשלאַק פערשטעלען פון זיך, האָט מען אַ ריין קינסטלערישע זאַך. אין די פריהערדיגע מענדעלי'ס ווערק אָבער, און בעזונדער אין דער „טאַקסע" און אין דער „קליאַטשע", וואַרפט זיך די ערשטע זאַך אין די אויגען „דער אונטערשלאַק", די פובליציסטיק, זי פילט אָן די גאַנצע לופט, זי שאַפט דעם גרונד-טאָן פון די ווערק.

כאַר וואָס איז עס אַזוי?

געבוירען איז אַבראַמאָוויטש אַ קינסטלער, אַ מאַלער פון איינציגע קליינע, אין זיך פערענדיגטע און נישט פערוויקעלטע נאַטור- און לעבענס-בילדער, אַ פסיכאָלאָג פון סאָציאַלע טיפען, פון מענשליכע „אָנשטעלען", פון מענשליכער פערדאָרבענהייט, וואָס ווען ער שילדערט זי, איז ער שטאַרק און טיעף, און פון מענשליכער איידעלקייט, וועלכע איז שטענדיג ביי איהם זיסליך, סענטימענטאַל; געבוירען, זאָג איך, איז מענדעלי אַ קינסטלער, און אויך בלייבען אין דער ליטעראַטור וועט נישט דער לעהרער, נאָר דער שפּראַך-מייסטער, נישט דער סאָציאַלער דענקער, נאָר דער סאָציאַלער פסיכאָלאָג, נישט דער מוסר-זאָגער, נאָר דער

דורך זיי צו בעקומען אַלסדינג, וואָס עס בעדאַרף נויטיג האָבען צום לעבען". א. אז. וו. — „מען זאָגט, איך זאָל מיך לאָזען לערנען. פרעג איך דיר, ערשטענס, חכם מיינער, פאַר וואָס הייסט מען עס דוקא מיר?" די „קליאַטשע" וויל נישט זיין מעהר קיין „אתה בחרתנו", קיין אויסנאַהם אין דער וועלט — זי פאָדערט גלייכהייט. זי פאָדערט דאָס רעכט אויף חסרונות, נישט נאָר אויף מעלות. און זי וויל רעכט, נישט קיין רחמנות: „איך בין דיר מוחל, זאָגט זי, דיין רחמנות". איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט אַרבייטען, מען זאָל מיך נישט אַזוי פלאָגען, מען זאָל מיר געבען מיין בעדערפניש צו דערהאַלטען מיין נשמה טאַקע נאָר גלאַט פון רחמנות, ווייל עס איז פשוט אַ צער-בעלי-חיים. איך וויל אַפילו נישט, דו זאָלסט אויסבעטען פאַר מיר אַלע נויטיגע זאַכען צום לעבען אי מהאי טעמא, וואָס מען האָט און וואָס מען קאָן פון מיר האָבען נוצען, דאָס זענען אַלטע מעשיות א. אז. וו. איך וויל גאָר נישט הערען קיין רחמנות, קיין נוצען, איך בין ווי אַלע אַנדערע אַלעבעדיג בעשעפעניש און האָב ווי זיי אַפראַווע, דאָס רעכט צו לעבען"...

פאַר אונז זענען די דאָזיגע ווערטער נישט ניי, דאַן אָבער איז עס געווען אַ נייע פסיכאָלאָגיע, אַ נייע שפראַך... און דער היסטאָריקער וועט די דאָזיגע שורות בעטראַכטען געוויס ווי דעם מאַניפעסט פון דעם אויפגעוואַכטען און שטאָלץ-געוואָרענעם נאַציאָנאַלען בעוואוסטזיין. דער באָדען פאַר נאַציאָנאַליזם אינ'ם היינטיגען זין איז אין יענער צייט נאָך נישט פאַרטיג געווען, די השכלה האָט נאָך נישט אָבגעטון איהר ארבייט, דער „אַנטיטעזיס" איז אין דער אינטעליגענץ נאָך זעהר שטאַרק געווען, און אויך מענדעלי האָט נישט געהאַט נאָך קיין פראָגראַם קיין נאַציאָנאַלעס, ער האָט זיך אַליין נישט אָבגעגעבען נאָך קיין רעכענונג פון זיינע געדאַנקען, און ער האָט נישט שטאַרק געגלויבט אין זייער ווירקונג. אַזוי ווי די „טאַקסע", דער סאָציאַלער פראָטעסט, ענדיגט זיך מיט אַ קרעכץ און אַ נכנע'דיגען געבעט צו גאָט און דער רעגירונג, אַזוי ענדיגט זיך אויך מיט אַ קרעכץ און עס שפירט זיך אַ צובראָכען געמיט אין דער „קליאַטשע", אינ'ם אויסדריק פונ'ם נאַציאָנאַלען געפיהל.

דאָך איז די „קליאַטשע" זעהר אַ וויכטיגער גרעניץ-צייכען צווישען דעם ערשטען משכיל'ישען און דעם צווייטען נאַציאָנאַליסטישען פעריאָד פון דער קולטורעלער אויפוואַכונג פונ'ם יודישען פאָלק; אַ גרעניץ-

דולד, — ווען מיר לייענען עס און הערען, ווי ישראליק גיט איינ-מאָל אַ געשריי: „אומגליקליכער פרינץ, בידנע קליאַטשע!“ — פיהלען מיר, אז דאָס איז דער קאַמפּף, וואָס קומט פאָר אינוועניג אין דער קליאַטשע גופא, דער קאַמפּף צווישען דער פרינצישער נשמה און דעם שקאַפּישען גוף, צווישען דעם שענעם „אַמאָל“ און מאוסען „היינט“... „אתה עבד ומלך“! — דו ביזט אַ קנעכט און אַ קעניג! זאָגט אַבראַמאָוויטש אין „האבות והבנים“ וועגען דעם יודישען פאָלק; אין דער „קליאַטשע“ (און אין אַנדערע שפּעטערדיגע ווערק מענדעלי׳ס) איז אויך אָבגעשפּיגעלט דער קאַמפּף, דער אינוועניגסטער קאַמפּף, וואָס קומט פאָר אינ׳ם יודישען פאָלק צווישען דאָס קנעכטישע און דאָס קעניגליכע.

דער אינוועניגסטער קאַמפּף אָבער איז דער אָנהויב פון דער אינ-וועניגסטער בעפרייאונג: די „קליאַטשע“ איז דער אָנהויב פון דעם יו-דישער בעפרייאונגס-אידעע. זי איז דער אָנהויב פון דעם חשבון-הנפש, וועלכען דאָס יודישע פאָלק האָט אָנגעהויבען מאַכען אין סוף פונ׳ם 19-טען יאָהרהונדערט... אייניגע קאַפּיטלעך אין דער „קליאַטשע“, די קאַפּיטלעך, וואו עס רעדט זיך וועגען טענות, וואָס עס האָבען צו יודען די אומות העולם, מאַכען דעם איינדריק, אַזוי ווי זיי וואָלטען געשריבען געוועזען נישט פאַר יודען; אין דער אמת׳ן אָבער איז עס אַ פּאָלעמיק געגען די יודישע אינטעליגענטען אין יענער צייט. געוועזען אינטעליגענטען אַזוינע ביי יודען, וואָס זענען געשטאַנען אייגענטליך אויפ׳ן זעלביגען שטאַנדפּונקט, וואָס די גויים; יודען, האָבען זיי גע-טראַכט, זענען טויגעניכטסען, ליידיגגעהער, אַ אונפּראָדוקטיווער עלע-מענט; יודען זענען ווילד, פאַנאַטיש, פערדאָרבען; זאָלען זיי זיך אויסבילדען, אַוועקוואַרפען די נאַרישע מנהגים, די אַלטע טראַדיציעס, זאָלען זיי ווערען לייטען גלייך, זיך נעהמען פאַר אַרבייט, פאַר שענע פרנסות, — וועט מען זיי געבען פּראַוועס; פריהער — נישט...

— „קיין טאַנץ געהט נישט פאַר׳ן עסען! האָט געענטפערט אויף דעם די „קליאַטשע“: וואָס פאַר אַ שייכות, איך בעט אייך, האָט עסען און דאָס נויטיגע בעדערפניש מיט בילדונג? מיט וואָס פאַר אַ יושר קאָן מען יענעם נישט לאָזען עסען, עטעמען פריי, סיידען ביז ער וועט זיך אויסלערנען עפּיס קונצען? איטליכעס בעשעפעניש, וואָס ווערט געבוירען, איז קודם כל אַ לעבעדיגע זאַך, פאַרזאָרגט פון דער נאַטור מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים, טאַקע נאָר פון זיינטוועגען, בכדי

אַרויסגעגאַנגען שפּעטער מיט פיער יאָהר (1873), — דער אָנהויב פון׳ם נאַציאָנאַלען פּאַטאָס.

די „קליאַטשע״ האָט מענדעלי אַרויסגעגעבען אָנשטאָט אַ צווייטען טייל פון דער טאַקסע, און עטליכע קאַפּיטלעך זענען פאַרהאַן טאַקע אין איהר, וואָס דערמאָהנען אָן דער „טאַקסע״, — דאָס זענען די קאַ-פּיטלעך, וואו עס רעדט זיך וועגען די צרות, וואָס די קליאַטשע, די כנסת ישראל, האָט אויסצושטעהן אין דער היים ביי זיך, פון די היימישע בעלי-טובות. דער עיקר אָבער דאָ איז די לאַגע, וואָס יודען פּערנעהמען אין דער פרעמד, צווישען די אומות; עס ווערען נישט געשטעלט פערשיעדענע טיילען פון׳ם יודישען פאָלק איינע אַנט-קעגען די אַנדערע, אַזוי ווי אין דער „טאַקסע״, נאָר דאָס פאָלק, געָ-נומען אין גאַנצען, ווערט אַנטקעגענגעשטעלט דער וועלט... מענדעלי גיט אַ טראָט פון דער יודישער מאַסע צום יודישען פאָלק... כמעט אַלץ, וואָס מיר האָבען אין גלות געשאַפען ביז׳ן סוף פון׳ם פאָריגען יאָהרהונדערט, אָנהויבענדיג פון דער אגדה, — האָט איין העלד: די אומה; די שענע שולמית אַפילו איז געוואָרען אין גלות אַ משל אויף דער „אומה הישראלית״. פאַר דער „קליאַטשע״ האָבען מיר דרך-ארץ שוין דערפאַר גופא, וואָס איהר העלד איז ווידער — די נאַציע. די מאַסע איז געווען און געבליבען אַ שקאַפּע, די נאַציע אָבער — זי איז אַמאָל אַ „פּרינץ״ געווען! די שקאַפּע וועקט אונזער רחמנות — און וואָס איז נאָך אַזוי אָרים און אָהנמעכטיג ווי רחמנות? אָבער דער פערשאָלטענער פּרינץ, ווען ער הויבט אָן ריידען, מע-גען מיר איהם זעהען אין דער געשטאַלט פון אַ קליאַטשע, — צינדט זיך אָן אונזער ליעבע. „די קליאַטשע האָט פּלוצלונג אַ זיפץ געטון. איהר זיפץ האָט אין האַרצען זיך אָבגערופען, ווי אַ דונער. איך בין פערציטערט געוואָרען, פייערדיגע געפיהלען פון רחמנות האָבען ווידער אָנגעצונדען מיין בלוט, איין זיפץ איהרער האָט אין מיר אָנגעמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש און מיך ווידער שטאַרק געצויגען צו איהר, ווי אַ מאַגנעט״. ווי אַ מאַגנעט, דאָס איז די שפּראַך פון ליעבע, נישט פון רחמנות. און ווען מיר לייענען מיט קאָפּ דאָס דריטע קאַפּיטעל און פיהלען דעם קאַמפּף, וואָס קומט פאָר אינוועניג אין ישראליק׳ען, צווישען זיין ליעבע און זיין האַס צו דער קליאַטשע, — זיין ליעבע פאַר דעם אָדער פון פּרינץ, וואָס שלאָגט נאָך אין איהר, און זיין האַס פאַר איהר שטומער אונטערטעניגקייט, פאַר איהר פערדישע גע-

שפּעטער, אין אַ יאָהר 12-15 אַרום, האָבען אויך אין דער העברעאישער ליטעראַטור געגומען קלינגען שטימען פון סאָציאַלען פּראָטעסט; דאָס זענען געווען אָבער אַנדערע שטימען: דאָס זענען געווען אָבקלאַנגען פון דער אַרומיגער נישט-יודישער וועלט. אין די שירים פון יהל״ל און אויך אין די מאמרים פון „האמת״ האָט זיך גערעדט נישט וועגען יודישע סאָציאַלע אונגערעכטיגקייטען, נאָר וועגען דער סאָציאַלער אונגערעכטיגקייט, דער סאָציאַלער פראַגע בכלל; עס האָט געטראָגען אַנ׳אַבסטראַקטען כאַראַקטער. ביי יודען איז נאָך נישט געווען גאָר קיין „פּראָלעטאַריאַט״, עס זענען געווען בעלי-מלאכות, קליינע קרעמער, אָרימע לייט און געווען נגידים. וועקער האָט אָבער גערעדט אין נאָמען פון אָט די בעלי-מלאכות, קליינע קרעמער, אָרימע לייט; מיט זיין מויל האָט גערעדט צו אונז דאָס יודישע לעבען, די יודישע נויט. דערמיט שיידט זיך זיין פּראָטעסט אָב פון די שפּעטערדיגע פּראָטעסטען אין די 70-גער יאָהרען.

פון דער אַנדער זייט אָבער געהערט וועקער צו אַ דור, וואָס האָט נאָך נישט קיין אידעאַל, נישט קיין סאָציאַלען, נישט קיין נאַציאָנאַלען: זיינע פאָדערונגען זענען מעהר נעגאַטיווע, ווי פּאָזיטיווע. עס איז געווען דאַמאָלס אַנ׳איבערגאַנגס-צייט; אַזוי ווי שטענדיג אין אַזאַ צייט, האָט מען געמוזט אַ סך צושטערען, איידער מען האָט אָנגעהויבען צו בויען. וועקער איז, אַזוי ווי זיין נאָמען, טאַקע מעהר נישט ווי אַ וועקער, ער איז אָבער דער ערשטער וועקער, דער אָנזאָגער פון דער סאָציאַלער דיפערענצירונג, פון דעם סאָציאַלען קאַמפף, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבען שפּעטער און וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אין דאָס יודישע לעבען גאָר נייע טענדענצען... די „טאַקסע״ — האָט דעריבער אַ ווערט נישט נאָר פאַר דער יודישער ליטעראַטור-געשיכטע, נאָר אויך פאַר דעם היסטאָריקער פון די געזעלשאַפטליכע בעוועגונגען ביי יודען אין דער צווייטער העלפט פונ׳ם פאָריגען יאָהר הונדערט.

---

## VII.

און אויב די „טאַקסע״ איז דער אָנהויב פונ׳ם סאָציאַלען פּאַטאָס אין דער יודישער ליטעראַטור, איז די „קליאַטשע״, וועלכע איז

קהל׳ס-וועלט. אָבער די באָמבע איז אָנגעפּילט געווען מיט גאַל, מעהר מיט גאָרנישט; די גאַל האָט געפּלאַצט, און עס האָט קיינעם נישט גע־שאַדט (דער בּערפאַסער האָט עס פאָראויסגעזעהן: דער סוף פון דער סאַטירע איז זעהר אַ פּעסימיסטישער). אַ טומעל איז דאָך געוואָרען — אַ שרעק. דער איינדריק איז געווען אַ גרעסערער, ווי פון׳ם „קליין מענשעלע״ (הגם ליטעראַריש איז די „טאַקסע״ אָרימער פון׳ם „קליין מענשעלע״): די באַנדע-לייט, די בעל-טובות פון גלופּסק, האָבען עס אָנגענומען פאַר אַ פּאַמפלעט, פאַר אַ חוצפה; פון די „צאַן קדשים״ אָבער האָט נישט איינער דאָ צום ערשטען מאָל דערשמעקט דעם ריח פון פולווער — פון סאָציאַלען קאַמפף, פון קאַמפּף פאַר׳ן המון געגען די גבירים.

דער המון אַליין ווערט נאָך אין דער „טאַקסע״ נישט אַרויסגע־שטעלט פאַר אַ קעמפּפער (איייזיק זאַאיקע איז אַ קרבן פון נאַאי־ווער, פאַנאַטישער עהרליכקייט, נישט פון קאַמפּף), דער המון איז נאָך דערשלאָגען, אונטערטעניג, ער בעט זיך רחמים ביי דער כנופיה, ער קאָן מעהר נישט, ווי זיפצען: „אַז אָח און וועה איז אונז״; דערפאַר אָבער איז דער פאָרשטעהער פון דער אינטעליגענץ, וועקער, אַ פּראָ־טעסטאַנט, אַ היציגער קאָפּ און אַנ׳עכטער פאָלקס-פריינד, ער איז דער ערשטער סאָציאַלער דרשן אין דער יודישער ליטעראַטור. „ניין! שרייט ער, די גאַל ווערט צוזעצט, מען קאָן זיך שוין נישט מעהר איינהאַלטען! פערפלוכט זאָל זיין דער, וואָס זעהט אַזעלכע עולות און שווייגט! פערפלוכט זאָל זיין דער, וואָס איז אַ טרוס (אַ פּחדן), וואָס האָט מורא צו זאָגען דעם אמת! פערפלוכט זאָל זיין דער, וואָס פער־שטאָפּט די אויערן נישט צו הערען די יללות און די קרעכצען פון די אומגליקליכע, פון בעליידיגטע און נויט-בעדערפטיגע; פערפלוכט, פער־שאָלטען אַלע, וואָס פערקויפען זייער געוויסען, אַלע, וואָס זענען אימ־שטאַנד צו העלפען מיט אַ וואָרט, מיט דער פען און שטעהען פון וויי־טען, טאָמער וועט זיי חלילה עפּיס דאָס מינדעסטע שאַדען!... וואָס זאָל איך מיך בעהאַלטען? א. אַ. וו. איך קאָן נישט שווייגען! איך מוז געהן אַרויסזאָגען דעם אמת גאַנץ פריי, זאָל כאָטש די וועלט וויסען!״ און ער געהט און האַלט דרשות פאַר׳ן פאָלק, אין לעבעדיגע בילדער שילדערט ער די נויט און די אָרימקייט פון דער יודישער מאַ־סע, אין זעהר העפטיגע, כאָטש זעהר אונקלאָרע, אויסדריקען פּראָטעס־טירט ער געגען די יודישע בעל-טובות...

פון פלייש". און אויך די פאָלקס-שרייבער, וואָס האָבען טונעיאַדעווו־קע געוואָלט אויסבעסערן — פלעגען אויסלאָזען שטענדיג מיט דער טאַקסע. זי איז געווען די „סבה פון אַלע סבות"... די ליטעראַטור אין אַנ׳איבערגאַנגס-צייט האָט שטענדיג, אַ חוץ אַ גוטען, אַ געליעבטען העלד, וואָס זי לויבט אין הימעל אַריין, נאָך אַ העלד, אַ בייזען, אַ רשע, וועלכער ליגט ביי איהר צעהן איילען אין דער ערד. די בייזע פּאַר־שוין פון דער השכלה-ליטעראַטור אין העברעאיש איז געווען — די חומרא, אין יודיש — די טאַקסע.

מענדעלי האָט אָבער די טאַקסע פערשטאַנען ברייטער, טיעפער, ווי אַנדערע. אַזוי ווי די טאָרבע איז ביי איהם נישט גלאַט אַ טאָר־בע, אַ לעכערדיגער, שמוציגער זאַק, מיט וועלכען מען געהט איבער די הייזער, נאָר אַ סימבאָל פון דעם יודישען דלות, פון דעם יודי־שען לעבען-פון-ווינט, פון די „יודישע פרנסות", אַזוי איז אויך די טאַקסע ביי איהם אַנ׳אויסדריק פון די אינוועניגסטע סאָציאַלע אונגע־רעכטיגקייטען, וואָס פערביטערן און פערפינסטערן דאָס יודישע לעבען, אַנ׳אויסדריק פון די קהל׳שע יודישע „פּאַראַנדקעס", פון דער גאַנצער כנופיה בעל טובות, בעל עצות, כלל-פערזאָרגער, גבירים, שתדלנים, קאָכלעפעל, טעלערלעקער. די אָרימע אין קונסט-בילדער, אָבער רייכע אין געדאַנקען און אין פּאַטאָס סאַטירע, וועלכע מענדעלי האָט אָנגע־שריבען נאָכ׳ן „קליין מענשעלע" און וועלכע האָט פּאַר אַ מאָטטאָ דעם פסוק — „משוד עניים מאנקת אביונים עתה אקום" — די דאָזיגע סאַטירע רופט זיך „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָדט-בעלי-טובות": דער עיקר איז דאָ נישט דער בעל-טאַקסע (אַ בעל-טאַקסע בעגעגענען מיר אין „פּריזיוו" דוקא אַ סימפּאַטישען מענשען, וועלכער ליידט אַליין פון די בעל-טובות), דער עיקר ווערט אַרויסגעשטעלט צום שאַנד-סלופּ די באַנדע, דער גאַנצער הערשענדער קלאַס פון יענער צייט, אָנגע־הויבען פון ר׳ איציק וואָלף ספּאָדיק, דעם פרומען צבוע׳ק, און ר׳ יודעלע שטאַנדהאַפט, דעם משכיל׳ישען צבוע׳ק, און געענדיגט מיט ר׳ אהרן קנעכטבאַרג, דעם קאָכלעפעל, ר׳ מענדעלי דעם געלען, דעם שטאָדט-שייגעץ, דעם בילער, וואָס דיענט ביי די בעל־טובות און פאַלט אָן, אויף ווענען מען הייסט איהם, און די דיינים, וואָס זענען אויך, נעבאַך, אין די הענד פון די בעלי טובות, און מוזען זיי אונטערבאַמקען...

די „טאַקסע" איז אַזוי ווי אַ באָמבע געווען אין דער גלופּסקער

יודען פון איין זייט, און אין די אינוועניגסטע סאָציאַלע אונגע-רעכטיגקייטען — פון דער אַנדער זייט.

אויף דער אויסוועניגסטער אונגערעכטיגקייט איז פאַרהאַן אַנ׳אָנצוהערעניש אין דער „קליאַטשע״, און נאָך קלערער אין דער „טאַקסע״: „וואָס העלפט עס, זאָגט פּיקהאָלץ, אַז זיי האָבען, נעבאַך, נישט קיין מזל, אַז זיי זענען, נעבאַך, אונגליקליך און פון כמה שנים שטיקט מען צונויף אַלע אינאיינעם אין איין אָרט, ווי די שאָף, אַז זיי זעהען פאַר זיך נישט קיין וועלט און קאָנען נישט עטעמען קיין פרייע לופט״. דערפון איז נישט געדרונגען, אַז פּיקהאָלץ איז חלילה געשטאַנען אין אָפּאָזיציע צו דער רעגירונג; אדרבה אין דער רעגירונג, וועלכע האָט דאַן, אין די 60-טע יאָהרען, געמאַכט אַ מינע פון אַ רעפאָרמאַטאָר — אין דער רעגירונג האָבען די משכילים, און מענדעלי בתוכם, געגלויבט; פון קיר״ה האָט מען געוואַרט אויף יודען ישועות ונחמות... און טאַקע דערפאַר האָט מען דעם גאַנצען כעס אויסגעגאָסען אויף דער אינוועניגסטער, דער יודישער „רעגירונג״ — אויף די בעל-טובות, די בעל-טאַקסעס, די קהל׳ס-לייט, די „כנופיה״...

די העבּרעאישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור פונ׳ם מאַטעריעל און גייסטיג העכער שטעהענדיגען בעל-הבת׳ישען אינטעליגענט, האָט זיך מעהר אינטערעסירט מיט רעליגיעז-גייסטיגע, ווי מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. זי האָט מלחמה געהאַלטען נישט מיט די גבירים, נאָר מיט די רבנים, מיט די עלטערן-פאַנאַטיקער. זי האָט געפאָדערט פרייהייט פון גייסט, און אויך אין „האבות והבנים״, וואו עס זענען פאַרהאַן שוין רעאַליסטישע און סאָציאַלע מאָטיווען, איז די הויפּט-פּראָבלעם דאָך אַ גייסטיג-משכּילישע: דער שטרייט פיהרט זיך צווישען דעם פרומען פאַנאַטישען פאָטער און דעם זוהן, וואָס לייענט טרפה-פסול׳ן. אָבער די פאָלקס-ליטעראַטור, די ליטעראַטור אויף יודיש — זי האָט פון אָנהויב אָן זיך אינטערעסירט מעהר מיט דעם גביר, ווי מיט דעם רב, מעהר מיט׳ן גבאי, ווי מיט׳ן רבי׳ן; אין רב האָט זי אין ערגסטען פאַל געזעהן דעם נגיד׳ס אַ געוועהר, און איהר סאַטירע האָט, אַ חוץ עטליכע אויסנאַהמען, אַ סאָציאַלען כאַראַקטער. „אין טוניעיאַדעווקע, זאָגט מענדעלי, איז דאָ אַ ווערטיל: פון וואָס מען זאָל נישט שמועסען, מוז אַרויסקומען אויפ׳ן טויט, און פון וואָס מען זאָל נישט ריידען אויף אַיין אסיפה, מוז מען אויסלאָזען מיט דער טאַקסע

לאָקשען נייע רייד. די לייט מיינען, וואָס אַלט איז נאַריש און שלעכט, און איטליכע זאַך, וואָס ניי, איז קלוג און רעכט״.

אָבער דער אייגענער אַבראַמאָוויטש, וואָס אין דער קריטיק פונ׳ם יודישען לעבען און זיינע פערלעטערטע פאָרמען האָט ער ליעב דעם דרך-הממוצע, — דער אייגענער אַבראַמאָוויטש איז ראַדיקאַל, יעדענ-פאַלס ראַדיקאַלער פון אַנדערע משכילים, וואו עס רעדט זיך וועגען די סבות פון דער יודישער לאַגע און דער יודישער, מאַטעריעלער און גייסטיגער, אָרימקייט.

די סבות פון דער אָרימקייט פערשטעהט אַבראַמאָוויטש טיעפער אַ סך, ווי אַנדערע משכילים (פונ׳ם דאָזיגען טיעפען פערשטעהן נעהמט זיך אייגענטליך אויך זיין קאָנסערוואַטיזם בנוגע צו די אַלטע איינגע-וואָרצעלטע לעבענס-פאָרמען). זיי, די משכילים, מיינען, אַז שולדיג אין אַלץ איז די „פינסטערניש״; די ערגסטע פיינד פונ׳ם יודישען פאָלק זענען די „מורדי אור״, די „פלעדערמייז״, ווי נאָר עס וועט אַ שיין טון אין דער יודישער גאַס „די זון פון דער השכלה״ — איז אַ סוף-אַנ׳-עק צו אַלע צרות. אַבראַמאָוויטש פערשטעהט, אַז די פינסטערניש איז נישט די סבה, נאָר אפשר גאָר דאָס רעזולטאַט פון אַלע צרות; די סבה ליגט אַנדערשוואו: „בעטראַכט זיך אדרבה אַליין, זאָגט דער אשמדי צו ישראליק׳ן, — בעטראַכט זיך אַליין, אויב דו ביזט נישט ריין משוגע. פאַר דיר שטעהט אַ פערמאַטערטע, אַ הונגעריגע קליאַטשע, וואָס זי בעדאַרף נויטיג אין לעבען אַריין כאָטש אַ ביסעל מנוחה, אַ מעסטיל האָבער, אַ בינטעל היי, ווילסטו איהם גאָר בעווייזען אַ הא אין סדור און אַלץ אויסהדרינגען, ווי גוט, ווי שען עס איז זיך אויסצולערנען עפיס קונצען״; אין „ווינשפינגעריל״ זאָגט דער אונבעקאַנטער: „היגע יודען, נעבעך, בעדאַרפען ברויט, נישט קיין ספרים״, און אַז מענדעלי׳ן פערדריסט כלומרשט, וואָס ער „צושטער-כעט איהם זיין קרעמיל״, זאָגט ער איהם: „חלילה, נישט אייערע דאָ-זיגע ספרים מיין איך; יענע מיין איך, יענע, וואָס אַלץ מיט שטראָף-ווערטער, מיט עצות און אַ געפילדער: פע, הבלים, פע, אָבגעלאָזט-קייט! גוואַלד, בילדונג!״ יענע, די השכלה-ספרים, מיינט ער, און ער ענדיגט: „געגוג, כ׳לעבען, סליחות!״ מ׳דאַרף טון עפיס ממשות׳-דיגעס. מען דאַרף, הייסט עס, אויסוואָרצלען די סבות, וואָס שאַ-פען די לאַגע פון קאַבצאַנסק און גלופסק. און די סבות, מיינט מענ-דעלי, ליגען אין דער אויסוועניגסטער אונגערעכטיגקייט בנוגע צו

אַ דאַנק זיין נאָהענטקייט צום פאָלקס-לעבען און צום לעבען בכלל, איז ער אין אַ סך פרטים קאָנסערוואַטיווער פון די איבעריגע משכּילים, אין אַנדערע פרטים אָבער איז ער, אַ דאַנק דעם זעלביגען לעבענסגעפיהל, ראַדיקאַלער פון זיי.

קאָנסערוואַטיוו איז ער אין פראַגען, וואָס האָבען קיין שייכות נישט צו „בין אדם לחברו“, אין פראַגען, וואָס זענען נוגע, אַ שטייגער, רעליגיעזע מנהגים: אַ סימפּאַטישער טיפּ פון אַ משכּיל ביי איהם איז רפאל, פון יענעם מין משכּילים-למד-וו'ניקעס, וואָס, „זענען נישט אָבגעזונדערט געווען פון איבריגען עולם נישט אין דער יודישקייט, נישט אין דער הלבשה“ *); יצחק אברהם תּקיף, וועלכער טוט תּשובה און ווערט אַ משכּיל פאַר'ן טויט, בעט אין זיין צואה, אַז אין דער תּלמוד-תּורה, אויף וועלכער ער לאָזט געלד, זאָל געלערנט ווערען, חוץ יודישקייט און לשון קדש, אויך דאָס לשון פונ'ם לאַנד און וועלט-ליכע זאַכען (אין אַ פריהערדיגער אויסגאַבע שטעהט: יודיש, רוסיש, שרייבען און רעכענען —), „בכדי צו מאַכען פון די קינדער יודען און מענשען צוגלייך, זיי זאָלען טויגען צו גאָט און צו לייט“, און די פיהרער, בעט ער, זאָלען זיין דער רב און גוטמאַן דער משכּיל: „מיט אייךביידע, זאָגט ער, וועט אין די נייגעמאַכטע שולען זיך פעראייניגען תּורה מיט חכמה“ **); שפּעטער אַ צייט, אין דער הקדמה צום „ספר הבהמות“, חזר'ט איבער אַבראַמאָוויטש, אַז „דת“ און „לאומיות“ זענען ביי אונז איינס; אין „האבות והבנים“ לאַכט ער אויס פון איין זייט די נחום הקמחי'ס, די משכּילים-בטלנים, משכּילים-שנאָרער, די בעל-לשונ'ס, וואָס געשיכטע איז ביי זיי — „די טעכטער פון לוט“ און פּאָעזיע — „סחור סחור הטהור בחור“; פון דער אַנדער זייט אָבער — די משכּילים, וואָס ווערען פערבלענדט פון דער השכּלה און פערוואַרפען אינגאַנצען דאָס יודישקייט. וועגען די דאָזיגע משכּילים-דייטשלעך זאָגט ער אין „יודעל“, אַז דער חלוק צווישען זיי און די פאַנאַטיקער פון אַלטען דור איז די זאַך: „איהר פרומע גלויבט אין אַלטע זאַכען אָהן אונטערשייד, זיי (די דייטשלעך) חאַפּען ווי הייסע

*) חינשפינגערל.

*) דאָס קליינע מענשעלע.

מיט זיי אויף זייער לשון, זיי שטעקען איהם אָב אַ שלום-עליכם, רו-פען איהם ר׳ קרוב און פרעגען: מה שמכם, וואוהין פאָהרט׳ס אַ יוד?

## VI.

און דערמיט אַליין שוין האָט מענדעלי זיך אָבגעטיילט פון אַנ-דערע משכילים, וואָס ער איז געקומען צו די יודישע לעזער אָהן בער-דיטשעווער דייטש, וואָס ער איז געקומען צו זיי, ווי אַנ׳אַלטער בע-קאַנטער, ווי אַ זייעריגער: „די קליאַטשע״, זאָגט מענדעלי, איז געשריבען אויף אַ הויכען גאַנג, אויף דעם גאַנג, ווי די אַלטע האָבען געשריבען״. ער האָט געוואוסט די קראַפט פון דער ירושה, ער האָט זיך געוואָלט איינפלעכטען אין דער קייט פון די אַלטע. און אַז ער האָט אַרויסגעגעבען דאָס „פרק-שירה״ (1875), האָט ער גע-וואָלט, עס זאָל ווערען אַ פאָלקס-ספר׳ל, אַ מין „קו הישר״ אָדער „שבט מוסר״, האָט ער עס „פערדייטשט אין שירים און גוט דערקלערט, בכדי איטליכער יוד בעזונדער זאָל גוט פערשטעהן זיין טיי-ערן ווערט, ווי שען עס איז גאָר, אַ גאָטס וואונדער״. און האָט גע-מאַכט אויף דעם אַ פירוש אויף לשון-קודש — „טוב-טעם״ — „הנותן טעם לשבח ומפרש על פי חכמת הטבע ודברי חז״ל״ א. אַ. וו., און אין סוף האָט ער אויפגעשריבען: תם ונשלם הפרק שירה, בעזרת הבוחר בשירי זמרה, — יודישליך, אַזוי ווי עס וואָלט געטון יעדער כשר׳ער מחבר... זאָל אַ יוד זיך נישט בענוגענען מיט׳ן „ספר הברית״, זאָל ער וויסען, וואָס די חוקרים, די „טבעיים״ זאָגען, און בעת מעשה טאַקע פערשטעהן אויך דעם פשט פון אַ מדרש, פון אַ מאמר חז״ל; זיין זאַך שליסט נישט אויס די אַנדערע; פערקעהרט, זיי ווערען נאָך מעהר בעטעמ׳ט אינאיינעם.

און נישט נאָר אין דעם נוסח פון זיין שרייבען האָט ער אויפ-געהיט די טראַדיציע פון ריב״ל, ביי וועמען דאָס נייע איז צונויפגע-גאָסען, צונויפגעוואַקסען געווען מיט דאָס אַלטע; אויך אין זיינע גע-דאַנקען, אין זיין סאַטירע אפילו, איז ער מעהר יוד, מעהר אינווע-ניגסטער מענש, מעהר נאָהענט צום פאָלקס-לעבען און פאָלקס-גייסט, ווי אַנדערע משכילים פון זיין דור.

אַז אי העברעאיש, אי יודיש האָט ער געשריבען נישט פאַר די, וואָס נויטיגען זיך אין „בילדונג", נאָר פאַר'ן גאַנצען פאָלק. אַזוינע חערק, ווי „יודעל" אָדער די „קליאַטשע", קאָן אַ פּראָסטער מענש גאָר נישט פערשטעהן, ווי עס דאַרף צו זיין. מען האָט עס אַבראַמאָוויטש'ען אויפ-געוואָרפען אַפילו: „איבּ די ביידע ספרים, האָט געשריבען איינער, וואָס האָט געקוקט דאַן אויף יודיש, ווי אויף דער אָרימער שפּראַך פון דער אָרימער מאַסע — איבּ די ביידע ספרים, די „קליאַטשע" און „יודעל", האָבען זיך אַ בעריהמטען נאָמען געמאַכט, איז דער נאָמען נישט פון דעם המון, אָבער נאָר פון זיינע חברים, די משכּילים און מחברים אין לשון קודש. דאָס פאָלק קויפט זיי נישט און לעזט נישט, און זעלבּסט ווען מען לעזט איהם פאָר, פערשטעהט איינער פון טוי-זענד, וואָס דאַראַן האַנדעלט זיך א. א. וו. בלייבּט מיר אַלזוי די פראַ-גע: פאַר וועמען האָט ער די „קליאַטשע" און „יודעל" געשריבען אין „זשאַרגאָן"?*). דער משכּיל, וואָס האָט אַליין געשריבען — און אָפט שען געשריבען — יודיש, האָט זיך נישט געקאָנט דאַן פאָרשטעלען, ווי אַזוי שרייבּט מען עס יודיש פאַר זיך און פאַר גלייכע, נישט פאַר נידעריגערע פון זיך. אַבראַמאָוויטש'ען איז עס אויך שווער אָנגעקומען, אין איהם איז פאָרגעקומען אַ שטרייט. נישט איינמאָל האָט ער זיך געמוזט פערענטפערען פאַר זיך און זיינע פריינד, ער האָט אָבער דאָך געשריבען יודיש פאַר זיך און פאַר נאָך אַזוינע, ווי ער. ער איז נישט געקומען צו דער יודישער ליטעראַטור אַזוי ווי אַ זייטיגער, אַ פרעמדער, אַנ'אורח; ער איז פון אָנהויבּ געווען אַ תּושב אין דער פאָלקס-ליטעראַטור, אַנ'אינוועניגסטער מענש. מענדעלי מוכר ספרים איז נישט ש. י. אַבראַמאָוויטש, דער קאַזיאָנער לעהרער, דער אפיקורס. מענדעלי מוכר ספרים איז אַ פעדעמיל, איינגעוועבּט אינאיי-נעם מיט זיי, מיט די לעזער, אינ'ם גרויסען שטיק מאַטעריע, וואָס געהט אין דער וועלט פון אייביגע צייטען אונטער דער נאָמען יוד; ער איז „ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש"; ער פאָהרט מיט זיי אויף איין וועגעלע, פיהרט די אייגענע ספרים, די אייגענע כּפול-שמונה'דיגע ציצית, רצועות, שופרות, הייעלעך, מזוזה'לעך, וואָלפציינדלעך, מויערקעפּלעך, קמיע'לעך, וואָס אלתּר יכנה"ז; רעדט

*) הויז-פריינד 1889: „די יודישע שפּראַך און איהרע שרייבּער.

ליגענדיג מיר אַזוי האָב איך אומעטום געקוקט, אַלצדינג בעטראַכט, אַ ביסעל אויך געטראַכט און זיך פערטראַכט" *)...

אַנ׳אַנדער מאָל דריקט זיך דאָס שפּראַך-שפּיעל ביי מענדעלי׳ן אויס דערין, וואָס אויף אַלטע ווערטער און ווערטלעך מאַכט ער אַ ניי-עם פשט און לעגט אַריין אין זיי אַ נייע כונה. צוםביישפּיעל, ריי-דענדיג וועגען בין-הזמנים, זאָגט ער: „די מלמדים לויפען דענסמאָל, געהען צו קינד", ד. ה. געהען זוכען קינדער, תלמידים. בעזונ-דער אָפט זאָגט ער נייע טייטשען אויף אַלטע ווערטער אין די העברע-אישע בעאַרבייטונגען פון די יודישע ווערק. דער, וואָס פערשטעהט נישט קיין יודיש, וועט נישט כאַפּען אַ מאָל דעם פערפאַסערס מיין, ער וועט נישט דערטאַפּען דעם שפּיץ, די פעפער פון די ווערטלעך; דער יודישער לעזער אָבער וואונדערט זיך און קאָן זיך נישט אָב-וואונדערן, זעהענדיג די קונסט, מיט וועלכער מענדעלי פּאַסט צו צו די שאַרפע, אָפט פיעל-דייטיגע ווערטלעך פונ׳ם היינטיגען געטאָ- און זשאַרגאָן-יודען — ווערטער, וואָס זענען בעשאַפען גאָר אין אַנ׳אַנדער עפּאָכע און צוליעב אַנדערע צוועקען...

בעוואוסטזיניג האָט מענדעלי אין דער צייט, ביי וועלכער מיר האַלטען, נאָך נישט געקוקט, קאָן זיין, אויף יודיש, ווי מיר האָבען דאָ אָבגעשילדערט: אין דער הקדמה צו פרק-שירה רעדט ער נאָך אַלץ וועגען המון, ווייבער און פּראָסטע מענשען, וועלכע מען טאָר נישט איבערלאָזען אָהן גייסטיגע שפּייז. נאָר אויב מיר זאָלען אין זינען האָבען נישט דאָס אונמיטעלבאַרע, פּערבאָרגענע געפיהל, נאָר די „טעאָר-יע", האָט מענדעלי אויך צו העברעאיש דאַן פערהאַלטען זיך אַזוי ווי אַנדערע משכילים. אויך וועגען העברעאיש רעדט ער אין דער הקדמה צו דער ערשטער אויסגאַבע פון „האבות והבנים", אַזוי ווי עס וואָלט געווען מעהר נישט, ווי אַ מיטעל צו בילדונג, אַ פּאָרשטופּע צו דער לאַנדס-שפּראַך; ער קלאָגט זיך אויף די אינטעליגענטען-אויפקלערער, וואָס זיי בענוצען זיך ווענינ מיט דער העברעאישער שפּראַך, וועלכע קאָן זיין „אַ מליץ", אַ פערמיטלערין צווישען זיי און דעם פאָלק...

אָבער דאָס גאַנצע שאַפען מענדעלי׳ס האָט געוויזען, אַז פאַר איהם אַליין איז אי העברעאיש, אי יודיש געווען אַ סך מעהר, ווי אַ „מיטעל";

---

*) „די קליאַטשע".

כּעס וואָרט; געדענקט וואָס איך זאָג אייך: פ י י ל ע ן, פ י י ל ע ן!" *) און ער פיילט און שלייפט זיין שפּראַך, פיילט און שלייפט זי, נישט צוליעב זיין ווערק, נאָר צוליעב איהר אַליין, ווייל זי איז אַליין ביי איהם אַ קונסט-ווערק. פערגלייכט מען פערשיעדענע אויסגאַבען פון מענדעלי׳ס ווערק, זעהט מען, מיט וואָס פאַר אַ ליעבע, מיט וואָס פאַר אַריינטון זיך, ער זאָרגט פאַר יעדעס וואָרט, פאַר יעדעס פינטעלע: דאָ מאַכט ער עפּיס איבער, דאָרט פערמעקט ער עפּיס אָדער שטעלט עפּיס אַריין; די פרעמד-קלינגענדיגע ווערטער, וואָס טרעפען זיך אין די ערשטע אויסגאַבען פון די ערשטע ווערק, ווערען אין די שפּעטערדיגע אויסגאַבען פערביטען מיט ווערטער, נעהנטערע צום גייסט פון יודיש, אַזוי, אַז עס איז נישטאָ גאָר כמעט ביי מענדעלי׳ן קיין ווערטער אָדער אויסדריקען, וואָס זאָלען נישט איינגעוואָרצעלט זיין אין דער פאָלקס-שפּראַך אָדער פאָלקס-ליטעראַטור (טייטש-חומש, מוסר-ספרים, תחינות). אַלס רעאַליסט, נעהמט ער די פאַרשוינען זיינע פון לעבען, — און אויך די שפּראַך נעהמט ער פון לעבען; נישט נאָר די איינציגע ווערטער, נאָר אויך די פערשיעדענע פערבינדונגען זייערע. ער איז אָבער אַ ק י נ ס ט ל ע ר י ש ע ר רעאַליסט, ק אָ פּ י ר ט ער נישט דאָס לעבען, ער נעהמט דעם ת מ צ י ת, דאָס טיפּישע, און אויך אין זיין שפּראַך איז פאַרהאַן דאָס ט י פּ י ש ע, די ע ס ע נ ץ פון דער פאָלקס-שפּראַך, כאָטש זי איז נישט קיין פאָלקס-שפּראַך, נאָר אַ קולטיווירטע, ס ט י ל י ז י ר ט ע ליטעראַטור-שפּראַך.

די גרויסע ראָליע, וועלכע עס שפּיעלט די שפּראַך ביי מענדעלי׳ן, פיהרט דערצו, אַז ער כאַפּט איבער אַמאָל די מאָס, און עס קאָן זיך דוכטען, אַז ער שפּיעלט זיך מיט דער שפּראַך; ער שרייבט: „די מלאכה הויבט זיך געוועהנליך אָן מיט כל עבודת פרך: פּאָמאָניצעס ט ר אָ ג ע ן, וואַסער אָ נ ט ר אָ ג ע ן, מיט דעם בעל-הבית׳ס קינדערלעך זיך אַ ר ו מ ט ר אָ ג ע ן, דער בעל-הבית׳טע ביים אָנקויפען אַלצדינג צ ו - ט ר אָ ג ע ן, שטיקלעך אַרבייט אַהין-אַהער אָ ב ט ר אָ ג ע ן, מיט בעל-הבתישקייט שטענדיג זיין פ ע ר ט ר אָ ג ע ן, און איטליכענס קאַפּריז, קלעפּ און בעליידיגונג א י ב ע ר ט ר אָ ג ע ן". **) אָדער:"... און

*) זעה די הקדמה צו „סטעמפעניו" שלום עליכם'ס.

**) „דאָס קליינע מענשעלע".

שאַפּען; ער האָט געשאַפען אין איהר, האָט ער זי דעריבער נאָך מעהר ליעב געהאַט.

ער האָט אָבער נישט נאָר געשאַפען דורך דער שפּראַך, זי איז אַליין ביי איהם אַ שאַפונג. די אין טרערען און גאַל אויסגע-ווייקטע, פערוויינטע און אָבשפּעטענדיגע, אָרימע אין פאַרבען און ריי-כע אין „פינטעלעך״, אָפּט נישט דערזאַלצענע און שטענדיג פערפעפער-טע, ווילדע און פקחות'דיגע יודישע שפּראַך — דאָס איז דער רייכער אוצר, וואָס אַבראַמאָוויטש האָט אין פאָלק געפונען, דאָס איז די שע-נע מתנה, וואָס ער האָט דעם פאָלק צוריקגעגעבען. די מתנה, — וויל גענומען האָט ער ביים פאָלק טיילען און טיילעכלעך און אומגע-קעהרט האָט ער איהם אַ גאַנצע זאַך; גענומען האָט ער שטיקלעך שפּיגעל-גלאָז, וואו דאָס פאָלק זעהט זיך אברים-ווייז, אומגעקעהרט איהם האָט ער אַ שפּיגעל, וואו עס זעהט זיך איינגאַנצען, ווי עס שטעהט און געהט. דער, וואָס וועט נעהמען אויף זיך די אויפגאַבע, די דאַנקבאַרע אויפגאַבע, אָבצושילדערן אויפ'ן סמך פון מענדעלי'ס ווערק דעם פסיכאָלאָגישען און סאָציאַלען טיפּ פון אַ יודען, דער־הויפּט פון אַנ'אַלט-פרענקישען געטאָ- און בית-מדרש-יודען, — דער וועט געפי-נען זיין שטאָף נישט אַזוי אין די פּיהרונגען און טואונגען פון מענ-דעלי'ס פּאַרשוינען, ווי אין זייער שפּראַך, אין זייערע רייד.

יעדער שרייבער האָט סמנים, לויט וועלכע מען דערקענט איהם, מענדעלי'ן דערקענט מען נאָך זיין שפּראַך. נישט וויל זי איז אַנ'-אייגענאַרטיגע: — וועלכען שרייבער'ס שפּראַך איז נישט אייגענאַרטיג? — נאָר וויל זי איז אַנ'אייגענע. קיינער, אַ חוץ איהם, האָט זי ניט. עס האָט זי דאָס פאָלק, וואו איהר ערשטער מקור איז, אָבער ביי'ן פאָלק איז זי אַ ווילד-גראָז; ביי מענדעלי'ן — אַ בלום. אַ בלום אויפגע-האָדעוועט אין אָראַנזשעריע. וויל זי איז אויפגעהאָדעוועט אין אָראַנ-זשעריע, היט זי נישט שטענדיג איהר פרישקייט, איז זי צו-גלאַט, צו אויסגעצוואָגען, דערפאַר איז זי אָבער ריין, נישט בעוואַק-סען מיט גראָז, און האָט אַ חוץ דעם לעבענס-חן, נאָך אַ חן — פון קונסט. מענדעלי'ס שפּראַך איז אַ פּאָעמע; און אַ דאַנק איהר זענען די איינפאַכסטע ערצעהלונגען זיינע — פּאָעמעס...

„איבער אַ ווערק, ליעב איינקעל, שרייבט דער זיידע צו שלום-עליכם'ן, איבער אַ ווערק בעדאַרף מען שוויצען, מען בעדאַרף פיילען איטלי-

האַרצען האָבען עס געפּיהלט אפשר אויך אַנדערע, אַ חוץ איהם: וועל־כער איידעלער מענש איז אייגענטליך אימשטאַנד זיך אָבצוקעהרען, ווי אַ פרעמדער, פון זיין מאַמעס און זיין קינדהייטס־שפּראַך — אפילו ווען זי איז „נישט אַזוי שען"? ווער זוכט שענהייט, וואו עס איז פאַר־האַן חן געגוג, דער יודישער חן? אפשר, זאָג איך, האָבען עס גע־פיהלט אויך אַנדערע, אַ חוץ אַבראַמאָוויטש'ען, זיי האָבען אָבער גע־שעמט זיך מוֹדה צו זיין... אַבראַמאָוויטש האָט זיך מודה געווען.

דער שאַרפער קוק און דער רעאַלער פערשטאַנד האָבען איהם נישט געלאָזען זיין פערנאַרט אין חשבון. דערצו האָט ער געפיהלט, אַז ער ווערט, נאָכ'ן פּאָלק, דער צווייטער פאָטער פון יודיש, און ער האָט עס גענומען כאָליען און טוליען, אַזוי ווי אַ קינד. הערט מען אויף זאָרגען פאַר אַ קינד, ווען עס איז שוואַך, ווען עס גוסס'ט אפילו? ווערט עס דאַן נישט ליעבער, נישט ציטערדיגער? צום ליעבע־געפיהל קומט צו דאָס געפיהל פון רחמנות: אויף זיך אַליין, אויף דער אייגענער ליעבע איז אַ רחמנות... „הבת לא רוחמה" רופט מענדעלי אָן יודיש. די האַרציגקייט, וואָס אינ'ם דאָזיגען וואָרט, קאָן מען דורך אַנ'אַנדערעם נישט איבערגעבען. „יהי מה", זאָגט ער. עס מעג זיין, וואָס עס וועט זיין: „ארחם את היהודית", אַזוי ווי איינער זאָגט: איך קאָן מעהר נישט צוקוקען, ווי מען בעגעהט זיך מיט איהר... „דער יצר־הרע פון רחמנות", ווי מענדעלי רופט עס אָן ערגיץ, איז גרויס, מענדעלי אַליין ליידט פון איהם שטאַרק, און עס איז שוין אַ טבע ביי איהם צו רעדען בלשון נעבאַך, רעדט ער אויך וועגען יודיש אויפ'ן נעבאַך־לשון, אָבער פונ'ם רחמנות־נעבאַך קוקט אַרויס צו אונז אַ רייכע, כאָטש אַ פערבאָרגענע ליעבע.

און שפּעטער, ווען ער האָט אָנגעשריבען דאָס „קליין מענשעלע" און איבערגעלעבט די ערשטע פרייד פון פרייען, אונגעצוואונגענעם און אונגעקינצעלטען שרייבען, — שפּעטער איז צום ליעבע־געפיהל צוגעקו־מען דאָס געפיהל פון דאַנקבאַרקייט און פון יענער מוטערליכער גע־טריישאַפט, מיט וועלכער דער שאַפער קוקט אויף זיין שאַפונג, און ער רעדט שוין נישט בלשון רחמנות. „חשקה נפשי ביהודית", מיין זעעל, זאָגט ער, האָט זיך בעהעפט צו דער יודישקע, „וארשתיה לי לעולם", און איך האָב זי מיר פערקנס'ט אויף אייביג...

ער האָט ליעב געהאַט די שפּראַך, האָט ער געקאָנט אין איהר

נישט ער טוט חסר מיט'ן זשאַרגאָן, וואָס ער לאָזט זיך אַראָב צו איהם און „פערפלעקסט“ מיט איהם זיין פעדער, נאָר פערקעהרט, דער זשאַרגאָן טוט איהם אַ טובה, וואָס ער פערענטפערט איהם זיין לע-בענס-פראַגע, זיין פערזענליכע פראַגע, די פראַגע פון יעדען פאָלקס-שרייבער: — למי אני עמל? — פאַר וועמען אַרבייט איך? דאָס פינטעלע איז אויפ'ן איך...

ווען די יודיש-פראַגע וואָלט נישט געווען פאַר אַבראַמאָוויטש'ען קיין איך-פראַגע, ווען יודיש-שרייבען וואָלט ביי איהם געווען נאָר אַ צדקה-זאַך, וואָלט ער נישט געלאַכט אַזוי ביטער פון די בעל-לשונ'ס, די בעל-גאוה'ניקעס, וואָס שעמען זיך מיט יודיש און האַלטען עס פאַר אַ ווייבערשע, אַנ'עם-הארצ'ישע זאַך; וואָלט ער נישט געזאָרגט אַזוי פאַר יודיש: מען זאָרגט נישט פאַר אַ זאַך, וואָס טויג נאָר אַ מיטעל צו זיין; מען מאַכט קיין ווענען נישט פון דעם, וואָס איז היינט פאַר-האַן און מאָרגען — אויס. די שרייבער-משכילים, וואָס פאַר זיי איז יודיש געווען נאָר אַ זאַך פון היינט — האָבען עס בעוויזען. זעלטען ווער פון זיי האָט געמיהט זיך, זיין יודיש זאָל זיין ריין, שען; אויף יודיש האָט מען געשריבען אַבי ווי, אַבי וואָס. אפילו די, וואָס האָ-בען געצאַצקעט אין העברעאיש יעדעס וואָרט, געזוכט עס זאָל זיין „על טהרת השפה“, האָבען אויף יודיש גערעדט „שיחות חולין“, גראַב-שטראָם, האַלב-דייטשיש, פּאָלאָווינאַ-רייסיש. יודיש איז די שפּראַך פון מאַרק, פון קיך; פאַרהאַן דאָ, מיט וועמען איידעלקייט צו פּראַווען! נישקשה, זיי וועלען פערדייען, די שניידער-יונגען און די דינסטמוידען, זיי וועלען לעקען די פינגער. זיי פערשטעהען זיך דען אויף בעסערס? און טאָמער וועט עס אַריינפאַלען צו אַ אינטעליגענט, וואָס האָט זיך צושיידט מיט דאָס ביסעל יודישקייט און בענקט נאָך דער באָבען, וועלען איהם אודאי הנאה טון, שאַרף הנאה טון, די אַלע „ווערטלעך“, די יודישע „וויצען“. זיי וועלען זיס זיין צו זיין גומען, אַזוי ווי טשאָלענט און אַנדערע נאַציאָנאַלע מאכלים, וואָס קאָסטען נישט טייער און דערמאָנען אָן די אַלטע, ליעבע, נאַרישע צייטען...

מען איז זיך מיט יודיש בעגאַנגען נישט ווי מיט אַ „דינסט-מויד“, נאָר ווי מיט אַ שטיפקינד, וואָס מ'האַלט פאַר נויטיג געבען איהם צו פיהלען, אַז עס איז אַ שטיפקינד... אַבראַמאָוויטש איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט בעוויזען, אַז ס'איז נישט אַ פרעמדס, נאָר אַנ'אייגענס, טאַקע אַנ'אייגענס, אַ ירושה פון פיעל דורות. אין

איז עס אייגענטליך די אַלטע נוצענס-טעאָריע, די צדקה-טעאָריע פון „לכם ולא לי״, אַלץ פאַר אייך, אָרימע ברידערלעך; די טעאָריע, וואָס פון איהר האָבען געהאַלטען אַלע אינטעליגענטען-משכּילים ביז און נאָך אַבראַמאָוויטש׳ען. יודיש, האָבען געזאָגט, און זאָגען אויך איצט, די משכּילים-פּיאָנערען און משכּילים-עפּיגאָנען, — יודיש איז קיין שפּראַך נישט פאַר אונז, געבילדעטע מענשען. יודיש איז סתם נישט קיין שפּראַך, ס׳איז אַ זשאַרגאָן, אַן׳אָנשיקעניש פון זיין ליעבען נאָמען, אַ פלוך פון גלות א. אַ. וו. מעהר נישט — די אָרימע ברידער אונזערע — זיי זענען ווילד, פערפינסטערט, זעהען די וועלט נישט, קאָנען נעבאַך קיין „שפּראַך״ נישט, מוז מען דערווייליגע, בלית-ברירה, ריידען מיט זיי אויף זייער לשון — וואָס טוט מען נישט פון השכּלה וועגען? אייזיק מאיר דיק, אַבראַמאָוויטש׳עס פאָרגענגער, האָט דעם דאָזיגען השכּלה-שטאַנדפּונקט, דעם בלית-ברירה-שטאַנדפּונקט קלאָר און בילדליך אויסגעדריקט: „צוואַר, שרייבט ער אין דער הקדמה צו „שבעים-מאָהלצייט״, — צוואַר, דער זשאַרגאָן (אידיש-טייך) איז אין אַלגעמיין גאָר קיין שפּראַך, הלואי וואָלטען מיר עס געקענט און געשפּראָכען בעסער אין אונזער לאַנדעס-שפּראַך, ווי אַלע אונזערע אידישע ברידער א. אַ. וו.״ אלא וואָס דען, למאי שרייבט ער זשאַרגאָן און געברויכט נישט, ווען נישט די לאַנדעס-שפּראַך, איז לכל הפחות די אַלטע, הייליגע, היסטאָרישע שפּראַך? אויף דעם ענטפערט ער: „אַן׳אַלטען בנין צושטערען קען מען דורך קלעפּ פון אַ פּראָסטער האַק, נישט דורך אַ שטאָך פון אַ דינעם גילדענעם נאָדעלע״ *). „זשאַרגאָן״ איז אַ האַק, וואָס מען דאַרף מיט איהר ברעכען די ווענט פונ׳ם גייסטיגען געטאָ; אַז די וועגט וועלען פאַלען, וועט מען די האַק מעהר נישט ברויכען... קאָן מען, זאָג איך, מיינען, אַז אויך פאַר אַבראַמאָוויטש׳ען איז זשאַרגאָן מעהר נישט געווען, ווי אַ האַק, אַ מיטעל; אין דער אמת׳ן איז עס נישט אַזוי. אַז מען הערט זיך גוט איין אין מענדעלי׳ס רייד, פיהלט מען, אַז ער נעהמט זיך פאַר יודיש, נישט בלויז דערפאַר, ווייל דאָס פאָלק, די אָרימע ברידערלעך נעבאַך, דאַרפען עס האָבען, נאָר אויך ווייל איהם אַליין איז עס נויטיג.

---

*) А. М. Паперна. “Изъ Николаевской эпохи„. Пережитое II. 18 стр.

מערקונגען, פּראָסט יודישע, נישט העברעאישע, אויסדריקען, כּדי עס זאָל נישט פאַרלוירען געהן דאָס כאַראַקטעריסטישע פונ׳ם געשפּרעך. *) אין די איבעריגע פעלען זעצט ער דאָס געשפּרעך איבער פון יודיש, איז עס אָבער אַ איבערזעצונג: אַ געזיכט אָהן אַ אויסדרוק, אין וואָרט איז קיין חיות נישטאָ, דער דיאַלאָג איז טויט, מען מוז עס איבערזעצען צוריק אויף יודיש, וועט דאַן ערשט זיין אַ אילוזיע פון לעבען.

איז די גלייכסטע זאַך שרייבען לכתחילה אויף יודיש.

און אַ דאנק אַבראַמאָוויטש׳עס עצה און השתדלות הויבט אָן צ ע-ד ע ר ב ו י ם, דער רעדאַקטאָר פון „המליץ״, אַרויסצוגעבען אין אָדעס אַ יודיש בלאַט, „קול מבשר״, וואו עס דרוקט זיך צום ערשטען מאָל דאָס „קליינע מענשעלע״.

## V.

נאָך איידער מיר געהען איבער צו די יודישע ווערק אַבראַמאָוויטש׳עס, מוזען מיר נאָך קלערער מאַכען די בעציהונג זיינע צו דער יודישער שפּראַך. דאָס איז אַזאַ וויכטיגער מאָמענט אין דער געשיכטע און, אַזוי צו זאָגען, אין דער פּסיכאָלאָגיע פון דער יודישער ליטעראַטור, אַז עס לוינט זיך לענגער אויף דעם אָבצושטעלען. אין אַבראַמאָוויטש׳עס כתבים געפינען מיר ערגיץ נישט קיין רמז אויף די ריין-קינסטלערישע מאָטיווען, וואָס צוליעב זיי איז איהם יודיש געווען נאָהענט און נויטיג; ער גיט אונז אַן׳אַנדער טעם — אַ סאָציאַל-עטישען; דער גרעסטער טייל פונ׳ם יודישען פאָלק פערשטעהט נישט די היילי-גע שפּראַך, רעדט יודיש, מאַמע-לשון, הייסט „וואָס, פרעגט אַבראַ-מאָוויטש, וועט בלייבען דעם שרייבער פון זיין גאַנצער מיה און זיין האַרצענס-בעגעהר, ווי באַלד ער וועט זיין פאָלק נישט ברייגען קיין נוצען?״ (ומה הוה לסופר בכל עמלו ורעיון לבו אם לא יועיל לעמו?) **).

*) „האבות והבנים״, אָדעסאַ ז. 3. **) ספר הזכרון.

אַ בעדייטונג עס האָט פאַר׳ן פאָלקס-שרייבער די פאָלקס-שפּראַך. פריהער ווי אַלץ איז זי אַליין אַ טייל פונ׳ם פאָלקס-לעבען; נישט בענוצען זי, נישט אַריינגעהמען זי אין דער ליטעראַטור אַריין, הייסט האָבען פאַר זיך אַ שטיק פאָלקס-לעבען און נישט אָבשפּיגלען עס. דערצו איז די פאָלקס-שפּראַך נישט אַנ׳איינפאַכער, אַ געוועהנליכער טייל פונ׳ם פאָלקס-לעבען און פאָלקס-שאַפען; ס׳איז אַ טייל, אין וועלכען אַלע איבעריגע טיילען שפּיגלען זיך אָב, אין וועלכען זיי געפינען זייער אויסדריק, אָהן וועלכען זיי זענען שטום. וועלען געבען אַ בילד פונ׳ם פאָלקס-לעבען אָהן דער פאָלקס-שפּראַך, הייסט, לויט׳ן געוויסען תלמודישען פערגלייך, אויפהיטען דעם וויין, צוברעכענדיג דאָס פאַס. אַבראַמאָוויטש האָט עס (ווען אומבעוואוסט אפילו) דערפיהלט. ער האָט געפיהלט, אַז דאָס בעהעפט-זיין פונ׳ם פאָלק מיט זיין שפּראַך איז איי-גענטליך נאָך גרעסער, אינערליכער, ווי דאָס בעהעפט-זיין פונ׳ס וויין מיט׳ן פאַס: דאָט איז די פערוועבונג פון דעם שאַפער און דער שאַפונג, פון דעם אינהאַלט און דער פאָרם. ער האָט עס געפיהלט אַלס פאָלקס-מענש און — פריהער ווי אַלץ — אַלס קינסטלער און רעאַליסט. רעאַ-ליסטיש-קינסטלעריש קען מען דעם ריטמוס פונ׳ם פאָלקס-לעבען נישט איבערגעבען אָהן דעם ריטמוס פון דער פאָלקס-שפּראַך.

שפּעטער האָט אַבראַמאָוויטש זיך (און אויך אַנדערע) אויסגעלערנט איבערצוטראָגען מיט גרויס מיה און קונסט דעם ריטמוס, דעם שטייגער פון דער פאָלקס-שפּראַך אין דער פון איהם בערייכערטער און פער-פיינערטער העברעאישער שפּראַך; ער האָט זיך אויסגעלערנט געבען אין העברעאיש אַנ׳אָבשפּיגלונג, אַ ווידערקלאַנג פון יודיש, דאָך איז עס מעהר נישט, ווי אַנ׳אָבשפּיגלונג, אַ ווידערקלאַנג. מיט דער הילף פון זיין שפּראַך-אינסטינקט און שפּראַך-קונסט האָט ער צוגעפּאַסט די בוך-שפּראַך צו דער פאָלקס-שפּראַך. מאַכען זי אַליין פאַר אַ פאָלקס-שפּראַך — האָט ער נישט געקאָנט: צו אַ פאָלקס-שפּראַך מוז מען האָבען אַ פאָלק... אין דער צייט אָבער, וועגען וועלכער מיר ריידען, אין דער צייט, ווען אַבראַמאָוויטש האָט אָנגעהויבען שרייבען, — איז העברע-איש אפילו נאָך נישט צוגעפּאַסט געווען צו די איינפאַכע, פרישע, קרעפטיגע אויסדריקען פון פאָלק. אין „האבות והבנים״ — וואו עס ווערט, אגב, איבערגע׳חזר׳ט עטליכע מאָל די נויטיגקייט, צו שרייבען פונ׳ם רעאַלען לעבען, פונ׳ם פאָלקס-לעבען — אין „האבות והבנים״ איז אַבראַ-מאָוויטש געצוואונגען, צו בריינגען עטליכע מאָל אונטען, אין די אָנ-

זיין דאַמאָלסדיג פּראָגראַם האָט אַבראַמאָוויטש שפּעטער אַזוי פאָרמולירט: „איך האָב געוואָלט מיט'ן גאַנצען האַרצען, אַז אונזערע מליצים און דיכטער זאָלען נישט רעדען קיין הויכע פראַזען (לא ישיתו בשמים פיהם לדבר גבוהה, גבוהה), זאָלען נישט נעהמען פאַר שטאָף צו זייער שרייבען די „בנות לוט", „אשת פוטיפרע" וכדומה פאַרשוינען א. אַ. וו., נאָר זיי זאָלען זיך אָבגעבען מיט ממשות'דיגע זאַכען (לשונם תהלך בארץ), זיי זאָלען זיך צוקוקען צום לעבען פון פאָלק און צו אַלץ, וואָס טוט זיך ביי איהם אין דער היים און אין קהל, און זאָלען עס איהם אַלץ אָבשילדערן; זיי זאָלען זעהען אויסבעסערן זיין געשמאַק מיט אַ ריינער, אַ שענער און אַ לאָגישער שפּראַך, אויך זאָלען זיי איהם גוטע קלוגע לעקציעס געבען, עס זאָל פערשטענדיגער ווערען" *). אַלזאָ, דריי זאַכען: רעאַליזם פונ'ם אינהאַלט; אַ שענע, אָבער אַ ריינע, אַ לאָגישע שפּראַך; קלוגע לעקציעס (דידאַקטיק).

דאָס האָט אבראַמאָוויטש געפאָדערט פון אַנדערע — און אויך פון זיך; דאָס איז געווען זיין פּראָגראַם. זיין ווייטערדיגע אַרבייט איז די אויספיהרונג פון דעם פּראָגראַם.

אין 1862 נעהמט ער זיך אַרויסגעבען דאָס „תולדות הטבע", אַ בעאַרבייטונג פון אַ דייטשער נאַטור-געשיכטע. ער מאַכט רייך מיט זיין אַרבייט די העברעאישע שפּראַך, הויבט אָן אין איהר שאַפען אַ מאָדערנע נאַטור-וויסענשאַפטליכע טערמינאָלאָגיע; זיין עיקר כונה אָבער איז בעקאַנט צו מאַכען דעם יודישען לעזער מיט די פּאָזיטיווע וויסענשאַפטען, ער זאָל זיך צוגעוועהנען צום רעאַלען דענקען, אָנשטאָט די אונקלאָרע, אָפּט פוסטע, מליצה'דיגע פראַזען פון דער „הימלישער טאָכטער".

אין דער אייגענער צייט שרייבט ער אויף העברעאיש אַנ'ערצעהלונג פונ'ם רעאַלען לעבען, „למדו היטב". ווי מען זעהט פון „האבות והבנים", וואָס איז שפּעטער אַרויס (1868), איז די. שפּראַך אין דער ערצעהלונג, אמת, אַ קלאָרע און נישט אַזאַ אַבסטראַקטע, ווי ביי די אַנדערע מליצים, אָבער נאָך אַלט-מאָדיש, ריין-ביבליש, האַלבע פסוקים. און עס קאָן זיין, אַז שרייבענדיג אָט די פונ'ם רעאַלען לעבען גענומענע ערצעהלונג, האָט ער דערפיהלט צום ערשטען מאָל, וואָס פאַר

*) ספר הזכרון, תרמ"ט.

געפונען חן אין די אויגען פון די משכילים. זיי האָבען געזעהען אין איהר דעם איבערגאַנג פון „פינסטערניש״ צו „ליכטיגקייט״, און פון גרויס היץ האָבען זיי די בעדערפנישען פון אַ קליינעם הייפעלע פון פאָלק צונויפגעמישט מיט די הצטרכות'ן פונ'ם גאַנצען פאָלק. דעם דאָזיגען טעות אין חשבון האָט געהאַט אַבראַמאָוויטש אינאיינעם מיט אַנדערע משכילים. דאָך איז אין זיין רוסיש-פּרעדיגען געווען אַ רעאַליסטישע טענדענץ, הגם אַ נעגאַטיווע: רוסיש האָט געדאַרפט פערנעהמען דעם אָרט פון דייטש. אין די רעגירונגס-שולען איז דייטש געווען די אונטערדריקטס-שפּראַך; די „בערלינער״ האָבען פון דער עלע-מענטאַר-שול דער יודישער געוואָלט מאַכען אַ מין ווערקשטאַט פון יונ-גע משכילים'לעך, און היות ווי אָהן דייטש איז אַ משכיל קיין משכיל נישט, האָבען אָרימע יודישע קינדערלעך, קינפטיגע שניידער, שוס-טער און קאַראַבעניקעס, זיך געפּייניגט און פערטייטשט חומש און חיי-אדם אויף טייטש. מענדעלי איז איינער פון די ערשטע געווען, וואָט האָבען דערפיהלט די אוננאַטירליכקייט פונ'ם משכילישען דייטש. דאָס רוסיש לערנען איז אויך געווען געקינצעלט, געמלאכה'ט, דאָך איז עס נישט געווען אַזוי קאָמיש, ווי דאָס דייטש...

אַלזאָ, אין דער ערשטער משכי'לישער אַרבייט אַבראַמאָווי-טש'עס זענען פאַרהאַן שוין סמנים פון זיין שפּעטערדיגען נעאָ-משכילי-שען רעאַליזם, פונ'ם רעאַליזם, וואָס איז אין מענדעלי'ס שאַפען וויכ-טיג נישט וועניגער, ווי זיין ליעבע צו דער נאַטור און זיין נייגונג צו סאַטירע.

דער רעאַליזם איז נאָך קענטיגער אינ'ם ליטעראַריש-קריטישען ספר'ל „משפט שלום״, וואָס איז געשריבען געווען איז 1859. מיט פינף יאָהר פריהער, איידער אין דער העברעאישער ליטעראַטור איז אַרויסגעטרעטען פיסאַרעוו'ס תלמיד, אורי קאָוונער, — מיט פינף יאָהר פריהער הויבט דער יונגער אַבראַמאָוויטש אָן אַ שטרייט געגען דער מליצה-ראָמאַנטיק, געגען דער ראָמאַנטיק פון ווערטער, דער ראָמאַנ-טיק, וואָס קומט נישט פון אַ הויכער, נאָר פון אַ ענגער וועלט, און ער איז די ערשטע שוואַלב פון דער נייער רעאַליסטישער שטרעמונג אין דער העברעאישער ליטעראַטור (איך זאָג מיט אַ כיון: אין דער העברעאישער, ווייל די יודיש-ליטעראַטור, ווי ווייט מען קאָן רעדען וועגען אַזאַ ליטעראַטור פאַר מענדעלי'ן, — איז פון אָנהויב אָן געווען און האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, ווי רעאַליסטיש).

# IV.

זיינע ערשטע אַרטיקלען האָבן געמאַכט אויף די לעזער אַנ׳-איינדריק (קיין סך, אגב, האָבן די לעזער דאַן נישט געפאָדערט). אין זיינע אַרטיקלען האָט אַבראַמאָוויטש, צווישען אַנדערעס, אָנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט צו לערנען רוסיש מיט יודישע קינדער. מען דאַרף אָבער נישט מיינען, אַז אַבראַמאָוויטש איז, ווי דאָס רוב לעהרער פון די קאַזיאָנע שולען, געווען דאַמאָלס אַנ׳„אַסימילאַטאָר". ער איז געווען נאָך, פּשוט, יונג, האָט ערשט דורכגעמאַכט די גילדענע וואָך פון זיין השכלה און האָט נאָך נישט געהאַט צו איהר די קרי-טישע, סקעפּטישע בעציהונג, וואָס האָט זיך אויסגעאַרבייט ביי איהם שפּעטער. דערצו איז עס געווען אַ רעאַקציע געגען דער איינזייטיגער, ריין-רעליגיעזער ערציהונג פונ׳ם אַלטען חדר, וועלכער איז, לויט דער מיינונג פון די משכילים, געווען ווייט פון לעבען און זיינע רעאַלע בעדערפנישען... אייגענטליך איז אין רוסיש געווען נאָך אַ קלענערע בעדערפעניש, און ווער רעדט דאָס בערדיטשעווער דייטש, וואָס מען האָט אין די רעגירונגס-שולען געלערנט, איז געווען געוויס ווייטער פון לעבען, ווי די חדרים, און אויב זיי זענען געווען נאָר צו גאָט און נישט צו לייט, זענען די שקאָלעס געווען נישט צו גאָט און נישט צו לייט: יודען האָבן דאַן געלעבט נאָך אָבגעזונדערט, מיט דער אַרומיגער וועלט איז מען נישט געווען אַזוי אויפגעטראָגען, ווי איצט, און טאָמער איז אויסגעקומען אַמאָל ריידען מיט אַ גוי אָדער אַ פּריץ, האָט אַ יודען „דער מות נישט אויסגעדאַרט", מען האָט גערעדט, ווי מען האָט געקאָנט...

מען דאַרף אַלזאָ נישט מיינען, אַז אַבראַמאָוויטש האָט זיך דאַ-מאָלס שוין אָנגענומען פאַר די רעאַלע לעבעדיגע בעדערפנישען פונ׳ם יודישען פאָלק. אלא וואָס-דען? ביי אַ טייל פון די גבירים, די אַק-ציזניקעס, די גרויסשטעדטיגע סוחרים און פּאָדריאַדטשיקעס האָט זיך אָנגעהויבען דאַן אַרויסצעווייזען אַ טענדענץ צו קולטורעלער אַסימילאַ-ציע מיט דער רוסישער געזעלשאַפט, אַ טענדעץ, וואָס איז פון די 60-טע יאָהרען אָן, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבען צו פערשטאַרקען אין רוסלאַנד דער האַנדעל און די אינדוסטריע — געוואָרען אַלץ שאַר-פער און שאַרפער. די שטרעבונג פון די דאָזיגע העכערע שיכטען אי-בערצוגעהן צו די אַרומיגע נישט יודישע קולטור-פאָרמען, — האָט

כּער איז געווען אין דער יודישער קאַזיאָנער שול אַ לעהרער. אַב־ראַמאָוויטש האָט דאַן נאָך נישט געוואוסט, אַז איהם איז באַשערט צו זיין אַ שרייבער ביי יודען, נאָר אַזאַ מנהג איז שוין געווען: ווען מען פלעגט אַריינגעהן צום ערשטען מאָל צו אַ משורר אָדער סתם צו אַ משכיל, אַ מפורסם, פלעגט מען אַרויסנעהמען פון קעשענע צו־קנייטשטע, נאָר זעהר שען געצאַצקעטע בויגעלעך פאַפּיר מיט מליצה,— ס'איז געווען אַ מין רעקאָמענדאַציע. אַבראַמאָוויטש האָט גאָטלאָבער'ן געוויזען זיין „דראַמע". האָט ער איהם אַנ'עצה געגעבען — „לערנען זיך". צי ווייל ער האָט דערשפּירט אין איהם טאַלאַנט אָדער ווייל גלאַט צו אַ משכּיל, אַז ס'קומט אַ ישיבה־בחור, ראָט ער איהם ביל־דען זיך,— ווי־זשע אַנדערש? אַבראַמאָוויטש האָט שוין לאַנג „געדורשט נאָך בילדונג", ווי זיין ביאָגראַף דריקט זיך אויס; האָט ער זיך צו־געכאַפּט צו איהר מיט פלייס, מיט אַ ברען. השכלה־ספרים האָט איהם גאָטלאָבער געגעבען פון זיין ביבליאָטעק, רוסיש און דייטש לייענען האָט איהם געלערנט די טאָכטער דעם פאָעט'ס. אינגיכען האָט ער חתונה געהאַט, גענומען די טאָכטער פון אַנ'אָרטיגען גביר, אַ האַלבען משכיל, נאָר די פרוי איז אַ פּראָסטע געווען, נישט קיין פּאָר פאַר איהם, גט ער זי אָב. דערנאָך האַלט ער עקזאַמען און ווערט אין דער קאַזיאָנער יודישער שול אַ לעהרער. אין אַ יאָהר אַרום דרוקט זיך אָב אין „המגיד", אין דער העברעאישער צייטונג, וואָס האָט דאַן אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן, זיין ערשטער אַרטיקעל. ער איז געדרוקט געוואָרען אָהן אַבראַמאָוויטשעס וויסען. אַזוי ווי אין די דערצעהלונגען זיינע, שפּילען אויך אין זיין לעבען אַ ראָליע צופעליגקייטען, און אויך זיין אַריינטרעטען אין דער ליטעראַטור איז געשעהען דורך אַ צו־פאַל. ביי איהם אין צימער האָט זיך געוואַלגערט אַ בויגען פאַפּיער, וואָס ער האָט אָנגעהויבען שרייבען, אַלס אַנ'ענטפער אויף אַ בריעף פון זיינעם אַ פריינד. גערעדט האָט זיך אין פאַפּיר וועגען „חנוך" (ערציהונג). איינעם אַ משכיל, אַנ'אַריינגעהער ביי אַבראַמאָוויטשען אין שטוב, איז עס געפעלען געוואָרען, האָט ער עס אַוועקגעשיקט גאָט־לאָבער'ן. אין אַ קורצע צייט אַרום ברענגט אַבראַמאָוויטשען דער פּאָסט־טרעגער אַ נומער „המגיד" מיט זיין אַרטיקעל, מיט אַ בריעף פון זילבערמאַן, דעם רעדאַקטאָר, וואָס בעט איהם שיקען וואָס אָפטער „די פּרוכט פון זיין פעדער".

אַזוי ווערט אַבראַמאָוויטש אַ שרייבער.

נוצליכע ערפאַהרונג געגעבען. ער איז בעקאַנט געוואָרען מיט יודישע קהלות, שטעדט און שטעדטלעך, ער איז דערגאַנגען, אַז זיי האָבען אַלע איין נאָמען: קאַבצאַנסק (קבציאל), און אַז פון קאַבצאַנסק פיהרט דער וועג קיין גלופסק (כסלון)... ער האָט געזעהען די קליאַטשע, די כנסת ישראל, אין כל המגליכע צושטאַנדען: אי דאַן, ווען מען שלאָגט און מען טרייבט זי דערפאַר, וואָס זי פּיטערט זיך אויף פרעמדע פעלדער, — און זי זיפצט שטילערהייט און זוכט אַ קאַפּ גראָז, אַ ביסעל היי; אי דאַן, ווען זי ליגט אין קאַבצאַנסק אויפ׳ן שוהלהויף, וואַרעמט זיך אויפ׳ן זון און מעלה-גרה׳ט, און אויך דאַן, ווען עס עפענט זיך איהר פלוצלונג דאָס מויל, זי הויבט אָן רעדען, להבדיל, ווי אַ מענש, און דערמאָנט זיך, אַז אַמאָל, גאָר אַמאָל, איז זי אַ פּרינץ געווען... אין אַלע צושטאַנדען האָט מענדעלי אויף זיין וואַנדער-וועג דאָס וואַנדער-פאָלק געזעהען, זיך צוגע-קוקט צו אַלע זיינע גענג, צו אַלע זיינע אָנשטעלען און תנועות, צו זיין גאַנצען הילוך, איינגעזויגען אין זיך די גרויע פאַרבען און דעם ריטמוס פון זיין שפּראַך, געליטען זיינע צרות און געפיהלט זיינע וועהטאָגען, — און שפּעטער, אַז ער האָט זיך אָבגעטיילט פון פאָלק, געשטעלט זיך אויף אַ העכערער מדרגה פון קולטור און געוואָלט זיך צוריק צום פאָלק אומקעהרען, האָט ער גענומען ביי איהם אַ נאָמען פאַר זיך, אַ מין פאָלקס-פאַספּאָרט, און גערעדט מיט איהם אויף זיין לשון: אמר מענדעלי מוכר ספרים, זאָגט מענדעלי מוכר ספרים...

בישט אַזוי גרינג אָבער איז אָנגעקומען אַבראַמאָוויטשען דאָס אַרויסראַטעווען זיך פונ׳ם תהום, וואו ער האָט געזונקען. נאָך היבשע עטליכע חדשים האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט אויף אברהם׳לס וועגיל מיט דער עגונה און איהר קינד, ביז אַ צופאַל האָט איהם צונויפגע-פיהרט נעבען קאַמענעץ-פּאָדאָלסק אויפ׳ן וועג מיט אַ בעקאַנטען פון זיין שטעדטיל, עפּיס אַ משורר׳ל ביי אַ חזן, וועלכער האָט איהם אויסגעלייזט פונ׳ם שנאָרערס הענד און געבראַכט קיין קאַמענעץ. אין קאַמענעץ האָט ער זיך בעזעצט אין אַ בית-המדרש — דאַרף מען דען אַ בעסער אָרט? דער בית-המדרש איז אין יענער צייט געווען דער מרכז פונ׳ם גייסטיגען און געזעלשאַפטליכען לעבען ביי יודען; ער איז געווען די יודישע אַקאַדעמיע און דאָס יודישע פאָלקס-הויז... דורך די בית-המדרש-לייט איז אַבראַמאָוויטש בעקאַנט געוואָרען מיט אברהם דוב גאָטלאָבער, דעם בעריהמטען אין יענער צייט משורר, וועל-

מיט איהם (ער האָט אַנ׳אייגען פערדעל מיט אַ וועגיל) זוכען איהר מאַן; ער נעהמט זיך איהם אָן געפינען. אגב אורחא, וועט ער דעם פלימעניק איהרען, אונזער אַבראַמאָוויטש׳ען, אויך נעהמען, און וועט איהם ברענגען קיין וואָלין, אין דאָס גליקליכע לאַנד, וואו ער וועט זיך דערשלאָגען צו אַ תכלית אי״ה. די עגונה און איהר פלימעניק לאָזען זיך איינרעדען; אין אָנהויב פריהלינג, נאָך פסח, לאָזט מען זיך אין וועג אַריין.

אין וועג ווייזט זיך אַרויס, אז אברהם׳על איז אַ שווינדלער און אַ שנאָרער דערצו. די עגונה איז ביי איהם מעהר נישט, ווי אַ מיטעל אויסצונאַרען נדבות ביי יודען, רחמנים בני רחמנים. אין יעטוידען שטעדטיל שטעלט ער זיך אָב, נעהמט ביים רב אַ כתב, קלייבט געלד „פאַר דער וויסטער עגונה נעבאַך״, און וועגען דעם ציעל פון איהר רייזע האָט ער אינגאַנצען פערגעסען. אין איין שטעדטיל איז ער זיך מישב און וויל דעם יונגען, עלענדען, גראָטעסקען בחור׳ל, וואָס פאָהרט מיט איהם, חתונה מאַכען: אין דער אמת׳ן, אַז מען האָט אַזאַ בחור׳ל, ווי לאָזט מען עס אַרויס פון האַנד נישט צו כאַפען שדכנות-געלד, אַזאַ כשר פערדינסט׳על? דער בחור׳ל אָבער האָט געהאַט, ווי עס ווייזט, גאָר אַנדערע פלענער אין קאָפּ. בשום אופן וויל ער נישט בלייבען אַנ׳איידעם ביים שטעדטעלדיגען נגיד אויף קעסט. זיי פערלאָזען דאָס שטעדטיל און וואַנדערן ווייטער. וואָס ווייטער ווערן די נויט אַבראַמאָוויטשעס, די עלענדקייט און די דערנידערונגען זיינע אלץ שרעקליכער. ער געפינט זיך אין אַ חברה פון קבצנים, שנאָרער, ער זינקט אַלץ טיעפער און טיעפער אינ׳ם תהום פון דלות. „די גרויסע יודישע טאָרבע״ הענגט איהם ממש אויפ׳ן רוקען, — די גרויסע יודישע טאָרבע, וואָס פון דאַן אָן שטעהט זי איהם תמיד פאַר די אויגען: „וואוהין איך זאָל מיך נישט קעהרען און ווענדען, שרייבט ער שפּעטער, זעה איך פאַר מיר די טאָרבע; וואָס איך זאָל נישט וועלען עפּיס דערצעהלען אָדער זאָגען, קומט מיר אַפיר די טאָרבע״. מענדעלי, וואָס האָט געזאָגט, אַז „ווירקען אויף אַ פאָלק מענשען קען נאָר אַזעלכער, וואָס איז ביין פון זייער ביין, פלייש פון זייער פלייש; וואָס האָט געליטען איינע צרות, געפיהלט איינע וועהטאָגען מיט זיי״, — מענדעלי האָט אָבגעריכט גלות און איז געוועזן נע-ונד, אַזוי ווי דאָס פאָלק, אויף וועלכעס ער האָט געווירקט, און אַזוי ווי דעם פאָלק, האָט אויך איהם דאָס גלות, דאָס נע-ונד זיין רייכער און

שפּאָט, וואָס געוועלטיגט איבער מיר אין דער געשטאַלט פון מענדע-לי מוכר ספרים, און האָט מיך אָנגעלערנט אָבצושפּאָטען פון מענשען און אַראָבּרייסען פון זיי די מאַסקע״ *)...

נאָר ווער ווייסט, צי וואָלטען די ערשטע ליטעראַרישע פּראָבען מענדעלי׳ס נישט געווען אויך די לעצטע, צי וואָלט ער נישט געוואָ-רען אַ קאַפּוליער איידעם, און עס וואָלט נישט צוגעקומען נאָך איינער צו די ליפּא ראובנ׳ס, די הערצל קיילעס און אַנדערע מושלמים, וואָס זענען געבליבען מלמדים; קינסטלער, וואָס זענען געוואָרען סטאָליאַ-רעס,— ווען נישט אַ אונגליקליכער — ניין, אַ גליקליכער — צופאַל, וואָס האָט דעם 17-יעהריגען מושלם אַרויסגעפיהרט פונ׳ם ליטווישען שטעד-טיל און געמאַכט פון איהם אַ וואַנדערער?

אין דער ליטאָ זענען געווען דאַמאָלס הונגער-יאָהרען, אַ מורא׳-דיגער יקרות. ווי תמיד אין אַזאַ צייט, זענען יודען געשטאַנען אויפ׳ן וועג, די פּעקלעך אויף די פּלייצעס, גרייט צו וואנדערן... געטומעלט האָט זיך וועגען כערסאָנער גובערניע. דאָרט האָבען זיך אָנגעהויבען דאַן די קאָלאָניעס. פּלוצלונג קומט אָן אַ יוד אין קאַפּוליע, אברהמ׳ל דער קרומער האָט מען איהם גערופען, — ער איז געווען פריהער אַ שטעדטעלדיגער, דערנאָך איז ער אַוועק „אין דער וועלט״ — און דערצעהלט נסים, ממש וואונדער פון וואָלין. „וואָלין, זאָגט ער, איז אַ געבענשט אָרט, מיט אַלעם גוטען. קוילעטשען עסט מען דאָרט גאָר אין מיטען דער וואָך, ווין טרינקט מען דאָרט, ווי וואַסער, היינט זייער ראָסעלפלייש, קנאָבעל, „פּראַסקעס״, „פּאַליאַרטשיקעס״, איז אַ מאכל מאכלים א. אַ. וו. נאָר די מענשען די דאָרטיגע זענען גראָב, כער-שטאָפּטע קעפּ, יודען פונ׳ם היגען ווינקעל קאָנען זיי אין זאַק אַריינ-נאַרען און מאַכען גוטע געשעפטען, מלמדים פון אונזער קאַנט האָבען דאָרט די בעסטע קנעלונגען. א. אַ. וו.״ **) נון, פאַר אונזער יונגען אַבראַמאָוויטשען, וואָס איהם האָט שוין דערעסען דאָס לעבען אינ׳ם וויסטען, אָרימען שטעדטיל (ער האָט שוין ווידער געוואוינט אין שטעדטיל, נישט אין מעלניקי ביים שטיף-פאָטער) — פאַר׳ן יונגען אַב-ראַמאָוויטשען עפענט זיך אַ נייע פּערספּעקטיוו — וואָלין! אברהם׳על דער קרומער רעדט איין זיינער אַ מומען, אַנ׳עגונה, זי זאָל פאָהרען

*) ספר הזכרון. **) „די אַלטע מעשה״.

וועלכע עס רינען קוואַלען וואַסער, עס שווירבלען און גריבלען מיני עופות. אויף יענער זייט טאָלען, ווייטער בערג, ווייטער פעלדער, וועלדלעך און וועלדער״ *). די אָפּט פערזאָניפיצירטע און פעריודיש-טע, אָבער תּמיד רעאַליסטישע און וואונדערליך-קלאָרע נאַטור-שילדע-רונגען, וואָס זענען צושפּרייט איבער מענדעלי׳ס ווערק, — האָבען מיר צו פערדאַנקען נישט נאָר די רייזען, וואָס ער האָט שפּעטער געמאַכט איבער וואָלין, אוקראַינאַ און פּאָדאָליען, נאָר אויך זיין לעבען יונ-געלווייז אין קאַפּוליע און אינ׳ם דערפיל מעלניקי. ער האָט דאָרט ליעב געקריעגען אַלץ, וואָס וואַקסט און לעבט. פון מענשען האַלט ער נישט שטאַרק: ער איז צו-גוט מיט זיי בעקאַנט; אין חיות און עופות אָבער איז ער פערליעבט, דאָס לעבען וואָלט ער אָבגעגעבען פאַר זיי. ער טוט און עסק׳ט זיך מיט זיי, זיי דיענען איהם אַלס ביישפּיעלען און משלים, און זיינע בעלעטריסטישע ווערק זענען אַזוי ווי דער המשך פון דער נאַטור-געשיכטע (תּולדות הטבע), וואָס ער האָט פערפאַסט...

און אין דער אייגענער צייט, ווען ער בעזינגט די נאַטור, — שרייבט ער אַ „דראַמע״ (אין חרוזים). אייגענטליך, וואָס איז אַזוינס אַ דראַמע, ווייס ער נישט אויף קלאָר, נאָר ער האָט געלייענט דאָס האַלב-וועלטליכע מוסר-ווערק פון ר׳ משה חיים לוצאַטו, „לישרים תּהלה״ (אַ שורה אַלעגאָרישע דיאַלאָגען און סצענעס) — האָט ער עס גע-נומען פאַר אַ מוסטער. געדרוקט געוואָרען, פערשטעהט זיך, איז די „דראַמע״ נישט, נאָר פון דער אויטאָביאָגראַפיע אַבראַמאָוויטשעס דער-וויסען מיר זיך, אַז זי האָט געטראָגען אַ סאַטירישען כאַראַקטער.

---

### III.

שוין אין די ערשטע אונזיכערע פּראָבען פון מענדעלי׳ס פען ווייזען זיך אַרויס אויף דעם אופן צוויי הויפּט-שטריכען פון זיין גאַנ-צען שפּעטערדיגען שאַפען: — 1) די ליעבע צו דער נאַטור, 2) די סאַטירע. „ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבען שרייבען, זאָגט אַבראַמאָוויטש, האָט זיך בעוויזען צו מיר דער שטן, מעפיסטאָפעל דער מלאך פון

*) שלטה.

אין העברעאישע שירים בעזינגט ער די נאַטור. „דער טייך פלעגט איהם צופּלעסקען, דאָס וואַלד-עכאָ — אָבענטפּערן”. אַ חוץ דעם טייך און דעם וואַלד האָט זיינע שירים קיינער נישט געהערט. ער איז געווען איינזאם, די נאטור אַרום — ווילד. דאָס דערפיל איז אַרומרינגעלט מיט וועלדער, עס „ליגט פערבאָרגען אין אַ ווינקעל, אָבגעריסען פון דער וועלט, ווייט פון מענשען און פונ׳ם טראַקט, נאָר קליינע שמאָלע וועגעלעך שלענגלען זיך דורך דעם וואַלד, דורך טאָלען און בערגלעך, און פיהרען צו דערפער, וואָס ליגען צוזייט אַרום און אַרום. און ווען מענשען זענען דאָ זעלטען, עס רעש׳ט נישט, עס קאָכט נישט, ווי אין שטעדט, דערפאַר שוויבעלט און גריבעלט דאָ אין די וועלדער, אין די זומפּען און פעלדער אַלערליי בעשעפעניש, חיות און עופות, דערפאַר לאָזט זיך דאָ הערען אַלערליי קולות: אַ געזאַנג פון פויגעל, אַ קראַקען, אַ קוואָקען, אַ שמוצערן, אַ גרילצען זומער, אַ זואָיען, אַ היילען פון הונגעריגע וועלף ווינטער און אַ מאָל אַ ברומען פון אַ פערבלאָנדזשעטען בער אויך — און אין דעם דאָזיגען קאָנצערט פערטראָגט זיך אַ רוישען פונ׳ם וואַסער ביים אַראָבפּאַלען אויף די רעדער, אַ קלאַפּען, אַ מאָלען פון דער מיהל” *). איך ברענג מיט אַ כּיון די דאָזיגע לאַנגע ציטאַטען, מיר זאָלען זעהן דערביי, ווי מענדעלי מאָלט די נאַטור, מיט וואָס פאַר אַ זיכערהייט און מיט וואָס פאַר אַ ברייטקייט. ער איז קאַרג אויף ווערטער, ער איז פּינקטליך, ביי איהם איז אַלץ געמאָסטען און געוואויגען, נאָר ביסלעכווייז, ביסלעכווייז מאָלט זיך אויס פאַר אונז דאָס בילד ביז׳ן לעצטען שטריכעלע, ביז׳ן לעצטען פּינטעלע. דאָס רוב גיט זיך איהם איין אין סוף מיט איין וואָרט צונויפגיסען די אַלע פרטים אין איין גאַנצעס...

נאָך אין שטעדטיל ביי זיך, אין קאַפּוליע, האָט אַבראַמאָוויטש זיך צוגעוועהנט צו די שענהייטען פון דער נאַטור. קאַפּוליע ליעגט אויף אַ באַרג אין זעהר אַ שענעם אָרט. „די טאָלען באַרג-אַראָב זענען ערטערווייז בעזעצט, בעוואַקסען מיט גרינוואַרג. זיי ציהען זיך ווייט אַרום דער שטאָדט, צו-וואַרפענדיג זיך אין פערשיעדענע פּאַנאָראַמעס: גערטנער, פעלדער און פעלדלעך פון ניס, אויך געמייזאַכטסען, גרינבעוואַקסענע זומפּען מיט פּליושניק (זשאַווער) און הושענות, צווישען

*) שלמה ז. 4—3.

הענד, איהר פנים זענען עפּיס מגושם, פערברענט-פערבראָטען פון דער זון. געהט זי — איז געגאַנגען, מען פיהלט, אַז זי שטעלט אַ פוס; רעדט זי — איז גערעדט מיט לעפּצען אויף דער געמבע. זי איז גוט, אָבער פּראָסט. זי איז פרום, וויינט ביי ליכט-בענשען, כליפּעט, ווי באַלד זי דערהערט פון דער פירזאָגערין אַ קול, כאָטש זי פערשטעהט נישט קיין וואָרט. אַקעגען-זשע שרה, די מאַמע זיינע, איז אַן אייז-דעלע, אַ שוואַכע, האָט קליינע ווייסע הענד, מיט דינע בלויע אָדערלעך, אַ פערפרומט בלייך פּנים, מיט דינע ליפּען — איינ-גאַנצען עפּיס אַ רוחניות און אַז זי געהט, דוכט זיך, זי שוועבט א. אַ. וו."

שפּעטער, אַז ר' חיים משה, אַבראַמאָוויטשעס פאָטער, איז גע-שטאָרבען (אינגאַנצען איז ער אַלט געווען דאַן 41 יאָהר), און זיין פרוי איז אַנ'אלמנה געבליבען, אָהן מיטלען צום לעבען, האָט אבראַ-מאָוויטש — ער איז געווען דאַן אַ יונגעל פון אַ יאָהר 14 — געמוזט זיך שיידען מיט זיין מוטער. ער האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אין סלוצק און אין ווילנאָ אין ישיבות, און אַז ער איז אין אַ פּאָר יאָהר אַרום געקומען צוריק אין שטעדטיל, האָט שוין זיין מוטער געהאַט אַ צווייטען מאַן, אַ מילנער. זי האָט געוואוינט מיט איהם אין מעלני-קי, 10 וויאָרסט פון שטעדטיל. אַבראַמאָוויטש האָט זיך בעזעצט אין מעלניקי. און דאָ אַ פּנים האָט זיך דאָס ערשטע מאָל בעוויזען צו איהם „די מוזע". יונגעלוויז, נאָך זייענדיג אין שטעדטיל, האָט ער געפיהלט אָפט אין זיך עפּיס „אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט דערקלע-רען, אַ מין ציהעניש אַזעלכע, וואָס אָהן אַ נאָמען"; אין אַזוינע מינו-טען פלעגט דאָס „קליין יודעלע" אויסטון זיך פון שפּאַן, נאָכגעבען דעם יצר הרע און אַוועקגעהן אין פעלד אָדער אין וואַלד אַריין שפּאַ-צירען; אַנ'אַנדערס מאָל פלעגט ער זיך „צוגיסען אין אַ טרעלעלייקען — אין אַ ניגונ'דעל פון זמירות און אַ וויינענדיגס צו אַ בעדעקענס אָדער געזאָגט ברכי נפשי הויך אויפ'ן קול, צוקייענדיג איטליכעס וואָרט און געפיהלט דערביי עפּיס גאָר אַ בעזונדער טעם"... *) אַז מען קאָן שרייבען, אויסגיסען דאָס האַרץ אין אַ שיר, אין מליצה, — האָט ער נאָך נישט געוואוסט. ערשט אין מעלניקי הויבט ער אָן שרייבען.

---

*) שלמה.

אונז זייערע ליעדער נישט איבערגעלאָזען; אין סוף ערשטען טייל פון שלמה ר׳ חיים׳ס מאַכט אונז מענדעלי בעקאַנט מיט אַ פּאַר אַזוינע שע-נע, קינדישע, פּאָעטישע נאַטורען: דאָס איז אייזיק דער שמיעד און הערצל קיילעס דער סטאָליער. „ביידע האָבען געווירקט אויף שלמה׳לעס גייסט, דערהאַלטען אין איהם דאָס יונגע פייער׳ל, ביידע זענען איהם געווען זעהר טייער און צו ביידע האָט איהם דאָס האַרץ שטאַרק געצויגען". זיי זענען אָבער געווען בעל-מלאכות, פּראָס-טע מענשען; אויף שלמה — אַבראַמאָוויטשען האָבען זיי געווירקט נישט מיט די רייד מיט זייערע, נאָר מיט זייער בענעמען זיך, מיט זייער האַרציגקייט, מיט זייער קינדישקייט; אַנדערש איז אָבער יוסי ראובנ׳ס,— ער איז געווען אַבראַמאָוויטשעס רבי. פריהער האָט ער געלערנט מיט איהם תנ"ך, דערנאָך — גמרא. „בשעת דעם לערנען ביים טיש פלעגט דער רבי זיצען מיט עפּיס אַ׳נאַרבייט—מאָלען אָדער שטעכען אַ חתימה׳לע" ... *) שפּעטער, ווען ער איז געוואָרען אַ שרייבער, האָט מענדעלי געוויזען, אַז ער איז נאָך מעהר בריה, ווי זיין רבי, אין דער דאָזיגער דאָפּעלטער אומנות: — קנעלען — און מאָלען אַ בילד דער-ביי, זיין איין ערציהער פאַר׳ן לעזער, זאָגען איהם מוסר, און בעת מעשה שאַפען שענע, ריין קינסטלערישע געשטאַלטען...

מיר זעהען, וואָס פאַר אַ גוטע ביישפּיעלען און וואָס פאַר אַ פיינע ערציהער עס זענען פאַר מענדעלי׳ן געווען זיינע רביים, דער פאָטער און יוסי ראובנ׳ס דער מלמד. נאָר אויב זיי האָבען אַ חלק אין זיין לעבענס-פילאָזאָפיע און אין זיין פּאָעזיע, האָט, דוכט מיר, די מוטער זיינע אַ שייכות צו דער זעלטענער זויבערקייט פון זיין סטיל און צו זיין פעראַכטען די אונציכטיגקייט פון קאַבצאַנסק, ווי אויך צו דער עטוואָס סענטימענטאַלער האַרציגקייט פון זיין רחמנות-ליריק. די מוטער האָט ווייכער, וואַרימער געמאַכט זיין שטרענגקייט. מיט אַ שטי-לער צערטליכער ליעבע שילדערט זי מענדעלי אין „שלמה ר׳ חיים׳ס", און איהר איידעלע געשטאַלט ווערט בולט׳ער, ווען ער פערגלייכט זי מיט אַנ׳אַנדער פרוי פון אַנ׳אַנדער משפחה: „ס׳איז, זאָגט ער, אַ גרוי-סער חילוק צווישען טויבע-סאָסיען, חנא׳ס ווייב, און דער מאַמע זיי-נער. טויבע-סאָסיע איז אַ ברייט-ביינערדיגע, אַ יאָדערדיגע; איהרע

*) שלמה.

הכלל — די השׂכּלה איז פֿאַר אַבּראַמאָוויטשען נישט געווען עפּיס אַ אונגעריכטע זאַך, אַזוי ווי אַ בּליץ, וואָס פֿערבּלענדעט די אויגען אין מיטען דער כמאַרע, זי האָט נישט געהאַט פֿאַר איהם דעם חן, דעם געשמאַקען טעם פֿון אַ טרפֿה'ר זאַך, וואָס עס איז אַ סכּנה צוצוגעהן דערצו און מ'דאַרף איינשטעלען דאָס לעבען; דערפֿאַר איז זי איהם נישט איינגעבּאַקען געווען אַזוי אין האַרצען, און ער האָט זיך מיט איהר אַזוי נישט „געצאַצקעט", ווי אַנדערע משׂכּילים...

וועגען זיין פֿערהאַלטען זיך צו דער השׂכּלה, איבּריגענס, וועט אונז נאָך אויסקומען צו רעדען. דאָ האָבּען מיר געוואָלט נאָר אָנוויי-זען אויף די טיפֿע וואָרצלען, וואָס אונזער פֿאָלקס-דיכטער און פֿאָלקס-ערציהער האָט אינ'ם אַלטען דור: — אַז זיין אייגענער פֿאָטער, אַנ'-אַלטפֿרענקישער יוד, האָט אויף זיין ענטוויקלונג געהאַט אַ גוטע, אַ פּאָזיטיווע ווירקונג.

אָבּער אַ חוץ דעם פֿאָטער מוז מען נאָך איינעם דערמאָהנען, נאָך איינעם פֿון אַלטען דור, וואָס אַבּראַמאָוויטש איז איהם דאַנקבּאַר גע-בּליבּען, און וואָס אין זיין אויטאָבּיאָגראַפֿיע רעדט ער וועגען איהם מיט אַכטונג און ליעבּע, דאָס איז — ר' יוסי ראובן'ס אָדער, ווי ער רופֿט איהם אין שלמה ר' חיים'ס, ליפּא ראובנ'ס דער מלמד. דאָס איז געווען „איינער פֿון יענע מענשען, אין וועלכע גאָט האָט אַריינגעלעגט אַלע גוטע מתּנות: גייסט, האַרץ און געפֿיהלען, נאָר פֿערגעסען זיי אָבּער געבּען אַ קליינינקייט — מזל". *) איינע פֿון יענע בּלומען, וואָס אין דער געטא-לופֿט, אָהן שטראַהלען פֿון דער זון, זע-נען זיי צודאַרט געוואָרען, נאָך איידער זיי האָבּען אויפֿגעבּליהט. „זיין טון און אַלץ מיט אַנאַנדער האָט בּעשייַנפּערלעך געוויזען, אַז אין איהם איז דאָ דאָס פֿינטעלע, דער בּרען פֿון אַ קינסטלער. ער האָט געהאַט אַ האַנד צו שניצען, צו מאָלען, צו שרייבּען און צו קריצען אויף קו-פּער און אויף שטיינער, נישט צו מאַכען זיך דערויף אַ פּרנסה, נאָר גלאַט אַזוי, ווייל דאָס איז געווען זיין בּעסטער פֿערגניגען; ווייל עס האָט איהם דערצו עפּיס געטריבּען און ער האָט בּעדאַרפֿט, געמוזט מייסטערן". **) יונגעלוויז האָט מענדעלי געקענט נאָך אַזוינע קינס-טלער-למד-וו'ניקעס, שטומע נשמות, פּאָעטען, וואָס האָבּען

*) שלמה ר' חיים'ס. **) דאָרט.

דאָס רוב משכּילים אין יענער צייט; די יודען פון אַלטען דור, די פרומע, זענען נישט געווען זיינע פערזענליכע שונאים. און דאָס איז אפשר איינע פון די סבות, וואָס ער האָט זיך פערהאַלטען צום אַלטען דור מיט מעהר סבלנות, מיט מעהר אַכטונג, ווי אַנדערע משכּילים; וואָס ער האָט געזעהען אין זיי נישט נאָר „פאַנאַטיקער", נאָר אויך מענשען, און ער האָט דאָס יודישע פאָלק נישט איינגע-טיילט, ווי אַנדערע שרייבער פון זיין צייט, אין „פינסטערע" (חשוכים, מורדי-אור) און „אויפגעקלערטע" (משכּילים, נאורים), נאָר אין אונטער-דריקער און אונטעדריקטע, אין עהרליכע און נישט עהרליכע, און האָט אויף דעם אופן איינגעפיהרט, אָנשטאָט דעם רעליגיע-זען, דעם סאָציאַל-עטישען שטאַנדפונקט. שוין אין זיין ערשטער יודישער ערצעהלונג, אינ'ם „קליינמענשעלע", וואו עס זענען פאַרהאַן נאָך שפורען פון דער אַמאָליגער, נאַאיווער השכּלה, — שוין דאָ איז ד"ר שטיינהערץ, ווייל ער האָט אַ שטיינערנעם האַרץ, ווייל ער איז נישט קיין עהרליכער מאַן, צוגערעכענט צו די איסור וואַרגערס, צו די קליינמענשעלעך, — הגם ער איז אַ געביל-דעטער, אַ משכּיל. פערקעהרט, אַ רב איז פאַרהאַן דאָ דוקא אַ סימפּאַ-טישער (הגם קינסטלעריש איז ער אַ שאָטען, אָהן בלוט און פלייש), און יצחק אברהם תּקיף פערלאָזט זיך אויף איהם, אַז ער וועט פיהרען די תּלמוד-תּורה אינאיינעם מיט גוטמאַנ'ען דעם משכּיל, און עס וועט נישט זיין קיין מחלוקת צווישען זיי. גוטמאַן אַליין איז אַ ביסעל פערצוקערט, און אויך וועקער אין דער „טאַקסע" איז אי-דעאַליזירט, אָבער אויך זיי זענען פריהער ווי אַלץ נישט סתּם משכּילים, נאָר עהרליכע לייט, אידעאַליסטען, יודישע פּאַטריאָטען. אויך דער משכּיל רפאל (ווינשפינגעריל) איז פריהער ווי אַלץ אַ עהרליכער, גע-ניטער, וועלטליכער סוחר. און וויפיעל אַזוינע עהרליכע לייט, איידע-לע נאַטורען, אידעאַליסטען ווייזט אונז מענדעלי צווישען די אַלטע, די פרומע? וואו האָבען מיר ביי די שרייבער-משכּילים געהאַט אַ ר' בנימין („אַנ'אַלטע מעשה"), אַ ר' אברהם (ווינשפינגעריל")? מענדעלי מוסר'ט אַמאָל די פרומע, אָבער נישט פאַר זייער פרומקייט, אפילו נישט פאַר זייערע נאַרישע אַבערגלויבענס, נאָר דערפאַר, וואָס די פרומקייט און דער אַבערגלויבען ווערען אויסגענוצט פון די תּקיפים, די קהלס-לייט, אין זייערע שמד-שטיק געגען „שטאָדט", געגען די אָרימע ...

ערשטען בליק יענעמס אַ מינע, אַ וואָרט, וואָס עפּיס נישט אַזוי, משונה ווי ביי אַנדערע" *).

דער פאָטער האָט אַזוי ווי געשפּירט, אַז פון זיין זוהן וועט אַרויסוואַקסען אי"ה אַ גדול, האָט ער געלעגט אויף איהם כחות מעהר, ווי אויף אַנדערע קינדער: צו זעקס יאָהר גיט ער איהם אָב צו איי-נעם פון די בעסטע מלמדים, ער זאָל לערנען ביי איהם תנ"ך. תנ"ך פלעגט מען מיט קינדער לערנען דאַן ווענינ: ראשית, איז תנ"ך סתּם קיין למוד נישט, וויסען דעם טייטש פון פּסוק — אויך מיר אַ קונץ. אַ יונגעלע, נישקשה, קאָן בעשטעהן וויסען אַ בלאַט גמרא מיט אַלע אויס-רעדענישען; וויעדער שמעקט פון תנ"ך מיט מליצה, מיט השכלה. אַבּ-ראַמאָוויטשעס פאָטער איז פון השכלה געווען ווייטליך, אָבער אַ מליץ איז ער געווען אַ פערברענטער, תנ"ך האָט ער ליעב געהאַט, האָט ער געוואָלט אויך זיין קינד זאָל עס קענען. דערמיט האָט ער אַבראַמאָווי-טשען געגעבען דעם שליסעל צו לשון, ס'איז געווען אייגענטליך דער אָנהויב פון זיין השכלה...

אָט אַזוי האָט מענדעלי זיין ערשטען, הגם נאָך זעהר שוואַכען, טריט צו דער השכלה געמאַכט מיט דער הילף פון זיין אייגענעם פאָ-טער, מיט דער הילף פון אַ פרומען יודען, אָהן אַ שווערען קריזיס, אָהן אַ מלחמה מיט די אַרומיגע און אָהן דער ראָמאַנטיק, וואָס אין אַ מלחמה. שפּעטער, ווען ער איז גרעסער געוואָרען, אונטער דער ווירקונג פון איבערגאַנגס-אַלטער און פון דער נאַטור, וואָס אין תנ"ך און אַרום שטעדטיל, האָט אָנגעהויבען אין איהם עפּיס אויפצוכאַפּען זיך, עפּיס האָט איהם געצויגען ערגיץ, — שפּעטער האָט ער מיט זיך אַליין געפיהרט אַ שטרייט, בעהאַלטענערהייט. אין די מחשבות פלעגט ער „זינדיגען" און תשובה טון, ווי דער שטייגער איז פון קינדער עלוים, אָבער אַנדערע זאָלען איהם רודפ'ן — וועגען דעם ווערט אין זיין ביאָ-גראַפיע נישט גערעדט. אפילו מיט גאָטלאָבער'ן דעם אפיקורס אין אַ צייט אַרום אין קאַמענעץ איז ער בעקאַנט געוואָרען דורך אַ פרומען יודען; אַוועקגעפיהרט צו גאָטלאָבער'ן האָט איהם דער שמש פון שוהל, וואו ער האָט געלערנט. דערפאַר, קאָן זיין, איז אַבראַמאָוויטש אַוועק פון שוהל, פון די ד' אמות של הלכה, נישט קיין פערביטערטער, ווי

*) שלמה ר' חיים'ס.

בעוואָפּנט גייסטיג און קאָנען דיענען די פייערבערג רופט עס, אין גאָט׳ס גוואַרדיע...

דער פּאָטער האָט געהאַט אויף אַבראַמאָוויטשען קינדוויז אַ גרויסע און, ווי עס ווייזט אויס, אַ גוטע ווירקונג. ער איז געווען אַ למדן, אַ עהרליכער יוד, אָבער אויך וועלטליך: מיט אַ פּען אין האַנד, אַ בעל-לשון, אַ ריידער; „ער איז געווען, ווי מען זאָגט, אי צו גאָט, אי צו לייט. זיין צייט איז געווען אָבגעגעבען צו דער פרנסה, צו תּורה און אויך צו שטעדטישע זאַכען. יאָהרענלאַנג האָט ער געהאַלטען די טאַקסע פון פלייש אין שטעדטיל, יאָהרענלאַנג אַוועקגעווען אַ קאַזיאָנער רבֿ דאָרט, נישט בעלוינט צו ווערען דערפאַר. פלעגט אויך זאָגען אומזיסט אַ שיעור גמרא מיט פּוסקים פאַר יונגע לייט. זיין הויז איז געווען תּמיד פול, דער אַריין, יענער אַרויס, קיין זאַך האָט מען נישט געטון אָהן איהם. וואו ערגיץ אַ שפּאַרעניש, אַ לאָדעניש, איז ער געווען דער פערמיטלער; בשעת עפּיס אַ נויט אין כלל-זאַכען פלעגט מען אָנקומען צו זיינס אַנ׳עצה און וועגען אַלסדינג מיט איהם זיך מישב געוועזן“ *). ווי עס ווייזט, איז ער געווען דאָס פאָרבילד, ווען מענדעלי האָט געשאַפען שפּעטער די סימפּאַטישע געשטאַלט פון׳ם קלוגען, רוהיגען תּלמיד-חכם, דעם שטאָדטישען בעל-עצה, ר׳ בנימין („אַנ׳אַלטע מעשה“; אין העברעאיש: „לא נחת ביעקב“). אין מענדעלי׳ן אַליין, אין זיין געלאַסענקייט און זיין לעבענס-קלוגהייט, אין זיין דערקענען אַ מענשען, אין זיין ליעבע צום „דרך-הממוצע“ איז פאַרהאַן אַ ניצוץ פון דער דאָזיגער חשוב׳ער פּערזענליכקייט...

דאָס, וואָס זיין פּאָטער׳ס הויז איז פול געווען תּמיד — „דער אַריין, יענער אַרויס“, — דאָס האָט אַבראַמאָוויטשען קינדוויז שוין געגעבען די מעגליכקייט צוצוקוקען זיך צו כל-ערליי פאַרשוינען, צו כל-ערליי מינים יודען און יודענעס, צוצוהערען זיך צו זייערע רייד, אַכטונג צו געבען אויף זייערע תּנועות. שוין קינדוויז האָט אַבראַמאָוויטש אַרויסגעוויזען די שאַרפקייט פון זיין אויג און די הנאה, וואָס ער האָט פון נאָכקרימען, פון מאַכען אַנ׳אָנשטעל. „ס׳איז אין איהם געלעגען בטבע, זאָגט מענדעלי וועגען שלמה׳ן, ד. ה. וועגען זיך, — ס׳איז אין איהם געלעגען בטבע עפּיס אַזוינס, אויפצוכאַפּען באַלד ביים

---

*) שלמה ר׳ חיים׳ס.

פון לעבעדיגע מיני בעשעפענישען האָט ער געוואוסט: „אַ וויזילטיער, אַ לינדענוואָרם און אַ פּיפּערנאָטער, אַ לעמפּערט, אַ אינד, וואָס טוט טון גלוסטען אויף קוואַלען וואַסער, אַ שור הבר און אַ טירקעלטויב"*). ער איז אויסענגעווען אין אַרם נהרים, אין כנען, אין מצרים, אין פרס ומדי, אין שושן הבירה דאָרט און נאָך אין מדינות, פון הודו ביז כוש, אויך אין דער וויסטעניש און מדבריות, און אָנגעזעהען און אָנגעהערט זיך דאָרט זעהר פיעל וואונדערליכע זאַכען **). דער תלמוד, דער פאַרצייטיגער ריעז, „דער עוג מלך הבשן פון דער וועלט-ליטע-ראַטור", ווי מענדעלי רופט איהם אָן אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, דער תלמוד איז אין זיינע אויגען געווען עפּעס אַ יריד אויפ'ן הימעל, עפּעס קויפט מען און מען פערקויפט און מען בייט, און מען שרייט און מען דין-תורה'ט זיך... דער תנא-קמא און אַנדערע וואונדערליכע אונ-בעקאַנטע נעמען האָבען אָבגעלעבט אין זיין פאַנטאַזיע, געקריעגען פלייש און בלוט... מיט פערגעניגען און ענטציקונג האָט ער אומגע-שפּאַצירט אינ'ם „ברייטען און ווילדען פעלד" פון די אגדתות, וואו דער הימעל לאָזט זיך אַראָב אויף דער ערד און די ערד ווערט פער-הימעלט ***). די אגדה האָט געשפּייזט זיין פאַנטאַזיע, דער פּלפּול — זיין מוח; ווי עס ווייזט אויס, האָט דער מוח נאָך מעהר פעולה געהאַט, ווי די פאַנטאַזיע, און דער שפּעטערדיגער „יודישסטער יוד" („יהודי היהודים") איז, ווי אַלע זיינע חברים, יונגעלווייז שוין „אַ קליין יו-דעלע" געווען: אויפ'ן גאַס שפּיעלט ער זיך, שטיפט, בטבע איז ער אַ קאָכיגער, אַ הייסבלוטיגער, „אַ יונגעל מיט ביינער", אָבער אין הדר צי אין קלויז ביי דער גמרא, — דאָ ווייזט זיך אין איהם אַרויס די רוהיגקייט און מיושב'דיגקייט פון שפּעטערדיגען תלמיד-חכם; „לערנט ער, איז געלערנט, ער איז מיט דעם גאַנצען קאָפּ אַריינגעטון אין לערנען"... פיער אַ זייגער פאַרטאָג ווינטער, אַלע שלאָפען נאָך, וועקט איהם דער טאַטע — אינגאַנצען איז ער אַלט דאַן אַ יאָהר עלף — אין שוהל געהן לערנען אַ בלאַט גמרא. אַזוי ווי אַלע יודען אַמאָל, האָט אויך ר' חיים משה, אַבראַמאָוויטשעס פאָטער, געזעהען איבערגעבען דעם זוהן די ירושה פון די עלטערן, די הייליגע תורה, ער זאָל זיין

*) שלמה ר' חיים'ס. **) דאָרט. ***) ספר זכרון.

חזנים, גבאים, כּלי-קודש, רופאים, באַנקעס-שטעלער, בעל-מופתים, אָבשפּרעכער — מיט אַ „מסור" אפילו. אין קאַפּוליע האָט דער קינפּטיגער פאָלקס-דיכטער אָנגענומען זיך מיט איינדריקען און געשטאַלטען פונ׳ם קהל׳שען און שטובּיגען לעבען אין יענער צייט.

קאַפּוליע איז אָבער נישט נאָר אַ מוסטער-שטאָדט געווען פון יו-דישע „פּאַראָנדקעס", פון יודישע פּרנסות, פון יודישען דלות; קאַפּו-ליע איז אויך געווען אַ מקום-תּורה, „אַיין אָרט פון תּורה פון אייביגע יאָהרען, וואו די איינוואוינער זענען כּמעט אַלע לומדים; וואו דער בּית-המדרש, דער קלויז איז פול מיט בּעלי-הבּתּים און בּעלי-הבית׳לעך, וואָס זיצען און לערנען, אויך מיט ישיבה-בּחורים, פּרושים פון דער פרעמד, וואָס פערלאָזען ווייב און קינד, קנייטשען די גמרא און עסען טעג; וואו אַלע פאַרנאַכט בּין מנחה למעריב, פערקלייבען זיך אַרום בּעזונדערע טישען בּעלי-מלאכות און נאָך אַנדערע פונ׳ם עולם, צו הע-רען אַ גוט וואָרט פון די פירזאָגער דאָרט — בּיי איין טיש — מדרש, בּיים צווייטען — „עין יעקב", בּיים דריטען — פּסוק, בּיים פּיערטען — חובת הלבבות וכדומה אַזעלכע חקירה- און מוסר-ספרים; וואו שבּת און יום-טוב ווערען פון בּעלעמער נעבען אָרון-קודש געזאָגט פלאַמענדי-גע דרשות, וואָס צינדען אָן דאָס האַרץ פון די כּנסת ישראל מיט הייליגער ליעבע צו דער שכינה, וואָס זענען געווירצט מיט טרייסט-ווערטער פון די נביאים, מיט משלים, קלוגע, שאַרפע, גלייכווערטלעך פון די חכמים, מיט אַ קול, מיט אַ ניגון, וואָס דערקוויקט, צוגעהט זיך אין אַלע אבו״ים" *)... אין איינער פון די דאָזיגע שוהלען האָט געלעבט יונגעלווייז אויך שלום יעקב. דאָ, אינ׳ם „בּית-היוצר לנשמת האומה", אינ׳ם ווערקשטאַט פון דער פאָלקס נשמה, האָט ער אַריינ-געזויגען אין זיך דעם פאָלקס-גייסט און טראַדיציע, דאָ האָט ער די קליאַטשע, די כּנסת ישראל, אין דער געשטאַלט פון אַ פּרינץ גע-זעהען, דאָ האָט ער געלעבט אַ לעבען פול רוחניות, אַ לעבען, וואָס האָט קיין שייכות נישט צו דער ווירקליכקייט און צום חשך און צום דלות פון דער ווירקליכקייט... בּעת ער איז אַריינגעטון געווען אין חומש, איז ער אַרומגערינגעלט געווען מיט „ווייגערטנער, טייטלען, פייגען, מילגרוימען און איילבּערטען, פּימסענהאָלץ און בּיקסענבּוימער".

*) שלמה ר׳ חיים׳ס.

בערשטער באַנק אין באָד, להבדיל, האָט מען טאַקע נישט געשוויגען: שלום יעקב אַבראַמאָוויטש האָט זיך בערג מיט מעשׂיות אָנגעהערט. מעשׂיות פון דוכס׳ן און פון מכשׁפים און פון גלחים און פון משומדים און פון „בערלינער" און פון נאַפּאָלעאָנען און פון תּוגר און פון נישט גוטע און פון שפּרעכערס און טאָטערס... די טאָטערס׳ האָבן געוואוינט, אגב, טאַקע גופא אין קאַפּוליע, אין דער גוי׳שער גאַס, פערשטעהט זיך — ערלים; פאַר שטעדטעלדיגע, פאַר אייגענע האָט זיי קיינער נישט געהאַלטען. אין זייער גאַס, אַז מען פלעגט געהן, פלעגט מען נעמען אַ שטעקען, און מיט אַ שטעקען איז מען אויך נישט גאָר זיכער געווען. דאָך פלעגט דער קליינער ר׳ מענדעלי זיי זעהען אי אין דער היים שבת, ווען דער ערל פלעגט די לייכטער אַראָבנעהמען און די ערל׳-טע — די ציג אויסמעלקען; אי אין שוהל, וואו ער, דער שבת-גוי, פלעגט לעשען די ליכט; אי אין מאַרק אויפ׳ן יריד, אי אויפ׳ן וועג, וואָס פיהרט אין וואַלד, וואוהין דער היציגער אומרוהיגער שלום יעקב פלעגט זיך פערקלייבען אַ מאָל... און די אַלע שטעדטישע אָדער דאָר-פישע גאַוורילע׳ס און מיקיטע׳ס, וואָס זענען צוזייט איבער מענדעלי׳ס ווערק און זענען געמאָלט אַזוי וואַרהאַפטיג און מיט אַזאַ הומאָר, אָט די אַלע שבת-גויים און אַזוי גויים, שפּרעכערס און שפּרעכערינס, סיי די, וואָס זענען מבין, סיי די, וואָס זענען נישט מבין בלשון, — זיי אַלע האָבען נישט איינמאָל שבת זיך מיט קאַפּוליער חלה געקוויקט און פערביסען ביי אַ קאַפּוליער שענקער אָהן אַ פּאַטענט; גלייך פון שטעדטיל אָדער פון דאָרף, פרישע, לעבעדיגע, ווילדע און גוטמוטיגע, אַזוינע פרעמדע און דאָך נאָהנטע — האָט זיי מענדעלי אין דער יודישער ליטעראַטור אַריינגעבראַכט...

אָבער וויכטיגער איז דאָס, וואָס קאַפּוליע האָט מענדעלי׳ן געגע-בען שטאָף פאַר זיינע יודישע פאַרשוינען, פאַר זיינע קהל׳ס-לייט, זיינע גבירים און קבצנים, קאָכלעפלעך און טעלערלעקער און בטלנים, שדכנים, מלמדים, מקבלים, מחברים, קליינע מענשעלעך; פאַר זיינע יודינעס און „קליינע יודעלעך", — כל הקהל הקדוש הזה, די גאַנצע היילגע, אָרימע, געליעבטע און געהאַסטע עדה.

אין קאַפּוליע זענען געווען אַלע אינסטיטוציעס און חברות, אָהן וועלכע אַ קהלה איז קיין קהלה נישט: אַ שוהל-הויף מיט קלויזען מיט אַ תּלמוד-תּורה, מיט אַ קהלס-שטיבעל, מיט אַ הקדש, מיט אַ חברה-קדישא, מיט אַ טאַקסע, מיט אַ באָד, להבדיל, מיט רבנים, דיינים,

ליטאָ (1898), — האָט ער געשריבען לכתחילה אָנשטאָט אַן׳אויטאָביאָ-גראַפיע.

שלמה ר׳ חיים׳ס — דאָס איז שלום יעקב בן חיים משה אַבראַמאָוויטש. קאַפּוליע (Копыль) מינסקער גוב., סלוצקער אויעזד — דאָס שטעדטיל, וואו ער איז אין 1835 געבוירען געוואָרען, איז אַ טיפּיש ליטוויש שטעדטיל. געהערט צו אַ פּריץ. אַז ס׳איז פאַר-האַן אַ פּריץ, זענען פאַרהאַן מעשות, לעגענדעס וועגען פּריץ; פאַר-האַן יודען מקורבים דעם פּריצ׳ס, איינגעהער אין „הויף״. דער פּריץ בעהמט צינזען ביי שטעדטיל; דער פּריץ מאַכט גזירות אויף יודען, טוט חסדים מיט יודען... אין די בענעמונגען פון שטעדטיל צום „הויף״ שפּיגלען זיך אָב, ווי אין אַ טראָפּען וואַסער די זון, די בענעמונגען פונ׳ם געטאָ צו דער וועלט. אויפ׳ן קאַפּוליער תושב ווירקט נישט נאָר די צוציהונגס-קראַפט פון „קהל״, פון געטאָ, נאָר אויך די אָבשטויסונגס-קראַפט פון „הויף״, פון דער פרעמדער אַרומיגער וועלט. הינטער קאַפּוליע לאָזט זיך אַראָב דער הימעל אויף דער ערד, יעדענפאַלס לאָזט זיך אַראָב אַ שלייער אַ געדיכטער, און מען זעהט דורך איהם בעפּעלדיגע פאַנטאַסטישע געשטאַלטען: די הרי-חשך, די מדבריות מיט די עקדישען, סמבטיון מיט די רויטע יודעלעך... ליטעראַטור, וואָס איהר מקור זענען זכרונות פון קאַפּוליע, דאַרף האָבען — און זי האָט טאַקי ביי מענדעלי׳ן — אַן׳אייגענאַרטיגע, נישט גאָר קיין געוועהנליכע פאַרב; מענשען, וואָס קומען פון דער וועלט, פון „אייראָפּע״, קאָן זי אַמאָל זוויסקומען מאָדנע פרעמד. אַנ׳אמת׳ער יוד אָבער זוכט נישט קיין כבוד ביי דער „וועלט״, ער האַלט זי פאַר אַ קנאַפּער מבינ׳טע...

אַזוי-צו-אַזוי, קאַפּוליע איז אַן׳איינגעפּונדעוועט, יחוס׳דיג שטעד-טיל מיט אַנ׳אַלטען בית-עולם, מיט פּנקס׳ן, נאָך פון פאַר דער ער-שטער שרפה... אַ שכן האָט זי — אַ באַרג, מ׳רופט איהם „שלאָס״. אַ סברה, אַז אַ מאָל, גאָר פאַרצייטען, זענען געזעסען דאָרט פּידשטען ליטווישע, האָבען געלעבט אַ פּירשטליך לעבען, און זיי איז אודאי אויפ׳ן זינען גאָר נישט אַרויף, אַז ווען עס איז וועלען יודישע קינדער, חדר-יונגלעך, קונדסים מיט פערשמירטע פּנימ׳לעך, זיך שפּיעלען דאָ אין ניס שבת און יום-טוב און בין-הזמנים... און אַלטע יודען און יודענעס וועלען האָבען, וואָס צו דערצעהלען... אויף די פּריזבעס זומער און אין די לאַנגע, אומעטיגע ווינטערדיגע אָוועגדען נעבען גרויסען אויוען, ביי׳ם „לוטשניק״, און אונטער׳ן אויוען אין שוהל און אויף דער אוי-

כאַראַקטעריסטיש פאַר דער צייט, אין וועלכער מען לעבט, איז זיך שווערער אַמאָל צו בעפרייען, ווי פון איהרע גרונד-יסודות.

ווילען מיר אויפזוכען די גרונד-יסודות פון מענדעלי׳ס שאַפען, מוזען מיר זיך ווענדען נישט צו דער השכלה, נאָר בכלל צו דער סביבה, אין וועלכער מענדעלי איז אויסגעוואַקסען: די השכלה איז נאָר איינע פון די קרעפטען, וואָס האָבען געווירקט אין דער סביבה. זי האָט רעאַגירט טאַקע אויף אַ ל ע כחות פון דעם אַרומיגען לעבען, און אַז מען רעדט וועגען איהר, רעדט מען וועגען אַ געוויסען פער-האַלטען זיך צו אַ ל ע קרעפטען, צו אַלע עלעמענטען פון דער אי-דישער סביבה; מענדעלי איז אָבער צו נאָהנט צום לעבען, ער זאָל עס געניסען פון אַ צווייטער האַנד; ער האָט זיין חיות געשעפט פון ערשטען מקור, און מען דאַרף זיך דעריבער ווענדען נישט צו דער השכלה, וואָס איז מעהר נישט, ווי אַ אידעאָלאָגישע אָבשפיגלונג פון לעבען, נאָר צום לעבען זעלבסט.

---

## II.

אין דאָס לעבען פון יענער צייט פיהרט אונז אַריין די יוגענד-ביאָגראַפיע אַבראַמאָוויטש׳עס.

זי דערנעהנטערט אונז, אגב, נישט נאָר צום אויסווייניגסטען, ס ב י ב ה ׳ ש ע ן, נאָר אויך צום מעהר אינטימען — פערזענליכען קוואַל פון מענדעלי׳ס שאַפען.

אין זיינע ווערק איז פאַרהאַן אַ סך אויטאָביאָגראַפישעס: דער גרעסטער און — אין קינסטלערישען זין — בעסטער טייל פון זיין שאַ-פען איז אָנגעזעטיגט נישט אַזוי פון קינסטלערישער פאַנטאַזיע, ווי פון קינסטלערישער עראינערונג. קיינער פון די יודישע שרייבער איז נישט אַזוי נאָהנט צום טיפ פון מעמואַרען-שרייבער, ווי מענדעלי, קיינער פון זיי, אַ חוץ שלום-עליכם׳ען, האָט אַזוי פיעל נישט אויסגענוצט זיינע אויסווייניגסטע פערזענליכע ערפאַהרונגען, ווי ער, און קיינער האָט גאָרנישט געהאַט, דוכט מיר, אַזוי פיעל אויסווייניגסטע — און דערצו נאָך אַזוינע ריין יודישע — ערפאַהרונגען. איינס פון די לעצטע ווערק זיינע, ש ל מ ה ר׳ ח י י ם׳ ס, אַ בילד פון יודישען לעבען אין דער

(אפשר דערפאַר האָט ער אַזוי ליעב די קינדהייט און גיט איהר אָב זיינע הארציגסטע שורות); ער איז דער היפך פון ראָמאַנטיק, ער איז ניכטערקייט, קלאָרקייט; ער איז געבוירען געוואָרען מיט אַן׳אויג, וואָס זעהט דאָס קלענסטע, דאָס ווייטסטע, אפילו זיך אַליין זעהט ער גוט (ווי הויך דאַרף מען זיך שטעלען צו זעהען זיך!), ער איז אַן׳אַנאַ־ליטיקער, ער איז די פערקערפערטע פקחות. ווען ער מאַכט זיך תמ׳־עוואַטע, איז די פקחות נאָך קענטיגער; פון אַלע יודישע שרייבער איז ער דער געניטסטער אין לעבענס-זאַכען: ווען ער רעדט מליצה, איז עס מעהר נישט ווי מליצה, לשון, סטיליזאַציע, דער אינהאַלט איז שטענדיג ביי איהם אַן׳איינפאַכער, אַ רעאַלער.

ער איז אַלזאָ נישט קיין טיפּישער משכיל, ער האָט געשאַפען אַ נייעם טיפ משכיל, ער האָט געשאַפען מענדעלי׳ן: אַ משכיל, וואָס בלייבט איינוועניג, אין דער אידישער מאַסע; אַ משכיל אַ רעאַליסט, אַ משכיל אַ סקעפּטיקער, אַ הומאָריסט. (ס׳אַראַ אונגעריכטע צונויפפאָרונג!). אין איהם זענען פאַרהאַן סתירות, ער זאָגט אַליין, אַז אין איהם זיצען צוויי מענדעליך; אָבער וואו האָט איהר געזעהען אַ פערשטעלטען, וואָס זאָל זיין האַרמאָניש? און מענדעלי איז אַ פער־שטעלטער. שוין אָט די סתירות גופא, אויב איהר ווילט, איז אַ נייס: אין דער השכלה-ליטעראַטור זענען נישטאָ קיין מענשען מיט סתירות, דאָרט איז נישטאָ קיין קאָמפּליצירטקייט. די מענשען זענען דאָרט אָנגעצויגען אַזוי ווי אויף שנירלעך, דאָ אַזאַ סאָרט שנירעל, דאָ — אַן׳אַנדערער; אינמיטען מישט זיך אַריין אַ מאָל דער צבוע׳ק, אָבער צביעות איז נישט קיין אינוועניגסטע סתירה. מענדעלי האָט אַריינגעבראַכט אין דער יודישער ליטעראַטור די אינוועניגסטע סתירות, דעם אינוועניגסטען קאַמפף, ער איז געקומען מיט ספקות, וועלכע האָבען זיך דעם משכיל נישט גע׳חלומ׳ט אפילו — — —

דאָך, אויסוועניגסטע סמנים האָט דער משכיל, ווי געזאָגט, איבערגעלאָזט אויף מענדעלי׳ס שאַפען, אויסערליך האָט מענדעלי נישט ליעב זיך אָבצושיידען דעם פרומען פון׳ם כלל: צווישען פאַרציי־טיגען עולם איז ער אַ פרומער און אַ פאַרצייטיגער, צווישען משכילים — אַ משכיל; ער איז „אי אַהין, אי אַהער", עהנליך צו יאַקאָבזאָהן אינ׳ם „קליינמענשעלע". דאָס זענען אָבער איינצעלהייטען, קלייניגקייטען, נישט מעהר. פון די איינצעלהייטען און קלייניגקייטען, וואָס זענען

מען טאָר נישט, און געלערנט דקדוק און דייטשען אלף-בית, און געקוויקט זיך מיט די „קורצע שורה׳לעך״, און געקאָכט זיך וועגען דער „טאַקסע״ און וועגען דעם רב, וואָס וויל נישט מתיר מאַכען „קטניות בפסח״, — און דאָס צווייטע געזיכט — אַ דייטשעס, — „בצאתך״, אין דער פרעמד, אין „דער גרויסער וועלט״, וואוהין דער משכיל, דער פריהערדיגער אידעאַליסט און יודישער פאַטריאָט, פלעגט אַוועקגעהן, בעקומענדיג אַ דיפלאָם, אַ הכשר אויף אַראָפּוואַרפען פון זיך דעם יאָך פון דער אַלטער, בית-המדרש׳דיגער יודישקייט. מען האָט שוין געקאָנט, זאָג איך, זעהען דאַמאָלס, אַז אויפ׳ן עץ הדעת פון דער השכלה וואַקסען, אַ חוץ גן-עדן-עפּעלעך, אויך אַנדערע, נישט אַזוינע געשמאַקע. מענדעלי האָט עס געזעהען. מיט די פינגער האָט ער געטייט אויף דעם, וואָס איז פאַר אַנדערע נאָך בעדעקט געוועזן מיט אַ שלייער... די מעלה — און דאָס פּראָבלעם — פון אַ מענשען, וואָס איז מעהר ווי אַנ׳עכאָ פון זיין צייט, — בעשטעהט דערין, וואָס, זייענדיג אַליין פערבלענדעט פון דער צייט, צו וועלכער ער געהערט, עפענט ער איהר דאָך די אויגען. געוויס האָט מענדעלי ביי זיין צייט גענומען אַ סך, ער האָט איהר אָבער געגעבען מעהר, וויפיעל ער האָט גענומען; די סמנים, וואָס די השכלה-צייט האָט אויף איהם איבערגעלאָזען, זענען ריין-אויסוועניגסטע. אינערליך האָט אויף מענדעלי׳ן די השכלה שפּעטער אַ פערקעהרטע ווירקונג געהאַט: זי האָט איהם געטריבען צו ווערען אויס משכיל, אַריינצוברענגען אין דער יודישער ליטעראַטור טענדענצען, וואָס דעם טיפּישען משכיל זענען זיי פרעמד. דער טיפּישער משכיל — ווי בכלל יעדער טיפּישער אָנהויבער פון אַ נייער תקופה — איז נאַאיוו; ער רעדט, דאַכט זיך, וועגען שכל הישר, אַליין איז ער אָבער אַ ראָמאַנטיקער, דער קאָפּ איז ביי איהם אָנגעשטאָפּט מיט פאַנטאַזיעס; ער האָט ליעב מליצה, ד. ה. זיסע און שעגע — און ס׳מאַכט נישט אויס, ווען פּוסטע — רייד; פון קלאָרע דבורים האַלט ער נישט, ער קעהרט זיך אָב פון זיי מיט פעראַכטונג; קלאָר איז אין זיינע אויגען נאָר דאָס קומענדיגע, דאָס געווינשטע; אינ׳ם היינט זעהט ער שאָטענס און הערט נאָר דעם פליגעל-גערויש פון די פלעדערמייז אין דער דונקעלער לופט, — פּרטים געהען איהם נישט אָן... הכלל, ער האָט אַ שם פאַר אַנ׳אפּיקורס — און אין דער ברוסט צאַפּעלט זיך ביי איהם, נעבעך, אַ גלויביג, אַ קינדיש האַרץ. אַבראַמאָוויטש איז אָבער דער היפך פון דעם, דער היפך פון קינדישקייט

# ערשטער באַנד.

## שָׁלוֹם יַעֲקֹב אַבְּרַאמָאוויטְש.

## מֶענְדֶעלֶי מוֹכֵר־סְפָרִים

### (צו זיין 75־יעהרינען יובילעאום).

### I.

...אַבראַמאָוויטשעס ליטעראַרישער נאָמען — מענדעלי מוכר ספרים — איז מעהר ווי אַ געוועהנליכער פסוידענים, ער איז אַ געשטאַלט, אַ איבערגאַנגס־טיפּ פון אַ איבערגאַנגס־צייט: מיט אַ סך געזיכטער, נאָר מיט איין שמייכעל אויף זיי אַלעמען; מיט איין רוהיגען, איינגעהאַלטענעם, כמעט פערגליווערטען און דאָך לעבעדיגען שמייכעל... אַ לעבעדיגע עראינערונג פון אַ געשטאָרבענער עפּאָכע... אַבראַמאָוויטש האָט זי אָבגעוואַשען, אָנגעטון אין בגדים פון איין כּאַרב און איין שטיק און בעהאַלטען לזכּרון פאַר די קומענדיגע דורות...

דאָס יודישע לעבען איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט, ס'האָט דורכגעמאַכט פערשיעדענע צייטען, „עפּאָכען"; אויף יעדע פון זיי האָט מענדעלי זיך אָבגערופען, זיך אָבגערופען אויף זיין אייגענעם שטייגער; יעדע פון זיי האָט ער בעגלייט מיט זיין איראָנישען, נישט גאַנץ אָפּענעם בליק, מיט זיין שמייכעל, וואָס איז אַמאָל בייז, אַמאָל מילד, אָבער שטענדיג אונפערטרויליך... דאָך איז זיין וואורצעל געבליבען שטעקען אין דער פריהערדיגער תקופה, אין דער תקופה, וואָס אָנגעהויבען האָט זי זיך פאַר איהם און וואָס ער האָט דאָך איינגעקריצט אין איהר זיין נאָמען, אַריינגעשריבען אין איהר זיינעם אַנ'אייגענעם קאַפּיטעל. דאָס איז די תקופה, ווען איין מענש מיט אַ שאַרף אויג האָט געקענט שוין זעהען, אַז די השכלה האָט צוויי פּנים'ער: איינס אַ יודישליכעס, „באהליך", אין דער היים, אויף די שאַלקעס און אין דער וויבערשער שול, וואו מען איז געזעסען בעהאַלטענערהייד, מיט מסירת־נפש און מיט דער הנאה, וואָס מ'האָט פון אַ זאַך, וואָס

## פונ׳ם פערפאַסער.

די שטודיעס, וואָס זענען צונויפגענומען דאָ אין איין בוך און וואָס דער אויטאָר קוקט אויף זיי, ווי אויף ליטעראַרישע פראָבעס׳ פראַגמענטען, פאָראַרבייטען, וואָרום זיי זענען נישט פון איין גוס און עס פעהלט נאָך אין זיי קלאָרקייט, איבערזיכטליכקייט, שלמות פון דער פאָרם — זענען אַלע אינגאַנצען אָדער טיילוויז געדרוקט געווען אין פערשידענע צייטשריפטען. אָבער איידער זיי זענען אָבגעגעבען געוואָרען צום איבערדרוקען זענען זיי, ווי ווייט עס איז מעגליך גע־ווען, פעררעכט געוואָרען הן אין דער שפּראַך, הן זינ׳ם אינהאַלט. מאַנכער לעזער וועט שפּירען אין זיי אפשר איין גוסט און איין גייסט— יעדער פון די אַרטיקלען איז דאָך אָבער פאַר זיך אַ זאַך, פונקט אַזוי ווי יעדער פון די שרייבער, וואָס עס רעדט זיך וועגען זיי, איז פאַר זיך אַ וועלט אָדער אַ וועלטעלע. די פערגלייכונגען, וואָס זענען געפּרובט געוואָרען צו מאַכען דאָ צווישען פערשידענע דיכטער, זענען אויסען, ווי דער לעזער וועט זעהען, ניט דאָס גלייכע, וואָס אין זיי, אַרויסצו־געפינען, נאָר, פערקעהרט, דאָס, וואָס שיידט זיי אָב איינעם פונ׳ם אַנ־דערן. דאָס אָבגעשיידטע, דאָס אייגענע איז וויכטיג דערהויפּט אין אַזאַ יונגער, ערשט אויפקומענדיגער ליטעראַטור, ווי די יודישע, וואו עס זענען נישטאָ נאָך כמעט קיין טראַדיציעס, און איטליכער געהט זיך מיט זיין איינענעם וועג — — — —

# אינהאַלט:


שלום יעקב אַבראַמאָוויץ (מענדעלי מוכר ספרים) . . . . . . . 7.
שלום עליכם . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 71.
י. ל. פרץ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 135.
דאָס בוך („פאָלקסטומליכע געשיכטען“ פון י. ל. פרץ.) . . . . . . 179.
דוד פינסקי . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 203.

LIBRARY
AUG 13 1974
UNIVERSITY OF TORONTO

PJ
5120
C5
V.1

ש. ניגער.

# וועגען יודישע שרייבער.

## קריטישע אַרטיקלען.

ערשטער באַנד.

פערלאַג
ז. ש. שרעבערק,
ווילנאַ.

פערקויף:
געזעלשאַפט „צענטראַל“,
וואַרשאַ.

וואַרשא,

PLEASE DO NOT REMOVE
CARDS OR SLIPS FROM THIS POCKET

UNIVERSITY OF TORONTO LIBRARY

PJ Charney, Samuel
5120 Vegen Yudishe shrayber
C5
v.1